STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09770

GEKLIBENE SHRIFTN

Pinye Kats

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

DONACION
EN MEMORIA DE
MASCHE MENDL
DAICH

פּ. קאַץ

געקליבענע שריפטן

באַנד IV

אַרויסגעגעבן פון אַ
געזעלשאַפטלעכן קאָמיטעט
ביים פאַרלאַג „איקוף"

★

בוענאָס איירעס
1946

PRINTED IN ARGENTINE
Impreso en la Argentina
Hecho el depósito de ley

אידן אין ארגענטינע

זייט

ארגענטינער אידן — — — — — — — — — — — — — — 5

די אידיש־ארגענטינישע יוגנט און איר קולטור — — — 15

פופציק יאָר אידן אין ארגענטינע — — — — — — — — 27

אַרגענטינער אידן

מיר רופן זיך אַרגענטינער אידן מיט דעם גאַנצן באַוואוסטזיין אונדזערן, מיט אונדזער איבערצייגונג און גלויבן, אַז מיר זיינען דאָס און מיט אונדזער הייסן פאַרלאַנג דאָס צו זיין.

מיר, מיין איך די הי־געבוירענע אידן, ווי די איינגעוואַנדערטע, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט און האָבן פאַרבונדן מיט דעם לאַנד אונ־דזער גורל, אונדזער צוקונפט און האָבן דאָס ליב ווי מען האָט ליב אַ זאַך וואָס מען שאַפט אַליין אָדער מען העלפט זי שאַפן און פאַרפול־קאָמען, ווי מען האָט ליב די היים, וואָס מען האָט מיט אייגענע הענט אויפגעבויט.

נישט אומזיסט האָט דאָס וואָרט פּאַטריאַ זיין עקוויוואַלענט אין ענגליש „האָם" (היים) און דאָס אייגענע אין אַנדערע שפּראַכן. היימ־לאַנד איז, אַגב, צוגעפּאַסטער צו זאָגן אין אַ לאַנד, וואו עס איז נישט אָנערקענט דאָס בלוט־רעכט און נישט די ירושה־פּריווילעגיעס, וואָס זיינען אַנטהאַלטן אין דעם קאָנוועגציאָנעלן וואָרט פּאַטריאַ.

מיר האָבן ליב די היים אונדזערע און מיר זיינען דעריבער גרייט זי צו פאַרטיידיקן פון דרויסנדיקע און פון אינעווייניקסטע שונאים. נאַטירלעך, פון די וואָס מיר באַטראַכטן זיי פאַר אַזעלכע. מיר באַ־טראַכטן, למשל, פאַר אינעווייניקסטע שונאים פונעם לאַנד דאָס הייפל ענגהאַרציקע אַזוי גערופענע „נאַציאָנאַליסטן", וואָס ווילן מאָנאָפּאָלי־זירן אין זייערע הענט די מאַכט בכדי צו פאַרוואַנדלען אונדזער לאַנד אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער און איינפירן ביי אונדז דעם פאַשיסטישן שקלאַפן־רעזשים.

מיר האָבן ליב אונדזער היים און מיר פרייען זיך מיט יעדן פאָר־שריט אויף די געביטן פון איר עקאָנאָמישער, קולטורעלער, וויסנשאַפט־לעכער און קינסטלערישער אַנטוויקלונג.

מיר האָבן ליב אונדזער היים און מיר פאַרערן די גרויסע מענער, וואָס האָבן זי באַפרייט פון אונטער דער קאָלאָניאַלער הערשאַפט און געעפנט דאָס לאַנד פאַר אַלע די וואָס זיינען וויליק געווען צו באַאר־בעטן און אַריינצוברענגען אַהער זייערע כוחות און דערפאַרונגען.

מיר האָבן ליב אונדזער היים און מיר ווילן זי נישט זען פאַר־וואַנדלט אין אַ גיהנום פון ראַסן־האַס, נאָר פאַרקערט, אין אַ ברידער־לעכער משפחה, וואו אַלע זאָלן צוואַנגלאָז מיטאַרבעטן פאַר אַלעמענס וואוילזיין.

פון דעם געזאָגטן, אגב, איז צו זען, אַז ווען מען פרעגט אונדז מיט וואָס מיר זיינען אַרגענטינער, ווייסן מיר וואָס צו ענטפערן. נישט אַזוי גרינג איז עס צו ענטפערן אויף דער פראַגע מיט וואָס זיינען מיר אידן און דעריבער אויך פאַרוואָס רופן מיר זיך אַרגענטינער אידן.

צווישן אידן גופא, ווי צווישן נישט־אידן, איז נישטאָ קיין איי־ניקייט אין דער פראַגע וואָס אַזוינס אידן שטעלן מיט זיך פאָר אַלס איינהייט. פאַראַן אַזויפיל מיינונגען וועגן דעם קאָנצעפּט א י ד וויפל וואונטשן צו זען דעם איד אין אַזאַ אָדער אַנדער שיין, וויפל סאָציאַל־פּאָליטישע אָדער קולטור־געזעלשאַפטלעכע קוק־ווינקלען פון וועלכע מען קוקט אויף די אידן. טייל ווילן זען אינעם איד אַ ראַסן־באַגריף, טייל ווילן אין אים זען אַ רעליגיעזן, אַ פילאָזאָפיש־עטישן, אַ נאַציאָנאַל־עטישן, אַ קולטור־היסטאָרישן, א. א. וו.

אָבער אויך צווישן די וואָס שטייען אויף דעם אָדער יענעם שטאַנדפּונקט מכוח דעם וועזן פון אידן, איז נישטאָ קיין איינגיקייט. מירן נעמען צוערשט דעם ראַסן־שטאַנפּונקט. מען קען זאָגן, אַז וויפל ראַסן־טעאָרעטיקער, כמעט אַזויפיל ראַסן־טעאָריעס זיינען פאַראַן וועגן אידן; אָנגעהויבן פון דער איצט שוין פאַרוואָרפענער לינגוויסטישער, וואָס האָט באַשטימט די ראַסע לויט שפּראַך און קולטור; דער אַנט־ראָפּאָלאָגישער, וואָס מעסט די שאַרבנס, די פּנימער, דעם וואוקס און קוקט אויף דעם קאָליר פון די אויגן און פון די האָר; דער ביאָלאָ־גישער, וואָס ראַסע איז ביי איר אַ רעזולטאַט פון נאַטירלעכער סע־

לעקציע, א פּראָדוקט פון דער סביבה און פון דער צופּאַסונגס־פעיקייט ביי די אינדיווידן; דער סאָציאָלאָגישער, פאַר וועלכער ראַסע איז א געזעלשאַפטלעכער אויסדרוק, א פּראָדוקט פון היסטאָרישער אַנטוויק־לונג, ביז די וואָס לייקענען איבערהויפּט די עקזיסטענץ פון ראַסע, ווי פּ. מילער, וואָס דערקלערט ראַסע פאַר א פּוסטער פראַזע, פאַר ריינער שאַרלאַטאַנעריי אָדער ווי יערינג, וועלכער דריקט זיך אויס (אין זיין בוך פאָרגעשיכטע דער אינדאָ־אייראָפּעער 1894): פאַרבייט די פעלקער אין די ווינעלעך, וואָלטן פון די סעמיטן אויסגעוואַקסן אַריער און פון די אַריער — סעמיטן.

מיר שטעלן זיך אָפּ אויף דער „וויסנשאַפטלעכסטער” פון די אַלע טעאָריעס, דער אַנטראָפּאָלאָגישער. אויף דעם אַנטראָפּאָלאָגישן קאָנ־גרעס אין אולם אין 1892, האָט לושאַן פעסטגעשטעלט, אַז אידן זיינען א געמיש פון אַריער (די אַלטע אַמאָרעער), סעמיטן און העטיאַנער. ווי עס זאָגט זיך ביים נביא יחזקאל קאַפּיטל 16, 3: „דיין פאָטער איז אַן אַמאָרעער און דיין מוטער א העטיאַנערן”. פאַכט און בראָ־קאַ האָבן געהאַלטן, אַז אידן טיילן זיך אויף צוויי ראַסן־גרופּן: ספרדים און אשכנזים; די ערשטע זיינען ריינע סעמיטן און די צווייטע — אַריער, אָדער סעמיטן אויסגעמישט מיט דייטשן און סלאַוון. געקומען איז דערנאָך יודט און האָט דערקלערט, אַז לויט אַלע אַנטראָפּאָלאָגישע סימנים זיינען גאָר אידן אַן אַלפּינישע ראַסע. צאָלשאַן לייקנט אינגאַנצן די עקזיסטענץ פון דער אַלפּינישער ראַסע און ווידעראַמאָל אויפן גרונט פון שאַרבן־אויסמעסטונגען און אַנדערע אַנטראָפּאָלאָגישע סימנים, קומט ער צום שלום, אַז אידן זיינען א זעלבסטשטענדיקע ראַסע, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט פון אַלטע אַראַבער, עגיפּטיאַנער און בערבערן...

אַזוי לאַנג האָט מען זיך געפּלפּולט איבער די לאַנגקעפּיקע און קורצקעפּיקע ראַסן, ביז ס'איז געקומען א ניו־יאָרקער פּראָפעסאָר, באָאַז, און האָט אויסגעפונען, אַז די קינדער פון די קורצקעפּיקע אידן, וואָס ווערן געבוירן אין אַמעריקע, ווי די קינדער פון די לאַנגעפּיקע סיצי־ליאַנער, וואָס ווערן געבוירן אויף דעם זעלבן באָדן, האָבן איין איינ־ציקע קאָפּ־פאָרעם; דער שאַרבן פונעם אַמעריקאַנער געבוירענעם איד ווערט לענגער און דער שאַרבן פונעם אַמעריקאַנער געבוירענעם סי־

ציליאַנער ווערט קירצער. און אויב דאָס אייגענע פּאַסירט אויך ביי אונדז אין אַרגענטינע, איז אַ סוף צו אונדזער אידישקייט, ווען מיר זאָלן זיך שטעלן אויף דעם ראַסן־שטאַנדפּונקט בנוגע דעם אידישן וועזן.

נאַטירלעך, דאַרף מען אָנעמען, אַז אויף די אויסמעסטונגען פון דעם אַמעריקאַנער פּראָפעסאָר האָט נישט ווייניק געווירקט זיין סאָציאַל־פּאָליטישער און קולטור־געשיכטלעכער קוק אויף אַמעריקע אַלס שמעלצטאָפּ פון די ראַסן, פּונקט ווי אויף די אויסמעסטונגען פון די היטלעריסטישע פּראָפעסאָרן, וואָס שטעלן אַרויס די אַרישע ראַסע אַלס די העכסטע און די סעמיטישע אַלס די נידעריקסטע, ווירקט נישט ווייניקער דער ווילן צו זען די דייטשן אַלס די באַהערשער פון דער וועלט און די אידן אין דער ראָל פון שקלאַפן, אָדער גאָר אַלס פאַרשוואונדענע בייזע קאָנקורענטן. אַזוי האָט אויף גאָבינאָס לינגוויסטישער ראַסן־טעאָריע געווירקט דער ווילן צו זען די פראַנצויזישע אַריסטאָקראַטיע אין שפּיץ פון דער וועלט; אויף אוסטען טשעמבערליינס „אַרישער וועלטאַנשויאונג” האָט זיכער געווירקט זיין שנאה צום קריסטנטום, וואָס שטאַמט פון דער אידישער רעליגיע, ווי אויף גומפּלאָוויטשעס סאָציאָלאָגיש־פּסיכאָלאָגישער ראַסן־טעאָריע, האָט געווירקט זיין הויך שטעלן דעם גייסטיקן פאַקטאָר אין דער געשיכטע.

דעם רעליגיעזן קאָנצעפּט פון איד איז פּשוט שווער אָנצונעמען ביי היינטיקער צייט פון אומגלויבן, ווען כמעט דער גאַנצער יונגער דור אידן איז אַטעיסטיש און ווען אַפילו די רעליגיעזע אידן האָבן געמאַכט אַזוי פיל הנחות דעם פרייען געדאַנק און דער וועלטלעכקייט, אַז עס איז שוין באַלד גאָרנישט געבליבן פון דער רעליגיעזער אידישקייט. אַחוץ דעם בלייבן דעמאָלט אין אַ פאַרלעגנהייט יענע רוסישע קאָזאַקן, וואָס דאַוונען צום אידישן גאָט אינעם אידישן סידור און היטן אָפּ די דינים פונעם „שולחן ערוך” אָדער יענע נעגערס, וואָס דינען צום אידישן גאָט, ווי די אידן פון קריסטלעכן גלויבן, וואָס רופן זיך „ניי־ישראל”.

בכלל מערקט זיך לעצטנס אַ דערנענטערונג צווישן די רעליגיעס, אַ מין אָפּשלייפונג פון די שפּיציקייטן זייערע, פון דעם פאַנאַטיזם, וואָס האָט זיי דורות לאַנג געהאַלטן אין מלחמה צווישן זיך. מען הערט

לעצטנס זייער אָפּט וועגן גלחים און רבנים, וואָס טרעטן אויף אויף איין טריבונע און גלחים ציטירן פּרעצעפּטן פון „פרק", ווי רבנים ציטירן פּסוקים פון דעם נייעם טעסטאַמענט. עס מאַכט דעם איינדרוק ווי אונטער דעם מבול פונעם אַטעיזם, וואָס האָט אינעם ראַטנפאַרבאַנד אַראָפּגעזעצט די אָרטאָדאָקסישע קירכע פון איר הערשער־טראָן, ווי פון דעם נעאָ־פּאַגאַניזם אין דייטשלאַנד, וואָס האָט דאָס אייגענע געטאָן מיט דער קאַטוילישער און לוטעראַנישער קירכע, האָבן זיי זיך גענומען ברידערן, ווי אין דער באַקאַנטער פּיעסע „דער מבול" פון בערגער, און צוזאַמען מיט דער אַלטער אידישער רעליגיע דערמאָנען זיי זיך דעם געמיינזאַמען אָפּשטאַם זייערן. און ווער ווייס ווי ווייט דאָס קען דערגיין...

און אויך דאָס: עס זיינען שוין היינט כמעט נישטאָ קיין אידן, וואָס זאָלן שטיין פאַר דעם דורכוים רעליגיעזן קאָנצעפּט פון איד. דער ציוניזם, די אידייע פון אידישן צוריקער צו שטאַטלעכן לעבן, איז אריינגעדרונגען אין די רייען פון די רעליגיעז־פרומסטע אידן און זיי אריינגעצויגן דורך דער אָרגאַניזאַציע „מזרחי" אין דער פּאָליטישער באַוועגונג, וואָס פאַרבייט דאָס גלויבן אין דעם מיסטישן משיח.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז מיט דעם דורכוים רעליגיעזן קאָנצעפּט פון איד זיינען פאַרבליבן אַ קליין הייפל רייכע אידן, וואָס האָבן אין די לענדער פון אידישער רעכטלאָזיקייט און אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, באַקומען פּריווילעגיעס אַדאַנק זייערע פאַרבינדונגען מיט די רעגירנדיקע ספערן און כדי נישט צו טיילן דעם גורל פון די רעכטלאָזע אידן, האָבן זיי זיך אַ נאָמען געגעבן: דייטשן, רוסן, פּאָלאַקן, פראַנצויזן, אא"וו פון משהס גלויבן, זוכנדיק אַזוי אַרום אויסצוקויפן זיך פון דער רעכטלאָזיקייט און פון דעם אַנטיסעמיטיזם, איבערלאָזנדיק דאָס אויפן קאָפּ פון די ברייטע אידישע מאַסן.

מיט דעם רעליגיעזן קאָנצעפּט גייט אויך האַנט אין האַנט דער אַזוי גערופענער פילאָזאָפיש־עטישער באַגריף פון אידנטום, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אויסוויקלען אין עגיפּטן אינעם ערשטן יאָרהונדערט פון קריסטטום געבורט מיט פ י ל אָ ן ד ע ם א י ד אין דער שפּיץ, האָט באַקומען נייעם שוואונג אין פּערסיע און אַראַבישן שפּאַניע מיט די לעצטע גאונים און דעם רמב"ם און זיין העכסטן פונקט דערגרייכט אין

דער ערשטער העלפט פון 19־טן יאָרהונדערט אין דייטשלאַנד מיט דער גרינדונג פון דער אַזוי גערופענער „יודאיקאַ־וויסנשאַפט" דורך צונץ און זיינע מיטגייער: גייגער, שטיינשניידער א. אַ.

דער דאָזיקער קאָנצעפּט איז געבוירן געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון דער גריכישער פילאָזאָפיע צוערשט און אונטער דער ווירקונג פון דער דייטשער צולעצט און פאַלט צונויף מיט דעם אויפקום פון אַ איי־דישן רייכן קלאַס, וואָס האָט געזוכט אויסצופּיינען, באַליישן מיט דעם גאָלד פון דער פילאָזאָפיע די אידישקייט, וואָס האָט זיך די רייכע אידן נאָכגעשלעפּט פון דער געטאָ אין די קליידער פון אָרעמקייט און דערשלאָגנקייט. דער דאָזיקער קאָנצעפּט איז אָבער פאַרבליבן בלויז אין די זעלטנהייטס ביבליאָטעקן און צום פאָלק נישט דערגאַנגען. אַזוי אַז ער קען אונדז נישט דינען אַלס רעזאָן ד'עטר פון אונדזער אידישער עקזיסטענץ.

עס האָט זיך געשאַפן אַ מיינונג, אַ דורכויס פאַלשע, אַ דאַנק אַן אָפּטישן טעות, וואָלטן מיר געזאָגט, אַז דער רעליגיעזער ווי דער פילאָזאָפיש־עטישער קאָנצעפּט פון אידנטום האָבן דערהאַלטן דעם קיום פון דעם אידישן פאָלק ביזן היינטיקן טאָג. דער אויספיר פון דער מסקנא איז אַ פאַרשטענדלעכער: אויב די רעליגיע איז געווען דער אויפהאַלטנדיקער פאַקטאָר פונעם אידישן פאָלק, מוז זי אויך אויף וויי־טער פאַרבלייבן, אויב מיר ווילן פאַרבלייבן אידן...

דער אמת איז, אַז די רעליגיע איז בלויז געווען די אויבערשטע פאָרם, די סופּער־סטרוקטור פון אַ בעצם נאַציאָנאַלן, געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס די אידן האָבן געפירט אומעטום און די גאַנצע צייט פון זינט זיי האָבן אָנגעוואָרן זייער שטאַטלעכן לעבן.

מען פאַרגעסט, אַז ביי אַלע פעלקער בכלל האָט דאָס גייסטיקע לעבן געטראָגן אַ רעליגיעזע פאָרם און נישט נאָר דאָס גייסטיקע, נאָר אויך דאָס שטאַטלעכע לעבן זייערס, באַזונדער אינעם מיטלאַלטער, איז געלעגן אין די הענט פון דער קירכע. מען פאַרגעסט, אַז נישט נאָר מלחמות, נאָר אויך סאָציאַלע באַוועגונגען, אויפשטאַנדן, רעוואָלוציעס, זיינען געפירט געוואָרן אונטער רעליגיעזע לאָזונגען. מען פאַרגעסט, אַז דער אויפשטאַנד פון די פויערים אין דייטשלאַנד איז געפירט געוואָרן אונטער די לאָזונגען פון דער לוטעראַנישער רעפאָרם און די פּרעדיקטן

פון דעם מאַנאַך ערזאַם, אַז די הוסיטן־באַוועגונג איז געווען אַ באַ־פרייאונגס־באַוועגונג פון די בעהמישע פויערים, אַז די קאַלוויניסטישע רעפאָרם אין ענגלאַנד איז געווען אַ סאָציאַלע באַוועגונג און די באַ־פרייאונגס־באַוועגונגען בכלל אין אייראָפּע גייען האַנט אין האַנט מיט דער באַפרייאונג פון אונטער דער קירכלעכער ווירקונג.

וואָס שייך די אידן, האָט דער גירוש שפּאַניע, למשל, געטראָגן אַ קירכלעכן שטעמפּל, נאָר דער אַקט גופא און די קאָנסעקווענצן זיינע, זיינען דורכויס סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע, סיי פאַר די גרויסגעטרי־בענע אידן און סיי פאַר דעם שפּאַנישן שטאַט און דעם שפּאַנישן פאָלק. אַזעלכע זיינען אַלע גירושים אויף די אידן, אַלע בלבולים קעגן זיי, אַלע נגישות אין פאַרלויף פון די לאַנגע דורות און אפילו די פּאָגראָמען פונעם לעצטן יאָרהונדערט. אויך די געטאָס, וואו די אידן האָבן גע־וואוינט און אויך די „תחומים" און די קהילות די אידישע אין די שטעט, וואו די געטאָ איז שוין געווען אָפּגעשאַפט, זיינען אויך געווען נאַ־ציאָנאַלע אָדער, אויב איר ווילט, געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזירטע איינסן, ווען אפילו אין זייער שפּיץ איז געשטאַנען אַ רב און די פירער זייערע האָבן אָפּערירט מיט דער הילף פון קלי קודש.

די נאַציאָנאַלע פאָדערונגען פון די אידישע מאַסן אָנהויב דעם יאָר־הונדערט אין די קאָמפּאַקטע אידישע ישובים אויף אַן אויטאָנאָם אידיש לעבן אויף די ערטער, וואו זיי בילדן אַ מערהייט אָדער אַן אָנגעזעענע מינדערהייט, איז דעריבער געווען נישט קיין טעאָרעטישע אויסטראַכ־טעניש, נאָר געשטיצט אויף אַ דורות־לאַנגן פאַקט, וואָס איז בלויז גע־ווען פאַרקריפּלט אַדאַנק דער רעכטלאָזיקייט און דער אונטערדריקונג. און דעם קאַמף האָבן זיי געפירט נישט נאָר אויף דרויסן, קעגן דער מלוכה־מאכט, נאָר אויך אינעווייניק, אויף צו באַפרייען דאָס אידישע נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע לעבן פון די טראַדיציאָנעלע רעליגיעזע פאָרמען.

פון דעם געזאָגטן איז קלאָר, אַז פאַר אַלעמען זיינען אידן אַ נאַ־ציאָנאַלער און געזעלשאַפטלעכער באַגריף. און עס איז גאָרנישט שווער — ווען מען גיט זיך אָפּ מיט דער פאָרשונג פון דיווירטשאַפטלעכע פּאָזיציעס וואָס אידן האָבן פאַרנומען און פאַרנעמען ביז איצט אין פאַרשידענע לענדער זינט אַלטע צייטן און מיט דער פאָרשונג פון די

באציאונגען צווישן זיי און דער איינגעבוירענער באפעלקערונג אָדער הערשנדיקע קרייזן, — אָנצואווייזן אויף דעם נאציאָנאלן און געזעל־שאפטלעכן אינהאלט פון דעם באגריף.

ביי די אידישע מאסן זיינען אָנגעוואקסן קולטור־באדערפעניש, פונקט ווי ביי די נישט־אידישע צוזאמען מיט דעם דעמאָקראטיזירנדיקן שטראָם פון דער קאפיטאליסטישער אנטוויקלונג און דעם פארשארפטן קלאסן־קאמף, וואָס זי האָט מיט זיך געבראכט. עס איז אנטשטאנען די נויטווענדיקייט אָנצואייגענען זיך די שוין געשאפענע קולטור־ווערטן וואָס זיינען געלעגן אין די הענט פון יחידים, און צו שאפן נייע, איי־גענע. די פאָדערונג האָט געשאפן אָן אָנבאָט און עס איז אנטשטאנען א אידישע אינטעליגענץ, דיכטער, קולטור־טוער, לינגוויסטן, היסטאָ־ריקער, וואָס האָבן גענומען קולטיווירן אין דער אידישער פאָלקס־שפראך, אָנשטאָט ווי פריער אינעם אידישן לאטיין — העברעיש, אידישע לי־טעראטור, פאָפולערן וויסן, שפראך־פאָרשונג, געשיכטע־פאָרשונג; אויפן אָרט פונעם אלטן טראדיציאָנעלן חדר, האָבן זיי אויפגעשטעלט אידישע שולן, וועלטלעכע, און פארפאסט פאר זיי שול־טעקסטן, כרעסטאָמאַ־טיעס, א קינדער־ליטעראטור... געשאפן דעם פאקט און געפאָדערט פאר אים דאָס רעכט.

אָט דער פאקט וואָס באווייזט, אגב, אָן איבעריקן מאָל, אז קול־טור איז א רעזולטאט פון געזעלשאפטלעכן קאמף, איז דער פאטענט, אזוי צו זאָגן, פון אונדזער נאציאָנאל־געזעלשאפטלעכן לעבן, פון אונד־זער עקזיסטענץ. אויב איר ווילט, איז עס דער דעקארטיאנישער כלל „איך דענק, אלזאָ עקזיסטיר איך” אָנגעווענדעט אויפן אידישן פאָלק. אין דער זעלבער צייט, שאפט ער אונדזער אויסערלעכע געשטאלטונג אלס פאָלק און גיט אונדז צו נייעם אינהאלט און אָנהאלט.

מען קען נישט זאָגן, אז די דאָזיקע אָנגעוואקסענע וועלטלעכע גע־זעלשאפטלעכקייט און קולטור איז אָן אלגעמיין אידישע באדערפעניש; פאראן שיכטן אידישע, וואוהין די דאָזיקע באדערפעניש און דעריבער אויך באוואוסטזיין און אידישקייט־קאָנצעפט איז נאָך נישט דערגאנ־גען און זיי קלאמערן זיך אין די אלטע נאָך נישט אויסגעלעבטע באַ־גריפן; פאראן אויך אזעלכע, וואָס רייסן איבער באוואוסטזיניק מיט דעם שפרודלדיקן לעבעדיקן קוואל פון דער אידישער פאָלקס־שפראך

אין נאָמען פון דעם „היסטאָרישן רעכט" פון דער אַלטער העברעישער שפּראַך, ווי אויך אַזעלכע, וואָס די אומשטענדן האָבן זיי אוועקגעריסן פון דעם אידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן און זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן דער ווירקונג און רייץ פון דער מלוכה־שפּראַך.

דער פאַקט אָבער פון אַ מאָדערנער ליטעראַטור און פון אַ מאָדערנעם קולטור־לעבן אין דער אידישער פאָלקס־שפּראַך, שרייט וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ אידיש פאָלקס־לעבן. וואו נאָר אידישע פאָלקס־מענטשן קומען, ברענגען זיי מיט זיך אָט די באַדערפעניש אין אידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אידיש קולטור־לעבן, דעם פריער דערמאָנטן פאַקט. וועלן מיר זאָגן.

ווער, וואָס פאַרשטייט דאָס, אַ איד אָדער נישט־איד, וועט ביי זיך פועלן צו פאַדערן עס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן אָט די געזעלשאַפט־לעכקייט און קולטור־לעבן, אָן דעם באַוואוסטזיין, אַז דערמיט ווערן די מאַסן פאַרמשפּט צו אומגעזעלשאַפטלעכקייט און אומקולטור?

מיר קענען דאָס נישט. און דערפאַר איז אונדזער באַציאונג צו דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט און קולטור אַ פּאָזיטיווע און דער־פאַר אויך זיינען מיר אידן, אַ טייל פון אָט דעם לעבעדיקן און שאַפנ־דיקן אידישן פאָלק. און ווייל מיר זיינען ארגענטינער, ווייל אונדז איז ליב די ארגענטינישע היים און אַלץ דאָס גוטע וואָס ווערט אין איר געשאַפן, זיינען מיר ארגענטינער אידן.

געדרוקט אין זשורנאַל פון דער אידישער
יוגנט־פעדעראַציע — „פעככא" 1940.

די אידיש-ארגענטינישע יוגנט און איר קולטור

רעפעראט געלייענט ביים קאנגרעס פון דער אידישער יוגנט אין ראזאריא, דעם 24טן פעברואר 1940.

דער פאקט, וואס דא אין זאל האט זיך פארזאמלט אן ארגאניזירטע די אידישע יוגנט פון די גרעסטע צענטערן אינטענסיוון געזעלשאפטלעכן לעבן אין דער רעפובליק, איז א באווייז, אז די אידישע יוגנט, דער היי־געבוירענער דור אידן, האט א ספעציעלע מיסיע אויסצופירן סיי לגבי זיך, פאר איר אייגענער פארפולקאמונג און סיי לגבי דער געזעלשאפט, אלס א י ד י ש ע יוגנט.

אינעם טאג־ארדענונג פון דעם צוזאמענקום רעדט זיך וועגן קולטור־ארבעט, ספארט און קאמף קעגן דעם אנטיסעמיטיזם. דאס זיינען אויפגאבן אלגעמיינע, אלגעמיין ארגענטינישע, אויב איר ווילט. אלס ארגענטינער, דארף יעדער פון אונדז שטרעבן אויסצובילדן, מיט זיין אייגענעם אנטייל און מיטווירקונג, אן ארגענטינישן דור א פרייען, א געזונטן, א קולטורעלן, דאס מיינט א באוואוסטזיניקן, וואס זאל קענען אויפנעמען די פראבלעמען פון דער רעפובליק דורך דער פריזמע פון דער געשיכטע און פון דער ליטעראטור און קונסט, דער אוניווערסאלער און ארגענטינישער, און דורך דער פריזמע פון דעם פארשריט און דערפארונגען פון היינטיקער צייט, פון דעם וויסן וואס יעדער איינער פון אונדז דארף זוכן איינצוזאמלען וואס מער. אויך דעם קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם האלט איך פאר נישט קיין ספעציעל אדער ספעציפיש אידישע אויפגאבע. וואס ווייניקער ספעציפיש אידיש עס וועט ווערן

אָט דער קאַמף, וואָס מער עס וועט באַטראַכט ווערן אַלס אויפגאַבע פון דער אַרגענטינישער יוגנט און פון דער אַרגענטינישער געזעלשאַפט בכלל צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם, אַלס געזעלשאַפטלעכע קראַנק־הייט, אַלס קאַנסער אינעם אַרגענטינישן לעבן, אַלץ נעענטער וועלן מיר זיין צום ציל, צו דער אָפּשאַפונג פון אָט דער קראַנקהייט.

איך וויל צוטראָגן צום היינטיקן צוזאַמענקום פון דער אידיש־אַרגענטינישער יוגנט נאָך איין אויפגאַבע, וואָס זאָל אין אייער קול־טור־לעבן און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט. איך מיין דאָ די זעלבסטדערקענטעניש פון דער אידיש־אַרגענטינישער יוגנט. דעם באַגריף זעלבסט־דערקענטעניש באַנוץ איך דאָ נישט אין דעם ענג־אינדיווידועלן אָדער ברייט פילאָזאָפישן זין, נישט אין דעם עטישן, ווי ביי קאַנט און געטע, נאָר אין דעם סאָציאַלן און קולטור־געשיכטלעכן, אין די ראַמען פון דער געשיכטלעכער אַטמאָספער, אין וועלכער עס האָט זיך אויסגעבילדעט אָט די דערשיינונג, אָט דער פאַקט, וואָס האָט אונדז אַהער צוזאַמענ־געבראַכט, די עקזיסטענץ פון אַן אָרגאַניזירטער אידישער יוגנט אין אַרגענטינע מיט אירע פּראָבלעמען.

די געשיכטלעכע אַטמאָספער, דאָס איז דאָס אידישע זיין און די דערקענטעניש וואָס פליסט פון איר אַרויס, איז דאָס אידישע באַ־וואוסטזיין. געדענקען מיר וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט, אַז באַוואוסטזיין מיינט קולטור, די קאַפּאַציטעט אויפצונעמען פּראָבלעמען דורך דער פּריזמע פון דער געשיכטע, פון ליטעראַטור און קונסט. ווי פון דעם פאָרשריט און דערפאַרונגען פון היינטיקער צייט, פון דעם וויסן, וואָס יעדער פון אונדז דאַרף זוכן אָנצוזאַמלען וואָס מער, איז שוין קלאָר, אַז מיט אידיש באַוואוסטזיין מיין איך דאָס וואָס מען רופט אידישע קולטור, אינטערעס צו דער אידישער געשיכטע, צו דער אידישער ליטעראַטור און קונסט, צו דער אידישער שפּראַך, געזאַנג, פאָלקלאָר; קורץ, אינטערעס צו דער אידישער פאַרגאַנגענהייט און קעגנוואַרט און צו די פּערספּעקטיוון פון דער אידישער צוקונפט, וואָס דרינגען אַרויס פון אונדזערע דערפאַרונגען.

עס וועלן זיך זיכער געפינען אַזעלכע, וואָס וועלן מיך אָפּפרעגן, מיר פירוואַרפן, אַז איך פריידיק נאַציאָנאַלע דאָפּלטקייט אָדער צע־

צווייטקייט, ארגענטיניש באוואוסטזיין באזונדער און אידיש באזונדער, זיי וועלן מיר זאָגן, אַז איין מענטש קען נישט זיצן אויף צוויי שטולן און קען נישט לעבן מיט צוויי קולטורן... אפשר געפינען זיך שוין צווישן אייך אַזעלכע, וואָס ווערן געפייניקט פון דער פראַגע: וואָס זיינען מיר? ארגענטינער אָדער אידן? און אויב אידן, איז מיט וואָס? דערמיט וואָס טייל נישט־אידן האָבן אונדז פיינט און אַנדערע העצן קעגן אונדז? דערמיט וואָס מיר שטאַמען אָפּ פון אידן, ווי אַנדערע שטאַמען אָפּ פון שפּאַניער און איטאַליענער?... און די פראַגע איז דאָך נישט קיין ערנסט געבוירענע, זי האָט באַשעפטיקט, און באַשעפטיקט אויך איצט, סיי אידן און סיי נישט־אידן שוין פון גאַנץ לאַנג אין פאַרשידענע לענדער...

לאָזט זשע מיר אייך זאָגן, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי קולטור־דאָפּלטקייט, אַז קולטור־דאָפּלטקייט אָדער פּילפאַכקייט, איז אַן אבסורד. קולטור איז אוניווערסעל, ווי אוניווערסעל עס איז וויסן און דערפאַרונג, מיר נעמען דערפון וואָס אונדז איז נויטיק און וואָס אונדז איז מעגלעך צו נעמען, וואָס אונדז אינטערעסירט מער און וואָס מיר פּרעפערירן, וואָס אונדז ליגט נעענטער צו דער האַנט און צום האַרצן. מיר זיינען באַגרענעצט אויף דעם וויסן און דערפאַרונגען פון דעם דאָרף, וואו מיר וואוינען, פון דער שטאָט, פון דער פּראָווינץ, פון דעם לאַנד. אָדער מיר זיינען אוניווערסעלער אין אונדזער וויסן און דערפאַרונגען; מיר זיינען באַקאַנט מער אָדער ווייניקער מיט דער געשיכטע און מיט די גייסטיקע ווערטן פון אונדזער לאַנד און פאָלק אָדער אויך מיט דער געשיכטע און מיט די גייסטיקע ווערטן פון אַנדערע לענדער און פעלקער; אונדזער אינטערעס איז באַגרעניצט אויף די לאָקאַלע געשעענישן אָדער אויסגעברייטערט אויף די אַלוועלטלעכע. עס איז אַ פראַגע פון האָריזאָנט און אינטערעס.

אַ מענטש מיט צוויי קולטורן איז פּונקט דאָס אייגענע ווי מיר וואָלטן געזאָגט אַ מענטש מיט צוויי מאָגנס אָדער מיט צוויי מוחות און מיט צוויי הערצער. דאָס יאָ, פאַראַן זיינען מענטשן, וואָס פאַרדייען נישט, וואָס קאָכן נישט איבער אין זייער באוואוסטזיין דאָס וואָס זייערע חושים טראָגן זיי אונטער, און דערפון נעמען זיך אַ סך טראַגישע פאַלן. צום באַדויערן, איז די צאָל פון אַזעלכע פאַלן זייער

גרויס, ביי יונגע מענטשן, ווי ביי עלטערע, ביי יונגע אפשר מער, און דערפון איז אַנגענומען געוואָרן צו ריידן וועגן דער טראַגעדיע פון דער אידישער יוגנט, וועגן דער טראַגעדיע פון דעם אידישן מענטשן בכלל, די טראַגעדיע צווישן מענטש און איד, פראַנצויז און איד, דייטש און איד, אַרגענטינער און איד... און עס איז אפילו פאַראַן אין דער אידישער ליטעראַטור, באַזונדערס אין דער העברעישער, אַ גאַנצער צווייג אַזאַ, וואו עס ווערט געשילדערט און אפילו קולטיווירט די דאָזיקע צעריסנקייט, די דאָזיגע טראַגעדיע, ווי אַ באַזונדער שטריך אָדער ווי אַ באַזונדער גאָב פון דער אידישער נשמה... פאַראַן מענטשן, וואָס נעמען זיך דאָס טראַגישע און די שוואַכקייט פאַר אַ לעבנס־ציל...

וואָס שייך די לייזונגען וואָס מען האָט געגעבן דער פראַגע פון אידישער קולטור, דאָס הייסט, דער אויפמערקזאַמקייט צו די אינטערעסן און צום לעבן פונעם אידישן פאָלק, פון די אידישע מאַסן, צו זייערע פּראָבלעמען, סיי מצד אידן גופא און סיי מצד נישט־אידן, זיינען זיי שטאַרק פאַרבונדן מיט דער צייט און מיט דעם אָרט ווען און וואו זיי זיינען אויפגענומען געוואָרן צום לייזן. אַזוי, למשל, איז צוזאַמען מיט דער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין פראַנקרייך נאָך דער גרויסער רעוואָלוציע און מיט דער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין דייטשלאַנד אינעם 48טן יאָר, אין עסטרייך אין די זיבעציקער יאָרן פונעם פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, אַנטשטאַנען די אַסימילאַציע־באַוועגונג, וואָס איז אַריינגעדרונגען אומעטום, וואו עס איז אַריינגעדרונגען דער ליבעראַליזם, דער גייסט פון מענטשן־רעכט, אַלס פּאָליטיש געווער פון דער בורזשואַזיע, פון דעם אינדוסטריעלן קלאַס, קעגן דער פעאָדאַלער און אַבסאָלוטיסטישער הערשאַפט מיט זייער שקלאַפעריי און רעכטלאָזיקייט, וואָס האָט נישט דערלאָזן צו דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און פון דעם באַנק־וועזן. די ערשטע זיך צו אַסימילירן זיינען טאַקע געווען די רייכע אידן, די גרויסע געשעפטסלייט, באַנקירן, פאַבריקאַנטן... ס'געשעפט האָט געפאָדערט צו זיין מיט לייטן גלייך, זיך נישט אונטערצושיידן פון די אַנדערע... דערנאָך זיינען געגאַנגען די האַנדלס־אַגענטן, די האַנדלס־אַנגעשטעלטע; טייל האָבן דאָס געמאַכט אויבנאויפיק, בלויז אין דער שפּראַך און קליידונג, טייל אַביסל טיפער, טייל האָבן איבערגעלאָזט פאַר זיך אַ געוויס אידיש ווינקעלע, די

רעליגיע, אן אָרטאָדאָקסיש טראַדיציאָנעלע אָדער אַ רעפאָרמירטע, אַ צוגעפּוצטע... ביי דער אידישער בורזשואַזיע זיינען מער נישט געווען קיין אידישע פּראָבלעמען און אויס אידישע פּראָבלעמען, איז אויס איר דישע קולטור...

וואָס ווייניקער ווירקונג אין אַ לאַנד עס האָבן געהאַט די אינ־דוסטריעלער און זייער פּאָליטיש געווער, דער ליבעראַליזם, וואָס טיפער אַ לאַנד האָט געזונקען אונטער דער פעאָדאַלער און אַבסאָלוטיסטישער הערשאַפט, אַלץ ווייניקער פּלאַץ האָט דאָרט געהאַט די אַסימילאַציע־באַוועגונג צווישן די אידן. און רייסט זיך אריין אין אַ היינטצייטיקן אינדוסטריעלן לאַנד אַ שטראָם פון מיטלאַלטער, ווי עס טרעפט בכלל אין דער געשיכטע, אַז שטראָמען פון פאַרגאַנגענע עפּאָכעס רייסן זיך אריין אין די נייע, ווישט ער דאָרט אָפּ די אַסימילאַציע צוזאַמען מיט דעם ליבעראַליזם און ער ברענגט צוריק די אַלטע לייזונגען דורך אויס־ראָטונגען, אינקוויזיציעס, גירושים, ווי דאָס געשעט איצט אין דעם פאַרפינצטערטן נאַצי־דייטשלאַנד און אין די אַנדערע לענדער, וואו דער שטראָם מיטלאַלטער אָדער צעזאַריזם האָט זיך אריינגעריסן מיט מער אָדער מיט ווייניקער קראַפט, און ווי דאָס איז אויסן די פעאָדאַליס־טישע רעאַקציע אויך ביי אונדז אין אַרגענטינע.

איין רעאַקציע רופט אַרויס קעגן זיך אַ צווייטע. אין די פעאָדאַ־ליסטישע לענדער, וואו די פּרוּאוון פונעם ליבעראַליזם און באַזונדערס פון דעם סאָציאַליזם, וואָס איז כמעט אין איין צייט מיט אים אָנגע־בוירן, האָבן אַרויסגערופן קעגן זיך דעם אָנגריף פון דער מאַכט, וועלכע האָט גענומען נאָך מער אונטערדריקן דאָס פאָלק, נאָך מער באַרויבן אים פון זיינע רעכטן, באַזונדערס די אידן, וואָס האָבן אין די לענדער זיך פאַרנומען מיט פאַרמיטלעריי, מיט קליינעם האַנדל און קליינער מלאכה, און האָט אַלס געווער קעגן דעם ליבעראַליזם און דער טאָלע־ראַנץ, געוועקט און פאַרשאַרפט דעם נאַציאָנאַליזם, דעם שאָוועניזם, געהעצט מיט שנאה איינע אויף די אַנדערע פעלקער, איבער וועלכע זיי האָבן געהערשט, ווי דאָס איז געווען אינעם צאַרישן רוסלאַנד, וואָס איז באַקאַנט מיט די פּאָגראָמען, מיט די בלוט־בלבולים, מיט די גע־טאָס אָדער רעזערוואַטן, ווי מען רופט עס היינט, האָט די אידישע באַ־פעלקערונג, אַלס רעאַקציע, נאָך מער זיך פאַרשאַנצט אין איר טראַ־

דיציאָנעלן לעבנסשטייגער און אין אידישן נאַציאָנאַליזם. דער אידי־שער נאַציאָנאַליזם האָט באַקומען פאַרשידענע געשטאַלטן, באַזונדערס משיחישע; רעזיגנירטע און פּאַסיוו משיחישע ווי דער חסידיזם אָדער אַקטיוו־משיחישע, ווי די שבתי צבי באַוועגונג און דער פראַנקיזם, וואָס דער חסידיזם האָט פאַרנומען זייער אָרט און דער מאָדערנער משיחיזם, וואָס איז געבוירן געוואָרן אָנהויב די אַכציקער יאָרן אין דער צייט פון די רוסישע פּאָגראָמען, דער ציוניזם, אונטערן לאָזונג: בית יעקב לכו ונלכו, קומט, אידן, אוועק פונדאַנען וואו מען איז אונדז נישט גערן, לאָמיר זיך אַריבערקלייבן קיין ארץ ישראל, אינעם לאַנד פון אונדזער פאַרגאַנגענהייט, צוריק לעבן דאָס אַלטע עכט אידישע לעבן אויף די פעלדער פון יהודה און אין דער עכט־אידישער שפּראַך, דער העברעי־שער; די באַוועגונג וואָס איז איצט פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט, וואו אידן וואוינען, און איז אויך אייך באַקאַנט.

אין דער זעלבער צייט, איז אינעם צאַרישן רוסלאַנד אָנגעגאַנגען אַ צווייטע אידישע באַוועגונג, פּאַראַלעל מיט דעם דאָך אַריינגעדרונ־גענעם ליבעראַליזם, וואָס האָט זיך פאַרקליבן אפילו אין די רעגירונגס־ספערן, האָט צווישן די אידן אַריינגעדרונגען פון דייטשלאַנד די אַזוי גערופענע השכלה־באַוועגונג, אַ קולטור־באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויס־געדריקט אין פאַרשפּרייטן צווישן די אידן אויפקלערונג, וויסנשאַפט און רעפאָרמירן זייער לעבנסשטייגער. די ערשטע משכילים, ווי מען רופט אָן יענע אויפקלערער און רעפאָרמער, גבירישע יונגעלייט, לע־רער אין רייכע שטיבער, אינספּירירט אין דער אַסימילאַציע־באַוועגונג צווישן די רייכע אידן אין די מערב־לענדער, האָבן זיך אויך ווי יענע, דאָס ערשטע געכאַפּט צו דער רעפאָרם פון דער קליידונג און דער שפּראַך; זיי האָבן אָנגעטון קורצע אייראָפּעישע מלבושים און גענומען ריידן און שרייבן אין דער אָפיציעלער שפּראַך פונעם לאַנד, רוסיש; אין דייטש, די שפּראַך פון די דייטשע אויפקלערער און העברעיש, די שיינע, די הימלישע שפּראַך פון דער ביבל. אידיש, פאַרקערט, די שפּראַך פון די אידישע מאַסן, מיט וועלכער זיי וואָלטן געקענט קומען צו די מאַסן און זיי בילדן און אויפקלערן, האָבן יענע אַריסטאָקראַטן פאַר־וואָרפן, געקוקט אויף איר ווי אויף אַ נידעריקער און אומווירדיקער שאַפונג פונעם פעבל, אַ זשאַרגאָן, די שפּראַך פון די באַלעגאָלעס, שוס־

טער, שניידער און דינסטמוידן, פון קיך און פון מארק, וואס פאסט נישט פאר די געטלעכע געדאנקען פון דער אייראפעישער קולטור...

די השכלה, ווי געזאגט, האט געהאט נאך א צווייטע אויפגאבע: רעפארמירן דעם אידישן לעבנסשטייגער. און דאס האבן זיי געוואלט אויפטון דורך אויפקלערן די צארישע רעגירונג, אז די אידן קענען ווערן נוצלעכע אונטערטאנען, ווען די רעגירונג זאל זיי געבן ערד צום באַארבעטן און עפענען פאר זיי שולן פאר בילדונג און פאכקענטעניש. עפעס דערפון איז געלונגען אויפצוטון אונטער דער הערשאפט פון ניקאלאי דעם ערשטן, אין די פערציקער יארן פון פארגאנגענעם יאָרהונדערט, אבער ערשט מיט דעם אויפקום פון די רעוואלוציאנערע באוועגונגען אין רוסלאנד, מיט דער רוסישער באוועגונג פון „גיין צום פאלק" און מיט דער רוסישער פאפוליסטישער און קריטישער ליטעראַטור, וואס איז געקומען פאר און נאך דער אפשאפונג פונעם לייבאייגנטום, האט די אויפקלערונג געפונען דעם וועג צו די אידישע מאסן. דעם וועג פון דער אידישער שפראך און פון דעם קאמף פון די אידישע מאסן.

דעמאלט ווערט געבוירן די מאדערנע אידישע קולטור, די אידישע ליטעראטור מיט אירע קלאסיקער מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם און פרץ אין דער שפיץ. דאס איז אן עכטע פאלקס-ליטעראטור, א קעמפערישע, כאטש נישט וויניקער קינסטלעריש, אזוי אז ביי הייניקן טאג שטעלט זי מיט זיך פאר א מאנומענט פון דעם אידישן לעבנס-שטייגער אין יענער צייט. פאראלעל מיט דעם וואוקס פונעם סאציאליזם אין דער צארישער אימפעריע, וואקסט דער סאציאלער און רעכטלעכער באוואוסטזיין פון די אידישע מאסן; פאראלעל מיט דער אנטוויקלונג פון אינדוסטריע און האנדל, שטייגט די פראפארץ פון די אידישע פראדוקטיווע באשעפטיקונגען, נישט געקוקט אויף אלע שטערונגען און אויסנאם-געזעצן קעגן אידן, עס גייט א וואנדערונג פון די שטעטלעך אין די גרעסערע שטעט און קיין אמעריקע. עס אנטשטייען אידישע ארבעטער ארגאניזאציעס, אידישע סאציאליסטישע פארטייען... אפילו דער ציוניזם, וואס זיין גרונטגעדאנק איז געווענדעט צו דער גרינדונג פון א אידישער מלוכה אין פאלעסטינע, ווערט טיילווייז אריינגעצויגן אין דער רעוואלוציאנערער באוועגונג, עס ווערן גע־

שאַפֿן סינטעז־פּאַרטייען, ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע, וואָס זעען פֿון איין זייט אין דער אידישער אויסוואַנדערונג אונטערן דרוק פֿון די פּאָגראָמען און דער דעקלאַסירונג פֿון די שטעטלשע אידן, אַ פֿאַקטאָר פֿאַר דער אויסבילדונג פֿון אַ אידיש מלוכה־לעבן אין פּאַלעסטינע אָדער ערגעץ אויף אַ פּוסטער טעריטאָריע אין אַפֿריקע, אַמעריקע אָדער אויס־טראַליע און פֿון דער אַנדערער זייט פֿירן זיי דעם אָרטיקן קאַמף פֿון די אידישע מאַסן קעגן דער צאַרישער הערשאַפֿט, קעגן דער עקספּלואַ־טאַציע פֿון די אידישע באַלעבאַטים און זייער הערשאַפֿט איבער דעם אידישן לעבן.

די וואַנדערונג האָט קיין אידיש מלוכה־לעבן נישט געשאַפֿן, זי האָט אָבער געשאַפֿן נייע אידישע ישובים, דער עיקר אין אַמעריקע, אַרגענטינע אריינגערעכנט, וואָס זייער הויפּט־באַזע איז געווען די אַרבעט, אין די שניידער־פֿאַבריקן פֿון די פֿאַרייניקטע שטאַטן, אויף די פֿעלדער פֿון אַרגענטינע און קאַנאַדע מיט דער הילף פֿון דער באַראָן הירש אונטערנעמונג, אין די בוענאָס אײַרעסער „טאַזשערן", ווי אין די ניו־יאָרקער „שאַפּס" פֿון קליידונג און מעבל, פֿון וועבערייַ און טריי־קאָטאַזש, אויף די רישטאָוואַניעס אַלס מוליאַרעס און מאַליאַרעס און שפּעטער אַלס אָנגעשטעלטע, אַלס פֿאַרקויפֿער, אַלס בוכפֿירער, אין די האַנדלס־הייזער און בענק...

מיט דער וואוקס פֿון דער אידישער אַרבעט אויף די ערטער פֿון דער אַלטער אידישער אײַנגעזעסנקייט און אויף די ערטער פֿון דער אידישער אײַנוואַנדערונג, איר אָרגאַניזירונג און איר קאַמף, האָט אַרויסגערופֿן צום לעבן די פֿאַרצווייגטע אידישע קולטור, ריכטיקער, קולטור־לעבן, אין וועלכע די אידישע שפּראַך, די שפּראַך פֿון די אידישע מאַסן, איז געוואָרן אַזאַ קולטור־פֿאַקטאָר, וואָס מען האָט זיך קוים געקענט פֿאָרשטעלן אין אָנהויב פֿון דער אויפֿקלערונגס באַוועגונג. זי איז איצט די שפּראַך פֿון אַ רײַכער קינסטלערישער, פּובליציסטישער און פֿאָרשונגס־ליטעראַטור, פֿון טעאַטער, פֿון אַ צײַטונגס־וועזן, פֿון אַ שול־וועזן, פֿון אַ געזעלשאַפֿטלעך און קולטור־לעבן, וואָס איז אוניווער־סעל פֿאַרצווייגט. ה. לייוויק און אַנדערע אידישע דיכטער רופֿן אָן אָט די פֿאַרצווייגטע אידישע קולטור־רײַכקייט „אידישלאַנד", אַ שפּראַך־מלוכה, הייסט עס, וואָס איז צעשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט.

עס איז דעריבער גאנץ נאטירלעך געווען, אז אין יענעם לאנד, וואו דאס רעכט פון די פעלקער איז א מלוכה־פרינציפ, זאל די קולטור פון די אידישע מאסן אין זייער שפראך, ווערן א מלוכה־זארג גלייך מיט דער קולטור פון די אידישע מאסן אין זייער שפראך, ווערן א מלוכה־זארג גלייך מיט דער קולטור פון די ארבעטנדיקע מאסן אין די אנדערע שפראכן וואס ווערן דארט גערעדט און די קולטור בליט דארט און וואקסט ווי אין קיין שום אנדער לאנד. און עס איז דעריבער אויך נאטירלעך, אז ווען מען פרואווט ערגעץ אין א לאנד צו אונטערדריקן אונדזער רעכט צו באנוצן זיך מיט דער אידישער שפראך אויף אונדזערע פארזאמלונגען, זאלן מיר דאס באטראכטן אלס אן אטענטאט אויף דער קולטור פון די אידישע מאסן.

צוליב דער באפעסטיקונג און פארטיידיקונג פון אט דער אידישער קולטור, איז זיך צוזאמענגעקומען סעפטעמבער 1937 דער אידישער קולטור־קאנגרעס אין פאריז, וואו עס זיינען פארטראטן געווען דריי און צוואנציק לענדער, דאס הייסט, דאס ארגאניזירטע אידישע קולטור־לעבן אין אט די לענדער, און ארגענטינע צווישן זיי. דער וואס רעדט צו אייך, האט געהאט דעם כבוד צו פארטרעטן דעם וויכטיקסטן טייל פון דעם ארגאניזירטן אידישן קולטור־לעבן ביי אונדז אין לאנד ביי אט דעם קאנגרעס, וואו עס האט זיך געגרינדעט דער אלוועלטלעכער אידישער קולטור־פארבאנד. די מלחמה האט די טעטיקייט פון דעם פארבאנד איבערגעריסן, אבער נישט די ארגאניזירטע קולטור־טעטיקייט אין יעדן לאנד באזונדער. זאל די מלחמה זיך פארענדיקן און ווידער וועט דער פארבאנד, אין וועלכן עס קומט זיך צונויף אט דער גאנצער סכום קולטור־לעבן פון די אידישע מאסן, טעטיק ווערן און אים העלפן נאך מער וואקסן.

וואס שייך דער אידישער שפראך, איז זי היינט די שפראך נישט בלויז פון דער אידישער ליטעראטור, פונעם אידישן טעאטער, אידישן ליד א. א. זי איז אויך די שפראך פון דער אידישער געזעלשאפטלעכקייט. עס באנוצן זיך מיט איר אפילו די פארניינער פון דער שפראך, די אנהענגער פון העברעיש אדער פון דער לאנדשפראך אלס די אידישע קולטור־שפראך און זיי העלפן איר אנטוויקלונג, נישט ווילנדיק. דאס איז דער כוח פון דער רעאליטעט.

אונדזער יוגנט, די הי געבווירענע, אין איר גרעסטן טייל, קומט נישט אין קאָנטאַקט, ביז איר רייפן עלטער, ביז איר רייפקייט צו געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, מיט אַט דער פריער געשילדערטער אַטמאָספער פון דער אידישער קולטור און אידישער שפּראַך. די אָנפאַנג־שול, די מיטל־שול און דער אוניווערזיטעט, די קאַריערע בכלל, די אַלגעמיינע אינטערעסן פנעם לאַנד ציען אַריין דעם יוגנטלעכן איד אין דער אַטמאָספער פון דער לאַנד־שפּראַך. ווערט אָבער דער אידישער יונגערמאַן געזעלשאַפטלעך רייפער און זוכט זיין פּלאַץ אין דער געזעלשאַפט און ער געפינט זי צווישן אידן, מוז ער זיך אָנטרעפן אויף דער אַטמאָספער פון דער אידישער שפּראַך, וואָס אין איר קומט צום אויסדרוק דער קאַמף פון די אידישע מאַסן, פונעם אידישן פאָלק בכלל פאַר זיין רעכט, פאַר זיין פרייהייט, פאַר זיין צוקונפט, דאָ, ווי איבער דער גאַנצער וועלט און די רייכע קולטור וואָס אַט דער קאַמף האָט באַשאַפן און הערט נישט אויף צו שאַפן.

איר האָט דאָ געזען פאַרבייגיין די הויפּט קריטעריומס בנוגע דעם גייסטיקן אידישן לעבן. איך האָב בלויז נישט גערעדט וועגן דעם רעליגיעזן, וואָס אַפּעלירט ווייניק צו דער אידישער יוגנט אין אונדזער „גאָטלאָזער" צייט. איר האָט געזען די אַסימילאַציע, דאָס וועלן אַוועקגיין פונעם פאָלק, וועלכער איז דער קריטעריום פון דער צופרידענער אידישער בורזשואַזיע און פון דעם קאַריעריסט; דעם נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישן, וואָס באַהאַלט זיך אויס אין דער פאַרגאַנגענהייט און אין דער נאַציאָנאַלער אָפּגעזונדערטקייט און צום סוף דעם קריטעריום פון די אידישע מאַסן, וואָס זייער קאַמף פאַר אַרבעט און רעכט, האָט באַשאַפן אַ רייך אידיש קולטור־לעבן.

באַקענען זיך, אינטערעסירן זיך מיט דעם קולטור־לעבן און אָנטיילנעמען אין אים, הייסט אָנטיילנעמען אינעם קאַמף פון די אידישע מאַסן פאַר אַרבעט און רעכט, אַ קאַמף וואָס גייט האַנט אין האַנט, פּאַראַלעל מיט דעם קאַמף פון אַלע אַרבעטנדיקע, איז אַ טייל פון דעם אוניווערסעלן קאַמף פונקט ווי די דאָזיקע אידישע קולטור איז אַ טייל פון דער אוניווערסעלער קולטור. צו אַט דעם אינטערעס און אָנטייל רוף איך אייך, ווי צום וועג פון אייער זעלבסטדערקענטעניש, ווייל דער וועג פון דער אידישער יוגנט קען נישט זיין קיין אַנדערער ווי דער

וועג פון די אידישע פאָלקס־מאַסן, ער קען נישט זיין דער וועג וואָס פירט אַוועק און זונדערט אָפּ פון זיי. פונקט אַזוי קען דער וועג פון דער אידישער יוגנט אין אַרגענטינע נישט זיין דער וואָס פירט אים אַוועק און זונדערט אים אָפּ פון דעם קאַמף פאַר דעם גליק און וואויל־זיין פונעם אַרגענטינישן פאָלק בכלל. דאָס זיינען נישט קיין צוויי וועגן, נאָר איינער אַ האַרמאָנישער.

פופציק יאָר אידן אין אַרגענטינע

(געשריבן אין 1938)

פון ווען מיר הויבן אָן ציילן

דער טיטל פון דער דאָזיקער ארבעט פאָדערט אַן אויפקלערונג, וואָס מוז געמאַכט ווערן פון אָנהויב, כדי נישט אַריינצופירן ווען עס איז אין אַ טעות און אויך כדי נישט צו געבן קיין פּלאַץ פאַר בחנמדיקע אָפּפרעגעכצן. פופציק יאָר אידן אין אַרגענטינע, מיינט דאָ נישט צו זאָגן, אַז צוריק מיט פ ו פ צ י ק י אָ ר האָט זיך אין אַרגענטינע באַוויזן דער ערשטער איד און אַז מיט אים הויבט זיך אָן די געשיכטע פון אידן אין אַרגענטינע און אויך מיינט עס נישט, אַז די געשיכטע, וואָס דינט אַלס טעמע פאַר מיין איבערבליק, הויבט זיך אָן פונקט מיט פופציק יאָר צוריק. פופציק יאָר ווערט דאָ באַנוצט אַלס קיילעכדיקער ציפער אויף צו באַצייכענען מיט אים די צייט־עלטער פון ד ע ם אידישן ישוב, וואָס קען קומען אין באַטראַכט, ווען מען רעדט פון אידישער ג ע ש י כ ט ע אין אַרגענטינע.

געשיכטע בכלל הויבט זיך אָן דעמאָלט, ווען עס הויבט זיך אָן אָן אָרגאַניזירט געזעלשאַפטלעך לעבן, ווען עס באַווייזט זיך דער קאָלעקטיוו. יחידים אין דער געשיכטע ווערן אַרויסגעשטעלט אַלס אויסדרוק פון דעם מאַטעריעלן און גייסטיקן צושטאַנד אָדער מאַטעריעלער און גייסטיקער דערגרייכונג פון די קיבוצים, אַלס זייערע מאַטעריעלע אָדער גייסטיקע ווערטן און ווען עס זיינען נישטאָ די קיבוצים, זיינען

אויך נישטאָ די ווערטן. געשיכטע מיינט אויך און האָט נישט קיין אַנדער זין ווי עוואָלוציע, די אויסוויקלונג פון צושטאַנד און די קייטלונג פון פאַקטן, דער המשך פון אַ געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיר הויבן דאַריבער אָן ציילן אונדזער אידישן צייט־עלטער אין אַרגענטינע זינט דער איינוואַנדערונג פון די ערשטע אידישע קאָלאָניסטן, וואָס זיינען געקומען אַהער מיט דעם קאָלעקטיוון געדאַנק נאָר פון דער היים, פון צאַרישן רוסלאַנד, דאָ זיך צו באַזעצן און בויען זייער נייע קאָלעקטיווע היים.

די פאָרליגנדיקע אַרבעט פּרעטענדירט נישט צו זיין אַ פולשטענדיקע געשיכטע פון אידן אין אַרגענטינע, נאָר געשריבן איז זי אין דער פאָרם פון געשיכטע־שרייבונג, איינטיילנדיק די פופציק יאָר אין עטאַפּן פון אַנטוויקלונג, שטעלנדיק אַלס מעזשעס די וויכטיקסטע פאַקטאָרן אין דער אַנטוויקלונג, האַלטנדיק אָבער, אַז געשיכטע איז נאָך אַ חוץ דעם אַלעמען פריער געזאָגטן, אויך דערפאַרונג, אָנגעזאַמלטע דערפאַרונג פון די פעלקער, ווי פון די געשיכטע שרייבער, וועט אונדז אויסקומען אין משך פון דער אַרבעט פאָרויסצולויפן אָדער צוריקלויפן, פון איין עטאַפּ צום צווייטן, כדי די דערפאַרונגען צו פאַרצייכענען.

פאָרגעשיכטע

אידן האָבן, ווי באַקאַנט, איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע נאָך מיט די ערשטע קאָנקוויסטאַדאָרן, אַלס פינאַנסירער און פירער פון די ערשטע שפּאַנישע עקספּעדיציעס און אַלס פּליטים פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע. צי זיינען אידן געווען אויך אין די עקספּעדיציעס פון סאָליס, מאַגעלאַן און גאַבאָטאָ, וואָס האָבן אַנטדעקט און געפאָרשט די אַרגענטינער ברעגן, קען מען נישט וויסן. דער אורוגווייאיש־אַרגענטינישער שריפטשטעלער ענריקע לאַררעטאַ, אַ גרינטלעכער קענער פון דער קאָנקוויסטאַ־עפּאָכע, האָט אין זיינער אַ פּאָעמע וועגן פּעדראָ דע מענדאָסאַ אויף זיין אומגליקלעכער צוריקרייזע קיין שפּאַניע, נאָך דער גרינדונג פון בוענאָס איירעס (1537), אַריינגעפירט אַ אידן, וועלכן ער

באשולדיקט אין זיין טויט, אלס אינטריגאנט. זיכער איז, אז אין משך פון זיבעצנטן און אכצנטן יאָרהונדערט האָבן אידן איבערגעוואַנדערט אהער פון בראַזיל, וואוהין זיי זיינען אָנגעקומען פון פּאָרטוגאַל, מחמת זיי האָבן געהערט, אַז אין אַרגענטינע, וועלכע איז ווייט פונעם שפּאַנישן אינקוויזיציע־צענטער אין דרום אַמעריקע — לימאַ, אין פּערו — איז די ווירקונג פון דער אינקוויזיציע אַ שוואַכערע און אַז צווישן דעם שפּאַנישן קלער אין אַרגענטינע זיינען פאַראַן אפיקורסים און ליבעראַלן: די אַפּטע שחיטות אויף אידן אין מאַראָקע, אין טוניס און אַלזשיר, ווי אין די אַנדערע אַראַבישע לענדער, האָבן זיי געטריבן אויך קיין אַרגענטינע.

פאַראַן אַ ווערסיע, אַז לעאַנדראָ אַלעם, דער פירער פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי אין אַרגענטינע, אַן אָנגעזעענער אַרגענטינער אַדוואָקאַט און טריבון, (באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין 1896) האָט געשטאַמט פון אַראַבישע אידן. די פּאָגראָמען אויף אידן אין עלזאַס, וואָס זיינען געקומען אַלס ענטפער פון דער פראַנצויזישער און דייטשער רעאַקציע אויף דער באַוועגונג פאַר אידישער גלייכבארעכטיקונג, סוף אכצנטן און אינמיטן נייַנצנטן יאָרהונדערט, האָבן געבראַכט קיין אַרגענטינע עלזאַסער אידן. אַזוי געפינען מיר צווישן די אַנטיילנעמער אין דער אַרמיי פונעם גענעראַל אורקיזאַ, וואָס האָט ביי קאַסעראָס צעקלאַפּט דאָס מיליטער פון דעם טיראַן ראָזאַס און אַ סוף געמאַכט צו זיין הערשאַפט (1852), דעם עלזאַסער איד לואיס ה. בריע, וואָס האָט שפּעטער מיט דעם ראַנג פון קאַפּיטאַן אַנטיילגענומען אין דער מלחמה פון אַרגענטינע (צוזאַמען מיט בראַזיל און אורוגוויי) קעגן פּאַראַגוויי (1865—1870).

די אַלע איינגעוואַנדערטע אידן זיינען אָבער שפּורלאָז פאַרזונקען, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שום אידישן המשך. אַלס אידן זיינען זיי איצט נישט קיין אָביעקט פאַר געשיכטע, נאָר פאַר אַרכעאָלאָגיע. די אידישע משפּחות פון קאַסטיליע, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין קאָרדאָבאַ און דאָרט מיט דער צייט געבילדעט די אַרגענטינישע אַריסטאָקראַטיע (זע ביי ריקאַרדאָ ראָכאַס), די „פּאָרטוגעזן", וואָס האָבן, לויט ריקאַרדאָ ראָכאַס, פאַרגעשטעלט מיט זיך די לאַטיפונדיסטן און לויט אַנדערע — די עקספּאָרט און אימפּאָרט־סוחרים פון דער פּראָווינץ

בוענאָס איירעס, האַנדלס מאַנאָפּאָליסטן, וואָס זיינען געווען די הויפּט־שטיצער פונעם טיראַן ראָסאַס, די אַראַבישע אידן, צעלניקער און שניט־קרעמער, וואָס זאָלן האָבן פון זיך אַרויסגעגעבן דעם אויבנדערמאָנטן לעאַנדראָ אַלעם, און אַפּילו די עלזאַסער אידן, וואָס האָבן שוין געהאַט אַ גאַנץ נאָענטן קאָנטאַקט מיט דער קאָמפּאַקטער מזרח־אייראָפּעישער אידישער איינוואַנדערונג, דער קאָלאָניסטישער, ווי דער שטאָטישער, רעליגיעז און פילאַנטראָפּיש, אַגענטן פון איקאַ און אַליאַנץ איזראַע־ליט, זיינען מער אידישע פּאַרגעשיכטע, ווי אידישע געשיכטע אין אַר־גענטינע.

פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע פאַקטאָרן

אגב, איז דאָ כדאי אָנצומערקן אויף אַ געוויסן טעות וואָס מען מאַכט, ווען מען האַלט דעם רעליגיעזן פאַקטאָר פאַר איינעם פון די הויפּט ווירקנדיקע אין דעם קיום פון דער אידישער געמיינשאַפט. אַר־גענטינע לייקנט דאָס אָפּ און באַשטעטיקט פונקט דאָס פאַרקערטע, אַז ווי שטאַרק עס זאָל נישט זיין דער רעליגיעזער סענטימענט ביי אידן — און נאָך מער איז עס דערוויזן ביי נישט־אידן — ווערט ער מיט דער צייט פאַרשוואונדן אָדער פאַרביטן מיט אַן אַנדערן, אונטער דער ווירקונג פון דער סאָציאַלער סביבה.

ווער וועט עס זאָגן, אַז די אַלע אויסגערעכנטע אידן, וואָס האָבן אין פאַרשידענע צייטן ביז צוריק מיט פופציק יאָר איינגעוואַנדערט קיין אַרגענטינע, זיינען געווען נישט רעליגיעז? דאָס זיינען דאָך אַלץ געווען אַנטלאָפענע פאַר רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען (אין תוך, נאַטיר־לעך, סאָציאַלע, ווי סאָציאַל עס זיינען אין היינטיקער צייט די נאַצישע פאַרפאָלגונגען אויף אידן און קאַטאָליקן אין דייטשלאַנד), מיר באַ־וואונדערן ביז היינטיקן טאָג דעם מסירת נפש פון די אידן מאַראַנען פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל פאַר זייער גלויבן. די אַראַבישע אידן זיינען באַקאַנט מיט זייער פרומקייט, זיי האָבן פון אָנהויב דאָ זיכער געהאַט שילן, חדרים און כלי קודש, פונקט ווי זיי האָבן זיי איצט. די עלזאַסער

אידן זיינען דאָ געווען די גרינדער פון דער ערשטער עפנטלעכער אי־דישער קאָנגרעגאַציע (1868). צווישן אירע גרינדער איז אויך געווען דער פריער דערמאָנטער קאַפּיטאַן לואיס ה. בריע, וועלכן דער שרייבער פון די שורות האָט שוין געקענט פאַר אַ רייכן קרעמער אין איינער פון די בוענאָס איירעסער הויפּט־גאַסן, און ער איז געווען באַקאַנט מיט זיין פרומקייט. מיר געדענקט זיך, אַז אין די לעצטע יאָרן פאַר זיין טויט, האָט ער זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט „בשר כשר" און ער איז געקומען צו מיר ווי צום רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע", מיט אַ פּראָ־יעקט אויסצונוצן דעם דעמאָלט נייעם געזעץ וועגן פּאַטענטן אויף צו מאַכן פון „בשר כשר" אַ פּאַטענטירטע מאַרקע, און מיר איז שווער געווען צו איבערצייגן אָדער אפילו בלויז אויפצוקלערן דעם פרומען קאַפּיטאַן און סוחר, אַז מען קען זיין אַ געטרייער איד און זיך נישט אינטערעסירן מיט כשרות. וואו זשע איז דער „קיום" און דער „חיזוק" וואָס איז געבליבן פון דער פרומקייט און מסירת נפש: ווער געדענקט שוין גאָר איצט, אחוץ ספּעציאַליסטן, אַז אַזעלכע אידן זיינען אין אַר־גענטינע אַמאָל געווען! היינט דערווייסן מיר זיך ווי אַ קוריאָז, אַז דער פּאַשיסטישער און אַנטיסעמיטישער סענאַטאָר סאַנטשעז סאָראָנדאָ איז אַ זון פון אַ פּאָרטוגעזישן אידן און אַז די „קאַטוילישע־פרומע און גע־לערנטע שטאָט קאָרדאָבאַ" איז פול מיט געוועזענע אידן.

אין וואָס זשע דען באַשטייט דער „קיום" און דער „חיזוק" און וואָס אַזעלכעס האָט אויפגעשטעלט און האַלט איין דעם אידישן קיבוץ אין אַרגענטינע און באַפעסטיקט אים? מיר ענטפערן דערויף: דאָס געזעלשאַפטלעכע אידישע לעבן און זיינע אָרגאַניזאַציעס. אויפן ערשטן פּלאַן די אידישע קאָלאָניעס און זייערע אָרגאַניזירטע קאָפּעראַטיוועס; די שפּעטער צוגעקומענע קאָפּעראַטיוועס פון די אידישע „קוועטשני־קעס" און די אידישע בענק און בענקלעך פון קעגנזייטיקן קרעדיט, וואָס זיינען פאַראַן נישט נאָר אין דער הויפּטשטאָט, נאָר אויך אין אַלע וויכטיקע שטאָטישע ישובים פון דער רעפּובליק: די הילפס־אינסטיטור־ציעס, וואָס נישט געקוקט אויף דעם פילאַנטראָפּישן צוגאַנג צו זיי מצד די כלל־טוער, זיינען זיי אין תוך גרויסע קאָלעקטיווע שאַפונגען פון קעגנזייטיקער הילף; די לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס זייער באַזע איז די קעגנזייטיקע הילף און די נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט; אידעאָלאָגישע

גרופּעס, וואָס אָריענטירן דאָס אידישן לעבן אויפן גרונט פון די סאָ־ציאַלע באַוועגונגען, ציוניסטישע, סאָציאַליסטישע א. א.; די קולטור־אינסטיטוציעס און די דערציאונגס אַנשטאַלטן, וואָס זיינען פון די באַ־וועגונגען באַהויכט און באַווירקט: דאָס געזעלשאַפטלעכע, וואָס איז פאַראַן אינעם אידישן טעאַטער, אפילו ווען דאָס געפינט זיך אין אים ציימנווייז בלויז אַלס „שכר הליכה"; די אידישע פּרעסע, וואָס באַ־העפט דעם אָרגאַנטינישן אידישן ישוב מיט דער אַלגעמיינער אידישער וועלט, מיט דער אידישער שאַפונג אויף אַלע געביטן און רעגט אָן צו אייגענער, אָרטיקער שאַפונג און מאַכט פונעם צוזאַמענגעלויף אַן אָר־גאַניזירטן שאַפנדיקן אידישן קאָלעקטיוו.

אין דעם גאַנצן אויפגעבויטן סאָציאַלן יש, זעט זיך דאָס אידישע רעליגיעזע לעבן כמעט נישט אָן, דאָס פאַרנעמט דעם זעלבן פּלאַץ וואָס די רעליגיע פאַרנעמט אין דעם אַלגעמיינעם מלוכהשן און געזעלשאַפט־לעכן לעבן, נישט קיין מוד־פּלאַץ. פונקט ווי אינעם אַלגעמיינעם געזעל־שאַפטלעכן לעבן, קומט שוין אויס אויף גוואַלד צו מאַכן דער רעלי־גיעזער צערעמאָניע און מנהג אַן אָרט אויך אין דער אידישער גע־זעלשאַפט.

אָט דעם באַוואוסטזיין, אַז דער אידישער קיום געפינט זיך אינעם אידישן צוזאַמענלעבן, געפינען מיר שוין ביי די ערשטע אידישע קאָ־לאָניסטן, וואָס זיינען געקומען קיין אַרגענטינע. דער דאָזיקער באַ־וואוסטזיין איז צו זיי געקומען נישט פון טעאָרעטישן דענקען, נאָר פון דער געוואוינהייט און פון דער פּראַקטיק. זיי האָבן געקעמפט קעגן דער איקאַ, וועלכע האָט דערצו געשטערט.

די ערשטע אידישע קאָלאָניזאַטאָרס, די יורשים פונעם באַראָן הירש, יאַהודים, וואָס האָבן געזען דאָס אומגליק פון אידנטום אין דער געדיכטקייט פון די אידישע ישובים, וואָס האָט זיי דערמאָנט מיט שרעק די „געטאָס", פון וועלכע זיי אָדער זייערע עלטערן האָבן זיך אַרויסגעריסן, האָבן זייער קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אויסגעאַרבעט אַזוי, אַז אידן זאָלן זיצן וואָס ווייניקער צוזאַמען. דעם פּלאַן האָבן זיי אויס־געאַרבעט נישט געקוקט אויף דער רעקאָמענדאַציע פון דעם פּראָפעסאָר לעווענטאַל, וואָס האָט אין דער שפּיץ פון אַ ספּעציעלער קאָמיסיע אויס־געפאָרשט די באַדינגונגען אין לאַנד און די קאָלאָניזאַציע־מעגלעכקייטן

און איז געקומען צום שלום, אז בלויז א צענטראליזירטע קאלאניזאציע פון איין טיפ אידן — רוסישע (דערין איז שוין פארשטאנען געווארן אויך אידן פון היינטיקן פוילן) — קען האבן דערפאלג. פראפעסאר לעווענטאל האט זיין מיינונג באגרינדעט מיט טעכנישע מאטיוון פון קאלאניזאטארישער פראקטיק: געמיינשאפטלעכע פארקער־מיטלען און אנדערע טעכנישע הילף, וואס קען געשאפן ווערן דורך געמיינשאפט־לעכער ארבעט און אז בלויז מענטשן מיט איין לעבנס־שטייגער קענען זיך איינפארשטיין ביי אזעלכע ארבעטן.

נישט נאר האבן די יאהודים־קאלאניזאטארן, מיט זייער מורא פאר אידישן צוזאמענלעבן, איינגעקוויפט דעם באדן פאר דער קאלאניזאציע אין פארשידענע געגנטן פון דער ארגענטינישער רעפובליק, ווייט איינע פון דער אנדערער (25 טויזנט העקטאר אין פראווינץ בוענאס איירעס, 360 טויזנט אין פארמאסא, 320 טויזנט אין טשאקא און אין מיסיאָ־נעס, א חוץ דעם באדן אין ענטרע ריאס, סאנטא פע, סאנטיאגא דעל עסטערא און פאמפא), נאר אויך די באזצוגנג האבן זיי אנגעהויבן אויף דעם שטייגער פון די ארגענטינישע „עסטאנסיאס", איינס א שטיבל אינמיטן א פעלד פון 150 העקטאר, וואס דאס איז געווען די נארמע באדן פאר יעדן קאלאניסט. אז דאס איז געטון געווארן מיט אן אויס־געשפראכן אסימילאטארישער כונה, כדי די אידישע קאלאניסטן זאלן פארשלונגען ווערן צווישן די נישט־אידישע, איז נישט קיין השערה, נאר א פאקט, וואס איז באשטעטיקט דורך די פראטאקאלירטע ויכוחים וואס האבן זיך געפירט אין דער איקא העכער צוויי יאר, פון אנהויב 1891, ווען דער באראן הירש האט אוועקגעשטעלט די „דירעקציע" אין בוענאס איירעס, ביז אקטאבער 1893, ווען מען האט זיך ערשט גע־שטעלט בויען הייזער, גראבן ברונעמס און גענומען איינקויפן אינווענ־טאר, לעבעדיקן און טויטן, אדער ווי מען רופט עס דא „רעמאנענט" צו דער ארבעט. (פארצייכנט פון יעקב טעפליצקי אין דער אידישער ענציקלאפעדיע פון בראקהויז און עפראן).

אנטשידן האט אין דעם ויכוח דער „בונט" פון די קאלאניסטן. „מען וויל אונדז מאכן פאר גוים" — האבן זיי געשריגן. — פראפע־סאר לעווענטאל איז שוין דעמאלט געהאט אוועק פון דער קאלאניזא־ציע, נישט וועלנדיק מיטמאכן דעם סקאנדאליעזן דורכפאל אירן, וואס

די „דירעקטארן” פונעם באראן הירשס ירושה ביים לעבן, האבן געגרייט און די בויאונג האט זיך אנגעהויבן אונטער דער דירעקציע פון ס. הירש און ד. קאזעס, נאכגעבנדיק די קאלאניסטן זיי זאלן בויען ווי זיי איז באקוועמער. און אדאנק דעם „בונט” פון די קאלאניסטן קעגן דער איקא דירעקציע, זיינען אנטשטאנען די קאלאניעס: מאזעסוויל, אין סאנטא פע; מאוריציא אין בוענאס איירעס; קלארא, סאן אנטאניא און לוסיענוויל אין ענטרע ריאס; באראן הירש און נארסים לעווען אין דער פאמפא א. א. מיט זייערע שפעטערדיקע קאאפעראטיוועס, און מיט א שפרודלדיקן געזעלשאפטלעכן לעבן ארום די אייגענע קאלאניסטישע אינטערעסן און אנגעקניפט מיט דעם אלגעמיינעם אידישן לעבן אין דער רעפובליק און מיט דעם אידישן לעבן אין דער וועלט בכלל.

פון דעם געזאגטן ווערט שוין אויך קלאר, אז ווען מיר ריידן וועגן פופציק יאר אידן אין ארגענטינע, האבן מיר אינזינען די אלע ערשט אויסגערעכנטע פאקטארן וואס האבן געשאפן דעם בנין, וואס מיר רופן אידישע קאלעקטיוויטעט און אידיש לעבן אין ארגענטינע.

צו דעם אלעמען מוז מען נאך צוגעבן אויך אנדערע פאקטארן, נעגאטיווע, וואס האבן געווירקט אדער ווירקן נאך פארדארבנדיק און קעגן דער באפעסטיקונג פון דעם אידישן לעבן אין ארגענטינע. נעגאטיווע פאקטארן, אגב, וואס דער קאמף קעגן זיי איז פארוואנדלט געווארן אין א פאזיטיוון פאקטאר פאר אונדזער ישוב.

אזא נעגאטיווער פאקטאר איז געווען דאס אידישע טמאים־געזינדל, וואס האט זיך צוזאמענגעקליבן אהער, אויפן מארק פון פרויען־האנדל פאר דרום אמעריקע, געקומען פון דער הינטערשטאטישער געדיכטעניש פון ווארשע און לעמבערג, אדעס און גאליץ; דאס געזינדל איז דא באררייכערט געווארן און האט צוזאמען מיט זיינע געשעפטלעכע ארגאניזאציעס אויפגעשטעלט אויך זיין גייסטיק לעבן: א שיל, א בית עולם מיט אלע נויטיקע כלי קודש, אלץ וואס ס'איז נויטיק פאר א אידישער קהילה.

דידאָזיקע „אידישע קהילה״ האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן. אַ סך מער ווי די קאָנגרעגאַציע פון די עלזאַסער אידן. די ברייטע האַנט פון די גרינגע פאַרדינער האָט מקרב געווען דעם עלנטן אימיגראַנט, דעם באַלמעלאָכע און דעם פּראָסטאַק, און אים געגעבן צו פאַרדינען, אים, דעם שניידער און סטאָליער און דעם מאָליער און זיין ווייב און קינדער, די מאָדיסטקעס און וועש־נייערקעס. ביי דער זייט פון זייערע בערזעס — די קאַפע־הייזער — אָדער אין די קוואַרטאַלן, וואו עס זיינען אַמערסטן קאָנצענטרירט געווען די שאַנד־הייזער, האָט זיך אוועקגעשטעלט אַ אידיש קלייטל מיט שמאַלץ־הערינג, געזייערטע אוגערקעס און אידישע קוילעטשן, אַ אידישער רעסטאָראַן, וואו אַ אידישער אימיגראַנט פלעגט קויפן אַ הערינג און אָפּעסן אַ לעפל געקעכטס און האָט זיך דאָרט געשטויסן עלנבויגן ביי עלנבויגן מיט די „ארויפגעאַרבעטע לאַנדסלייט״.

און אַז די פּעזע קומט אָן גרינג, איז פאַרוואָס נישט לאָזן זיך וואוילגיין, פאַרוואָס נישט שפּילן אידיש טעאַטער! ליבהאָבער האָבן זיך שוין געפונען און אפילו פּראָפעסיאָנעלע אַקטיאָרן, וואָס זיינען אריינגעצויגן געוואָרן אין דער גרינגער פרנסה, דאָ אין דער ווייט, וואָס ווער ווייס זיי, ווער קען זיי... אפילו וואוילקענער האָבן זיך געפונען, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען סופלירן, צעשרייבן ראָלן און דער אימיגראַנט וואָס עסט אין זעלבן רעסטאָראַן, קויפט אין זעלבן קלייטל און גייט זאָגן קדיש אין זעלבן שילכל, קומט אויך אינעם יום־טובדיקן טעאַטער־סאַלאָן, וואו אַלעמענס פּנימער שיינען באַגלייך: דער אָפּגעפרעסענער רייכער פרויענהענדלער מיט די גאָלדענע רינגען אויף זיינע גראָבע פינגער, דער „חתן״ — דער אַלפאָנס מיט די וואָנצעלעך, די „מאַדאַם״, דאָס מיידל וואָס האָט די נאַכט פריי און... דער גרינער באַלמעלאָכע און קלאַפּער — קוענטעניק.

פון איין זייט, ווי עס איז צו זען, האָט זיך אין אַ געוויסן זין אָפּגעווישט די מחיצה צווישן דעם פאַרברעכער־עולם מיט דעם אידישן האָרעפּאַשניק, וואָס דאָס האָט געווירקט פאַרדאַרבנדיק און פון דער אַנדערער זייט האָט די עקזיסטענץ פון אַ אידישער „קהילה״ און אַ אידיש טעאַטער, אָנגעפירט פון פרויענהענדלער, געמאַכט דעם איינדרוק אויף אַ זייטיקן, אַז דער אידישער איינוואַנדערער פון מזרח־איי־

ראַפּע, דער „רוסאַ״, איז אידענטיש מיט דעם פּרויענהענדלער און אַז וואו אַ „רוסאַ״ איז אַ שאַנד־מיידל: זייער נישט קיין פּאָסיקע אַטמאָס־ פער, נישט פאַר גוטן צוזאַמענלעבן מיט די שכנים און נישט פאַר אייגנער קולטורעלער אַנטוויקלונג און געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירונג.

מען קען אויך דעם פאַקטאָר צורעכענען צו דער פאַרגעשיכטע פון אידן אין אַרגענטינע; דאָס איז אָבער פאַר־געשיכטע וואָס רייסט זיך אַריין מיט זייער שאַרפע שפּורן אין דער אייגנטלעכער געשיכטע.

אַ צווייטער נעגאַטיווער פאַקטאָר איז געווען די גראָבע אַסימי־ לאַציע. דער נישט קולטורעלער עולם האָט זיך געכאַפּט אַסימילירן שפּראַכלעך, ער האָט געוואָלט וואָס גיכער ערגעץ פאַרשטעקן זיין אי־ דישקייט, אַז מען זאָל עס נישט אַרויסזען. צי דאָס איז אים געלונגען אויסצובאַהאַלטן פאַר אַ פרעמד אויג, איז אַ ספק, גיכער האָט ער אויסגעזען קאָמיש, נאָר דאָס זיכערע איז געווען, אַז זיי האָבן, ווי דער שטרויס־פויגל, פאַרשטעקט דעם קאָפּ און געמיינט, אַז מען זעט זיי נישט. און פונקט ווי אַ טייל האָט געזוכט אידישע סביבה, אידישע היימישקייט, האָבן אַנדערע געזוכט זיך צו דערווייטערן פון אידן, די נאָענטקייט זאָל חלילה נישט שאַטן צו דער פּרנסה און נאָך מער האָבן זיי אויסגעהיט די קינדער פון אידיש, עס זאָל זיי נישט שאַטן צו דער קאַריערע. צוזאַמען מיט דער אַלטער קאַריעריסטישער אַסימילאַציע־ פּסיכאָלאָגיע, האָט דאָ, נאַטירלעך, אויך געווירקט דאָס נישט וועלן אַריינגערעכנט ווערן צווישן דעם שענדלעכן געזינדל, וואָס האָט גראָד זייער אָפן און שרייענדיק מאַניפעסטירט זיין אידישקייט. אָט דער נעגאַטיווער פאַקטאָר אַסימילאַציע, וואָס איז פון אָנהויב זייער שטאַרק געווען, האָט זיך אַריינגעשניטן נאָך מער ווי דער פריערדיקער נעגאַ־ טיווער פאַקטאָר, אין דעם וואַקסנדיקן אידישן ישוב און ווירקט נאָך ביז היינטיקן טאָג. אָבער וואָס ווייטער איז זיין ווירקונג געוואָרן און ווערט אַלץ שוואַכער, אַדאַנק דעם וואוקס גופא פונעם ישוב, וואָס שאַפט ביי זיך אַלץ מער פּלאַץ פאַר פרייע פּראָפעסיעס.

אינעם לויף פון אונדזער איבערבליק וועט דער לייענער פאַר זיך האָבן דעם פּראָצעס, וואָס די הי געבוירענע אידישע יוגנט האָט דורכגעמאַכט און מאַכט דורך אונטער דער ווירקונג פון די שפּראַכלעך אַסימילירנדיקע און אידישיזירנדיקע פאַקטאָרן אינעם אידיש־אַרגענטינישן לעבן.

ווי שוין פריער באַמערקט, האָבן די נעגאַטיווע פאַקטאָרן ארויסגערופן אַ רעאַקציע קעגן זיך, אַ קאַמף קעגן זייער ווירקונג, און אַט דער קאַמף איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָזיטיוון פאַקטאָר פאַרן אידישן ישוב. אַזאַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר איז געוואָרן דער קאַמף קעגן דער ווירקונג פון די טמאים אויף אידישע פאַמיליעס און אויפן אידישן טעאַטער, וואָס האָט געשטויסן צו אָרגאַניזאַציע. און אויך דער קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע, מיט דעם כוח פון דער אידישער קולטור־בויאונג.

אין אָנהויב פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, ווען די איקאַ האָט גענומען אויפקויפן באָדן פאַר אידישער באַזעצונג און האָט אויפגעשטעלט די ערשטע קאָלאָניעס אין די פּראָווינצן סאַנטאַ פע, ענטרע ריאָס און בוענאָס איירעס, האָט זיך אַ ווייז געטאָן דער שטענדיקער נעגאַטיווער באַגלייטער פון אידן — דער אַנטיסעמיטיזם. ער איז געקומען אַהער פון פּאַריז אַ נאָכגעהאָנגענער אָן די פּאָלעס פונעם באַראָן הירשם באַנקירישן פראַק און מיט דער שפּראַך פון ראָש־פאָר און דרימאָן האָט ער באַשמירט עטלעכע זייטן פון אַ יעזואיטישער צייטונג און אויך אַ בלעטל אין אַ טעקסט־בוך פאַר געאָגראַפיע אונטערן נאָמען „לאַ טיעראַ" — אַ יעזואיטישע פאַרפאַסונג, וואָס ווערט נאָך היינט גענוצט אין טייל שולן.

עס דאַרף דאָ פעסטגעשטעלט ווערן, אַז דער דאָזיקער אידן־באַגלייטער האָט זיך דאָ שווער אַקלימאַטיזירט פאַר דער גאַנצער צייט, נישט געקוקט אויף די באַמיאונגען, וואָס זענען צייטנווייז אין דער ריכטונג געמאַכט געוואָרן. עס פלעגט זיך דורכוואַרפן ווען נישט איז אַ שטאַרקערע אָדער שוואַכערע נאָטע פון גרינגשעצונג צום „רוסאָ"

און שפּעטער צום „פּאַלאַקאַ״, אַרויסגערופן פון געוויסע נישט סימפּאַ־טישע פּאַלן, וואָס ווערן, ווי עס איז שוין די מענטשלעכע שוואַכקייט, פּאַראַלגעמיינערט; געווען זיינען אפילו גאַנץ שאַרפע פּאַלן פון אַנטי־אידישן אַרויסטריט, איבערפּאַלן אויף דעם אידישן צענטער, ווי אויף אַ צענטער פון „רעוואָלוציאָנערע פאַרשווערונגען״, נאָר צו אַן אַנטיסעמי־טישער באַוועגונג, ווי עס איז פאַראַן די געפאַר עס זאָל זיך דאָ שאַפן איצט, אַדאַנק דער אינטענסיווער פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע פון דער נאַצי־אַגענטור אין אַרגענטינע און אַדאַנק דעם אַלגעמיינעם קורס פון דער וועלט־רעאַקציע אויף אַנטיסעמיטיזם, וואָס ווערט דאָ רעפלעק־טירט, איז דאָ קיינמאָל נישט דערגאַנגען.

און ווען מיר ריידן שוין דאָ וועגן דעם ווי אַזוי נעגאַטיווע פאַק־טאָרן האָבן געהאַט דעם כוח אַדאַנק דעם קאַמף קעגן זיי, צו שאַפן פּאָ־זיטיווע, איז וויכטיק אָנצומערקן וועגן די געווינסן וואָס דער אידישער ישוב קען באַקומען דורך זיין אָרגאַניזירן זיך צום קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און פאַר דער באַפעסטיקונג פון זיינע דערגרייכטע סאָ־ציאַלע, עקאָנאָמישע און קולטורעלע פּאָזיציעס, זיי זאָלן קענען אויס־האַלטן דעם אָנגריף פון דעם נייעם איבל.

די ערשטע

לויט אַלע קוועלן וואָס איך האָב נאָכגעפאָרשט — ביי דעם פאַר־שטאָרבענעם יואל ראָזענבליט, וועלכער איז געווען איינער פון די ערש־טע איינוואַנדערער און ביי וועלכן איך האָב גענומען די דאַטן, וואָס איך האָב אָנגעגעבן אין דער הקדמה צו מיין בוך איבער דער אידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע; אין דער געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, געשריבן פון ישראל פינגערמאַן; אין די דאַטן וואָס דר. קאַרל פאַרנבערג גיט אָן אין דער אידישער ענציקלאָ־פּעדיע פון בראָקהויז און עפראָן, געשטיצטע אויף אַ רייכער פון אים אָנגעגעבענער ביבליאָגראַפיע, איז די ערשטע גרופּע אידישע פאַמי־ליעס, וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט אויף ערד, אָנגעקומען אַהער אין אויגוסט 1889.

פינגערמאַן און ראָזענבליט גייען זיך בלויז פונאַנדער אין דער גרויס פון דער גרופּע: בעת פינגערמאַן גיט אָן די צאָל אין 135 משפּחות מיט אַ צאָל נפשות פון 900 ביז 1000, גיט אָן יואל ראָזענבליט די צאָל 120 פאַמיליעס און די פאַמיליעס האָבן שוין באַדאַרפט פאַרמאָגן אַ דורכשניט פון וויניקסטנס אַכט מיטגלידער יעדע איינע, אַז זייער צאָל נפשות זאָל דערגרייכן ביז דער פריער געשאַצטער צאָל.

איך בין גענויגט אָנצונעמען פאַר ריכטיקער די אָנגעגעבענע צאָל פון יואל ראָזענבליט, מחמת ער איז געווען איינער פון דער דאָזיקער גרופּע, די אַזוי גערופענע פּאָדאָליער אָדער קאַמענעצער, בעת פינ־גערמאַן איז אָנגעקומען שפּעטער, ערשט אינמיטן דעצעמבער 1891, צוזאַמען מיט 200 משפּחות, קרוב צו 800 נפשות, וועלכע מען האָט גערופן די „פּאַמפּיסטן", מחמת געבראַכט אַהער האָט זיי די שיף „פּאַמפּאַ", וואָס האָט זיי אויפגענומען אין באָרדאָ (פראַנקרייך).

וועגן די ערשטע דריי גרופּעס אידישע קאָלאָניסטן איז כדאי זיך אָפּצושטעלן, מחמת זיי שטעלן מיט זיך פאַר אַ גלענצנדיקן כאַראַק־טעריסטישן דאָקומענט פון דער שטימונג צווישן אידן אין רוסלאַנד אין די אַכציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט אונטער דער בייטש פון די פּאָגראָמען, וואָס האָבן געבושעוועט אין אוקראַינע, אונטער די גזירות פון דעם מיניסטער איגנאַטיעוו, וואָס האָט געטריבן די אידן פון די דערפער און פון די גרעניץ־שטעטלעך, און אונטער די אָנגע־בוירענע דעמאָלט אידייען פון „שיבת ציון" און „עבודת האדמה", ווי מען האָט גערופן אין העברעיש צוליב זיין הייליקייט און וואַזשנעקייט, דעם דראַנג צו ערד־אַרבעט אין פּאַלעסטינע, וואָס האָבן באַהערשט די רוסישע אידן צוזאַמען מיט דעם דראַנג אויסצוואַנדערן בכלל. אין דער זעלבער צייט שטעלן זיי מיט זיך פאַר אַ דאָקומענט פון דעם דורשט פון דעם אַרגענטינישן באָדן, פון זיינע באַזיצער מיין איך, צו וואַלאָריזירן אים דורך דער אַגריקולטור.

די 120 „קאַמענעצער" משפּחות, זיינען געווען אַרויסגעטריבענע פון די „פּופּציק ווערסט". אָדער אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געמאַטערט מיט „געקויפטע דערלויבענישן" צו וואוינען אין די שטעטלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אינערהאַלב די פּופּציק ווערסט ביי דער גרעניץ מיט עסטרייך, וואו מען האָט פאַרבאָטן די אידן צו וואוינען, און דאָרטיקע

אידן האָבן זייט לאַנגע יאָרן, נאָך פון אָנהויב נייגצנטן יאָרהונדערט, געפירט שתדלנות און געצאָלט כאַבאַר פאַר דעם רעכט צו וואוינען אין יענער גרעניץ־געגנט, אַפילו דעמאָלט, ווען מען האָט געזעצלעך אָפּגע־שאַפט דעם פאַרבאָט אין די פערציקער און אַ צווייט מאָל אין די פופ־ציקער יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. דאָס זיינען געווען אידן פון די גרעניץ־שטעטלעך ווינקאָוויץ, זינקאָוו, סמאָטריטש, גריידיג און לאַנצקרינען, וואָס האָבן באַשלאָסן איינמאָל פאַר אַלעמאָל, אַוועקוואַרפן די פאַרשאָלטענע פרנסות און פאָרן קיין ארץ ישראל אַרבעטן ערד. געהערט האָבן זיי, אַז דער באַראָן ראָטשילד קאָלאָניזירט אידן אין ארץ ישראל און זיי האָבן געשיקט פון זיך צוויי שליחים קיין פאַריז. נאָר דער באַראָן האָט שוין דעמאָלט געהאַט גענוג אידן אין ארץ ישראל און די צוויי שליחים וואָלטן אַהיימגעפאָרן מיט ליידיקן, ווען זיי דער־וויסן זיך נישט דאָרטן טאַקע, אַז פאַראַן אַזאַ לאַנד, אַרגענטינע, וואָס געפינט זיך זייער ווייט איבערן ים, עטלעכע און דרייסיק טעג פאָרן מיט דעם וואַסער, נאָר פאָרן אַהין קאָסט קיין געלט נישט, מחמת די דאָרטיקע רעגירונג האָט פונאַנדערגעטיילט צווישן אירע קאָנסולן אין אייראָפּע 40.000 אומזיסטע שיפסקאַרטן פאַר יעדן איינעם וואָס וויל אַהין קומען און דערצו איז ערד דאָרט זייער ביליק. פאַר 400 פראַנק, וואָס מען צאָלט איין דעם קאָנסול אין פאַריז, באַקומט מען אין אַר־גענטינע 150 העקטאַר לאַנד. און אַזוי אַרום האָבן זיך די 120 משפחות אויפגעהויבן און געקומען קיין אַרגענטינע מיט פּראָוויזאָרישע קויפ־שיינען אויף 150 העקטאַר ערד יעדע משפחה.

דאָ, זעט אויס, האָט מען נישט געוואוסט אָדער נישט געוואָלט וויסן פון דער אָפּעראַציע, וואָס דער קאָנסול אין פאַריז האָט געמאַכט מיט די „רוסאָס”, דערציילט י. ראָזענבליט, נאָר די רעגירונג האָט זיי געוואָלט פאַרגיטיקן מיט אַנדער ערד גראָד נאָענט פון דער הויפּט־שטאָט, לעבן דער דעמאָלט ערשט געגרינדעטער שטאָט לאַ פּלאַטאַ. מען האָט אָבער באַדאַרפט איינצאָלן פריש געלט, און דאָס האָבן זיי נישט געהאַט. גראָד איז אונטערגעקומען די צייט פון שניט, און פונעם „אי־מיגראַנטן־הויז” זיינען זיי אַוועק אַרבעטן ביים שניט צו אַ פּאָר גוט־באַזיצער אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ פע. אויפן צווייטן יאָר זיינען זיי פאַרבליבן אַרבעטן ביי די גוטבאַזיצער אַלס „מעדיאַנעראָס” (אַזעלכע

וואָס באַאַרבעטן אַ פרעמד פעלד פונעם פּאַראַקערן ביז שניידן און באַקומען דערפאַר אַ העלפט פון דער תבואה). נישט געקוקט דערויף, וואָס די גוטבאַזיצער האָבן זיי נישט געגעבן די געהעריקע מכשירים און בהמות צו דער אַרבעט, איז דער שניט געווען אַ געראָטענער און די „רוסאָס" האָבן באַקומען אַ שם פון גוטע ערד־אַרבעטער. דערוואוסט האָט זיך אויך וועגן דער פעיקייט פון די רוסישע אידן צו דער ערד־אַרבעט, דער פּראָפעסאָר לעווענטאַל (דערפון אפשר האָט זיך גענומען זיין פּאָדערונג צו קאָלאָניזירען בלויז רוסישע אידן) און ער איז אַוועק צו זיי און האָט זיי באַצייטנס באַשטעלט פאַר קאַנדידאַטן אויף דעם באַראָן הירש קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט זיך געזאָלט אָנהויבן אין 1891 אונטער זיין דירעקציע.

ווי שוין באַקאַנט, האָט די קאָלאָניזאַציע זיך אָנגעהויבן ערשט מיט צוויי יאָר שפּעטער. נאָך דאָס איז אַן ענין באַזונדער.

די צווייטע גרופּע איז געקומען דעם 23טן אויגוסט 1891 מיט דער שיף „טיאָקאָ", 300 פאַמיליעס, צווישן זיי מ. אַלפּערסאָן, מחבר פון „30 יאָר אין אַרגענטינע", געשיקט צום קאָלאָניזירן אין קאָלאָניע מאַוריציאָ, וואָס זייערע פּלאָגענישן און מאַטערנישן, זייער פּיאָנערן־לעבן און דעם הורבן זייערן, ווערט דערציילט אינעם דערמאָנטן ווערק.

אויך די דריטע גרופּע איינוואַנדערער, די 200 משפחות „פּאָמפּיסטן", פּונקט ווי די ערשטע, איז געקומען קיין אַרגענטינע אומגעריכט. אויך זיי האָבן געוואָלט אַרבעטן ערד אין ארץ ישראל און האָבן וועגן אַרגענטינע אפשר גאָר אפילו נישט געהערט. נאָר זיי האָבן קיין שליחים פון דער היים נישט געשיקט. זיי האָבן זיך גלייך אויפגעהויבן פון די ערטער און זיך געלאָזט פאָרן מיטן ים פון אָדעס, אַנדערע פון קערטש און פעאָדאָסיע דורך קאָנסטאַנטינאָפּאָל קיין יפו. אָנגעזאַמלט האָבן זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל פאַר די חדשים יוני, יולי און אויגוסט 1891 אַ פינף־זעקס הונדערט פאַמיליעס, וואָס האָבן ווייטער נישט געקענט פאָרן. עטלעכע חדשים האָבן זיך די משפחות געוואַלגערט אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אויסגעשטעלט אויף דער הילף פון דער דאָרטיקער אידישער קהילה. טייל האָבן זיך דערשלאָגן ווייטער, טייל האָבן זיך אומגעקערט אַהיים, מיט די פאַרבליבענע האָט די אידישע קהילה זיך קיין עצה נישט געקענט געבן. און דעמאָלט איז איינגעפאַלן דעם די־

רעקטאָר פון דער דאָרטיקער אַליאַנץ־שול, מ. דאַלעם, זיך צו ווענדן קיין פּאַריז און זיי פאַרשלאָגן דעם באַראָן הירש אַלס קאַנדידאַטן פאַר זיין דעמאָלט באַקאַנט געוואָרענעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן אין אַרגענטינע. דער באַראָן האָט מסכים געווען און מען האָט זיי אויסגעקליבן 200 פאַמיליעס. געזונטערע און די וואָס האָבן געהאַט דערוואַקסענע קינדער צו דער אַרבעט, און מען האָט זיי אָפּגעשיקט מיט אַ שיף קיין מאַרסעל. פון דאָרט האָט מען זיי איבערגעשיקט קיין באָרדאָ און פון באָרדאָ קיין אַרגענטינע אויף דער שיף מיט דעם סימוואָלישן נאָמען „פּאַמפּאַ".

אין די ערשטע פאַר יאָר האָבן שוין געוואָרט אויף קאָלאָניזירט צו ווערן אין די אידישע קאָלאָניעס, לויט די ציפערן פון דר. ק. פאַרנבערג, 2,850 קאָלאָניסטן. ביז סוף 1893, ווען מען האָט אָנגעהויבן בויען איז פון זיי געבליבן 2,683. אַ פאַר הונדערט איז אַוועק אין שטאָט, הייסט עס. ביז סוף יאָר זיינען אָבער צוגעקומען נייע 243 אידן, אין 1894 — 2,890; אין 1895 — 1,763 אידן. אין דעם יאָר באַטרעפט שוין די אידישע באַפעלקערונג אין די קאָלאָניעס 6,735 נפשות. די לעצט אויסגערעכנטע צאָלן איינגעוואַנדערטע אידן, פון 1894 און 1895, שטעלן מיט זיך פאַר אין גרעסטן טייל די גרופּעס קאַנדידאַטן אויף קאָלאָניזאַציע, ווערבירטע דורך דוד פיינבערג אין דרום־רוסלאַנד און אין גראָדנער גובערניע.

אַ פּאָר ציפערן פון די אויסגערעכנטע בעטן זיך קאָמענטירן. פון די קנאַפּע דריי טויזנט קאַנדידאַטן אויף קאָלאָניזאַציע, זעען מיר, זיינען אין די ערשטע צוויי יאָר אָפּגעפאַלן 167 און עס זיינען צוגעקומען נייע 243. דאָס באַווייזט, אַז נישט געקוקט אויף די ערשטע שוועריקייטן ביי דער קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט געבראַכט צו דעם אָפּפאַל — אגב, אַ גאַנץ געוויינלעכע דערשיינונג ביי יעדער קאָלעקטיווער אונטערנעמונג — וואָס איז אַוועק אין שטאָט, איז צווישן דער קליינער צאָל שטאָטישע איינגעוואַנדערטע אידן גרויס געווען דער דראַנג צו קאָלאָניזאַציע. צווישן די שטאָטישע אידן זיינען געווען אַזעלכע וואָס פלעגן זיך אַוועקלאָזן שניט־צייט אויף אַרבעט אין די פּריציששע „עסטאַנסיאַס" און זיי זיינען דאָ ביי דער ערשטער ידיעה, אַז די קאָלאָניזאַציע האָט זיך שוין אָנגעהויבן, אַוועק אין די אידישע קאָלאָניעס.

אַט די אויף אייגענער אחריות אויסגעוואַנדערטע אידישע פעלד־אַרבע־טער, וואָס האָבן זיך געריסן צו קאָלאָניזאַציע, האָבן לאַנגע יאָרן גע־בילדעט אין דער קאָלאָניזאַציע־פּראַקטיק פון דער איקאַ אַ ספּעציעלע קאַטעגאָריע — „קאַנדידאַטן". אַ סך פון זיי זיינען פאַרבליבן אַרבעטן ביי די קאָלאָניסטן אָדער האָבן געאַרבעט אַלס „מעדיאַנעראָס" און ביז נישט לאַנג נאָך פלעגט מיר אויסקומען אויסצוהערן קלאַגעס און טענות פון אַלטע „קאַנדידאַטן": פאַרוואָס קאָלאָניזירט מען אונדז נישט?...

„קריזיס" אין דער קאָלאָניזאַציע, וואוקס אין שטאָט

פון 1895 און ווייטער, ביז אַרום 1904, טרעט אַריין אַן איבערייס אין דער אידישער עמיגראַציע קיין אַרגענטינע. אין 1896, מערקט אָן ק. פאַרנבערג, זיינען אַריינגעקומען קיין אַרגענטינע בלויז 41 אידן און ערשט אין 1904 הויבט זיך אָן ווידער דער עמיגראַציע־שטראָם. אין דעם איינעם יאָר זיינען אַריינגעקומען 4000 אידן.

די סיבה פון דעם איבערייס גיט ק. פאַרנבערג נישט אָן, ער זאָגט בלויז, אַז „אַרגענטינע איז דעמאָלט געבליבן אָן אַ זייט פונעם וואַנ־דער־שטראָם, וואָס האָט זיך געצויגן פון איירָאָפּע קיין אַמעריקע" מיר געפינען אָבער די סיבה אין דער קאָלאָניזאַציע־טעטיקייט פון איקאַ. באַלד נאָכן טויט פון באַראָן הירש — דערציילט דער היסטאָריקער י. משעריקאָווער — האָט אַ באַראַטונג פון די איקאַ פאַרטרעטער אין פּאַ־ריז, וואו עס איז אויך בייגעווען אַ פאַרטרעטער פון רוסלאַנד, באַשלאָסן אָנצוהויבן אַן אַרבעט אין רוסלאַנד גופא. די דאָזיקע אַרבעט האָט זיך ערשט רעכט אָנגעהויבן אין 1898. דער עיקר אין בעסאַראַביע, אין גראָדנער גובערניע, אין דובראָוונע (מאָהילעווער גוב.), אין באָברויסק, אין ווילנע. די איקאַ האָט געשטיצט די בעסאַראַבער, כערסאָנער און פאָדאָליער אידישע קאָלאָניעס, די סאָראָקער אידישע ווייַנגערטנער, די גראָדנער סעדער־האַלטער, די דובראָוונער טליתים־וועבער מיט קרע־דיטן, די ווילנער און באָברויסקער אידישע אָרעמשאַפט מיט היגיענישע דירות. ביז אָבער מען האָט די אַרבעט אָנגעהויבן, איז די צייט אוועק אין ויכוחים און מען האָט נישט געפירט קיין שום אַרבעט.

אין דעם באשלוס, זאָל האָבן געווען דעצידירט די מיינונג, אַז די ארגענטינישע קאָלאָניזאציע איז א דורכפאַל, זי קאָסט צו טייער און די פאנטאזיע פונעם באראָן צו קענען באזעצן אין ארגענטינע א מי־ליאָן אידן אָדער ווי מיסטער אוייט, דעם באראָנס שליח אין רוסלאנד, האָט גערעכנט — דריי מיט א פערטל מיליאָן — האָט זיך אויסגע־לאָשן.

און שוין דעמאָלט, ווען דאָ האָבן אידן געברענט פון אומגעדולד קאָלאָניזירט צו ווערן, האָט מען אין פּאריזער איקא־דירעקציע גערעדט וועגן קריזיס אין דער קאָלאָניזאציע.

דער וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג אין דער הויפּט־שטאָט האָט זיך פונדעסטוועגן פאר דעם צייט־אָפּשניט נישט אָפּגע־שטעלט. זי איז געוואקסן פון דעם בייטראָג פון די אידישע קאָלאָניעס. די צאָל קאָלאָניסטישע פּליטים האָט נישט אויפגעהערט צוקומען. קליי־נע סכומים אידישע איינוואנדערער זיינען אויך צוגעקומען פון רוס־לאנד, פּוילן, רומעניע און גאליציע, אזוי אַז אין 1904 גיט אָן עלקאָן נאטאַן אדלער אין „דהי דזשוס אין מאני לענדס" די צאָל אידן אין ארגענטינע אין 30.000, און ווען מ'זאָל אפילו אָננעמען די ציפערן, וואָס דר. רופּין גיט אָן („די יודען דער געגענוואַרט" — 1905) — אין 22.500, באווייזט דאָס, אַז די אידישע באפעלקערונג אין דער הויפּט־שטאָט איז היפּש אויסגעוואקסן פאר דער צייט קעגנאיבער דער קאָ־לאָניסטישער, וואָס איז אין 1904 געשטאנען העכסטנס ביי דער זעל־בער צאָל ווי אין 1894.

וואָס שייך אידישער סטאטיסטיק אין ארגענטינע, מוז מען דאָ אָנמערקן, האלט מיט איר זייער נישט גוט, ערגער נאָך ווי אין אנדערע לענדער, וואו די פאָלקס־ציילונגען נעמען נישט אין אכט די רעליגיע אָדער דעם עטנישן אָפּשטאַם פון דער באפעלקערונג. אין אזעלכע לענ־דער, אין ענגלאנד, למשל, באנוצט מען דערצו די רשימות פון די באערדיקטע אידן דורך דער חברה קדישא, נעמענדיק אין אכט דעם פעסטגעשטעלטן אלגעמיינעם פּראָצענט שטערבלעכקייט, ווי לויט דער

צאָל חתונות און לויט דער צאָל קינדער, וואָס באַזוכן די עלעמענטאַרע שולן, ווידער נעמענדיק אין אַכט דעם אַלגעמיינעם דורכשניט אין די רובריקן פון דער ציילונג. זיינען מיר אָבער אַ יונגער ישוב מיט אַן אומאויפהערלעך שטראָמענדיקער איינוואַנדערונג, אַן איינוואַנדערונג פון יונגע, קרעפטיקע מענטשן, און מען קען דעריבער נישט באַנוצן צו זיי דעם אַלגעמיינעם דורכשניט שטערבלעכקייט. דאָס אייגענע קען מען נישט ביי אַזאַ איינוואַנדערונג אָנווענדן דעם אַלגעמיינעם דורכשניט חתונות און שול־קינדער, וואָס זיינען פאַרצייכנט אין די ציוויל־רייסטערס. אָפּגערעדט, אַז נישט אַלעמאָל קען מען וויסן לויט די נע־מען און פאַמיליען־נעמען פונעם רעגיסטער צי די פאַרעגיסטרירטע זיינען אידן.

פון די פאָלקס־ציילונגען איז אומעגלעך זיך צו דערוויסן די ריכ־טיקע צאָל אידן, מחמת די רובריק „נאַציאָנאַליטעט", וואָס זיי אַנט־האַלטן, באַציט זיך אויף די לענדער פונוואַנען די איינגעוואַנדערטע זיינען געקומען און די הי געבוירענע קינדער זייערע ווערן שוין פאַר־רעכנט פאַר ארגענטינער, אידן זיינען געקומען פון פאַרשידענע לענדער, פון רוסלאַנד, פון עסטרייך, פון רומעניע, און ווען פוילן איז געוואָרן אַ מלוכה — פון פוילן. זיינען זיי דעריבער אין די פאָלקס־ציילונגען פאַרשריבן פאַר „רוסאָס", „אוסטריאַקאָס", „רומאַנאָס" און „פּאָלאַ־קאָס"; די הי געבוירענע קינדער זייערע — אַלס „ארכענטינאָס". היינט גיי דערגיי אַ טאָלק, וויפל צווישן די אָנגעציילטע „רוסאָס" עס זיינען פאַראַן אידן, וויפל פוילישע און וויפל אוקראַינער, אָדער דייטשן פון דער וואָלגע־געגנט און פון די אַנדערע דייטשן רוסישע אונטערטאַנען. אַזוי גיט עס אָן די צווייטע ארגענטינישע פאָלקס־ציילונג (1895) די צאָל „רוסן" אין 15.057. און כאָטש דעמאָלט איז די אידישע איינוואַנ־דערונג געווען כמעט דורכוים אַ רוסישע, דאָס הייסט מיט רוסישע פּאַספּאָרטן, און קיין סך אידישע קינדער זיינען נאָך דעמאָלט נישט געבוירן געוואָרן אין אַרגענטינע, קען מען אָבער נישט זאָגן, אַז עס האָבן נישט איינגעוואַנדערט אויך אַנדערע רוסן, נישט־אידן, וואָס האָבן שוין דאָ געהאַט אַ צערקווע און מען קען אויך נישט אַוועקשענקען פון דער אַלגעמיינער צאָל אידן, די עסטרייכישע, די דייטשע, די פראַנ־צויזישע, די טערקישע, די ענגלישע (לויט זייער אונטערטאַנשאַפט) און

אויך נישט זייערע קינדער. צוליב דעם זעלבן טעם קען מען זיך נישט באַנוצן מיט די ציפערן פון דער דריטער פאָלקסציילונג, אין 1914, וואָס גיט אָן 93.634 רוסן. פון איין זייט קומען דאָ נישט אַריין אין דער צאָל אַלע אידישע קינדער, וואָס זיינען דאָ געבוירן געוואָרן פון אידישע עלטערן ביז דער ציילונג און זייער צאָל איז שוין דעמאָלט זיכער געווען אַ גאַנץ היפּשע און אַלע אַנדערע אידן, נישט רוסישע: פון דער צווייטער זייט, זיינען שוין אַהער צוגערעכנט די רוסישע פּאַ־לאַקן, אוקראַינער און דייטשען, וואָס האָבן שוין דעמאָלט געהאַט היפּ־שע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע, אין שטאָט ווי איבערן לאַנד.

צו דער ציילונג פון 1914 האָט אַ קאָמיטעט פון די אידישע סאָ־ציאַליסטישע גרופּירונגען, „אַוואַנגאַרד" און „פּועלי ציון", רעקאָמענ־דירט דער אידישער באַפעלקערונג אָנצוגעבן אין די צייל־בויגנס, אין רובריק „נאַציאָנאַליטעט": די אידישע. אָבער פון איין זייט האָט דאָס וואָרט „כודיאָ" נאָך שטאַרק געקלונגען ווי אַ שימפּ־וואָרט אין שפּאַ־ניש און נאָך מער אין די אויערן פון אידן, און נישט אַלע אידן האָבן זיך דערוועגט אויף אַזאַ הערויזם ווי אָנצוגעבן זיך אַלס „כודיאָ", כאָטש „רוסאָ" האָט דאָ געקלונגען נישט שענער. און נאָך אַלעמען, האָבן ערשט די ציילער אויסגעמעקט אומעטום וואו עס איז געווען אָנ־געגעבן „כודיאָ" און פאַרביטן אויף „רוסאָ". צו דער לעצטער ציילונג, פון פאַרגאַנגענעם יאָר 1937 אין דער הויפּט־שטאָט, וואָס האָט שוין אַריינגענומען אין די צייל־בויגנס דעם רובריק רעליגיע, האָבן די פּראָ־לעטאַרישע אינסטיטוציעס פון אַלע ריכטונגען אויפגעפאָדערט די אי־דישע באַפעלקערונג אָנצוגעבן זייער אָנגעהעריקייט צו דער אידישער רעליגיע, כדי צו קענען שאַצן די צאָל אידן אין לאַנד, אַ באַדינג, וואָס איז נויטיק פאַר יעדער געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט צווישן דער אידישער באַפעלקערונג. די ציפערן פון דער ציילונג זיינען נאָך אָבער נישט באַקאַנט און מען קען אויך נישט זיכער זיין ווי ווייט אידן האָבן די רעקאָמענדאַציע געפאָלגט.

די באַשעפטיקונג פון די שטאָטישע אידן אין יענער צייט קען מיט פּינקטלעכקייט נישט אָנגעגעבן ווערן. אָבער, אָראָפּגערעכנט די „נישט געוואונטשענע", קען מען אָנווייזן וועלכע באַשעפטיקונגען זיינען די הערשנדיקע. די עלזאַסער און דייטשע אידן האָבן מערסטנס געהאַט

פארטרעטונגען פון פראנצויזישע און דייטשע פירמעס. די ספרדישע אידן האבן זיך פארנומען מיט צעלניק און זיידנס אימפארט. עטלעכע פארמעגלעכע רוסישע אידן (א טייל, דערפון וואס זיי האבן פארקויפט דעם קאלאניסטישן אינוועטאר), האבן גענומען עפנען טוך־געשעפטן אויף אנצוגן, מעבל־געשעפטן און הורט־געשעפטן פאר די פעדלער מיט דעקעס און טישטעכער. די פעדלער גופא, וואס מען האט זיי א נאמען געגעבן „קוענטעניקעס", מחמת זיי האבן געגעבן זייערע קליענטן די סחורה אויף „קאנטא", אויף אויסצאלן ראטעסווייז, האבן געבילדעט א היפשן פראצענט צווישן דער אידישער באפעלקערונג. געווען זיינען באלמעלאכעס, שניידער, סטאליערעס, מאליערעס, גייטארקעס, היטל־מאכער, זייגערמאכער, שמוקלער, שוסטער, א פאר רעסטאראטארס, שפייז־קרעמער, טאנדעט־קרעמער און אלטווארג־הענדלער מיט זייערע „קאמבאלאטשן", ווי מען רופט דא די פינטארעסקע געשעפטלעך, וואו מען קען קריגן פון א גענוצטן פראק ביז אן אנטיקווארע מטבע און א צירונג פון פארדעכטיקן אפשטאם.

דאס אלץ איז געווען קאנצענטרירט אין א געגנט, וואס האט באקומען דעם שם פון א אידישער געטא, כאטש א זייער צענטרישע, עטלעכע קווארטאלן ארום דער פלאסע לאוואזשע. ווי שוין געזאגט, האבן אין דער זעלבער געגנט געהאט זייערע בערזעס, קלובן, רעסטאראנען און שילעכלעך די אידישע פרויען־הענדלער און אויך שאנד־הייזער זיינען אין דער געגנט געווען מער ווי אין אנדערע געגנטן. צי אין אנדערע געגנטן האבן די שכנים רעאגירט און געפועלט ביי דער שטאט־פארוואלטונג מען זאל זיי פון דארט צונעמען, צי דאס האט געשעפטלעך געלוינט, מחמת דער „פאראקיאנא" (דער שטאם־גאסט) איז אהין געגאנגען זוכן א שיינע „רוסא", אדער א שיינע „פאלאקא".

סאציאל, האבן די עלזאסער מיט זיך פארגעשטעלט די אידישע אריסטאקראטיע. זיי האבן געהאט א טעמפל, גישט קיין שיל, א ראבינער (א געוויסער העררי יאזעף, וואס האט אליין געפירט זיינע קינדער צום שמד), און האבן געגעבן צדקה. די שוין ארויפגעארבעטע

רוסישע אידן האָבן נישט געהאַט דעם מוט די ערשטע יאָרן אַהין צו שטופּן זיך און זיי האָבן געגרינדעט אין 1892 אַן אייגענעם צדקה־פאַריין, וואָס זיי האָבן אַ נאָמען געגעבן דוקא אין „דייטש": אונטער־שטיצונגס קאַססאַ, אָט ווי איר זעט עס דאָ אָנגעשריבן. באַלמעלאָכעס, מיט דעם רייכסטן פון זיי, דעם רעגנמאַנטלער סאָלי באָראָק, האָבן זיך געגרינדעט אַ פאַריין מיט דעם טראַדיציאָנעלן באַלמעלאָכישן נאָמען „פּועלי צדק" (דאָס יאָר פון זיין גרינדונג איז מיר נישט געלונגען פעסטצושטעלן. פּראָלעטאַריער, אָנגעשטעקטע מיט סאָציאַליזם, האָבן געגרינדעט (1896) דעם „אידישן ארבעטער־פאַריין פאַר קעגנזייטיקער הילף", וואָס איז מיט 9 יאָר שפּעטער מגולגל געוואָרן אינעם היינטיקן „ביקור חולים". אין יענעם פאַריין איז געווען אַ .אידישע ביבליאָטעק, וואו אַ חוץ שמר"ס און טענענבוימס ראָמאַנען, האָט מען אויך גע־טראָפן די אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישע בראָשורן, ווי די אַמעריקאַנער און לאָנדאָנער צייטונגען. געלייענט האָט מען דאָרט רעפעראַטן איבער סאָציאַליזם און צווישן די רעפערענטן איז אויך געווען דער שפּעטער־דיקער דעפּוטאַט און דעמאָלטיקער סטודענט פון מעדיצין, ענריקע דיקמאַן.

אין 1894 גרינדעט זיך די „חברה קדישא" אויף דער איניציאַ־טיוו פון דעם ראַבינער העניר יאָזעף, מיט דער באַטייליקונג פון אַלע אין יענער צייט עקזיסטירנדיקע אידישע אינסטיטוציעס און מען קויפט אַ פּלאַץ פאַר אַן אייגענעם אידישן בית עולם. ביז דעמאָלט פלעגט מען באַהאַלטן אידישע מתים אויף דעם פּראָטעסטאַנטישן אָדער אויף דעם אַלגעמיינעם צווינטער אין פלאָרעס אין אַ באַזונדער ווינקל.

אין 1896 גרינדעט זיך די ערשטע תלמוד תורה אין בוענאָס איי־רעס, „תלמוד תורה הראשונה".

אין 1897 גרינדעט זיך אַ פאַריין „חובבי ציון", וואָס שיקט אַן אָנשלוס צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, און אין 1898 גרינדעט זיך אַ צווייטער ציוניסטישער פאַריין אונטערן נאָמען „ליגע טעאָדאָר הערצל", און אַן אָרטאָדאָקסישער ציוניסטישער פאַריין „זכרון שמואל" אויפן נאָמען פון רבי שמואל מאָהילעווער און עס פאָרט שוין פון דאַנען אַ דעלעגאַט קיין באַזעל. איינער אַ איד מיטן נאָמען סאַן, וואָס האָט צונגעשטעלט וועש פאַר די שאַנד־הייזער, איז אַרומגעגאַנגען

קלייבן חתימות פאר זיך אלס דעלעגאט און מען האט אים געגעבן. ער איז געווען א שטיקל וואוילקענער און דאס איז געווען גענוג.

אין 1898 קומען אויף די ערשטע אידישע צייטשריפטן אין אר־גענטינע: דער „ווידערקול", רעדאקטירט פון מיכל הכהן סיני; דער „פאנאגראף", רעדאקטירט פון פאביאן ש. הלוי; די „פאלקס שטיממע", רעדאקטירט פון אברהם ווערמאנט; אין 1899 — „דער פויק" און „די בלום", אונטער דער רעדאקציע פון ז. לעווין און ארויסגעגעבן פון וואלף צייטלין. אינעם זעלבן יאר פירט אויף דער זעלבער ז. לעווין מיט ליב־האבער א פאסקוויל־רעוויסטע אונטערן נאמען „ווערמאנט אויף דער קאטרע", וואס ווערט דער אנהויב פון אידישן טעאטער אין ארגענטינע.

אין 1900 גרינדעט זיך דער פאריין „עזרה". א פארוואנדלונג פון „אונטערשטיצונגס קאססא".

אין מיין בוך „צו דער געשיכטע פון דער אידשער זשורנאליסטיק אין ארגענטינע" (1929) האב איך מיט אויסצוגן פון דער דעמאלטיקער אידישער פרעסע, געגעבן, לויט מיינע מעגלעכקייטן, א כאראקטעריסטיק פון דער אידשער געזעלשאפטלעכקייט אין ארגענטינע פון יענער צייט און פון א ריי הויפט־פערזאנען, וואס האבן דעמאלט אקטואירט, און איך רעקאמענדיר דאס צו לייענען ווי א דערגאנצונג צו דער איצטיקער קורצער ארבעט.

א נייער שטראם איינוואנדערער

אין יאר 1904, דאס יאר פון דער רוסיש־יאפאנישער מלחמה, האט זיך דאס לויפעניש פון רוסלאנד אזוי פארשטארקט, אז די איקא האט מער נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק צו דער דערשיינונג. די רוסישע אפטיילונג פון דער איקא, מיט ל. בראמסאן אין דער שפיץ, וואס האבן געהאט געזיגט אינעם ויכוח מכוח דער פראגע פון עמיגרא־ציע און קאלאניזאציע קעגן די מערבדיקע מיטגלידער, האט איצט גע־מוזט נאכגעבן דעם פאקט. די בהלה האט ארומגעכאפט אלעמען, דערין אויך די, וואס זיינען געווען דער אביעקט פון דער קאנסטרוקטיווער

הילף אויף די ערטער, צו וועלכע די איקא האָט זיך ביז דעמאָלט געווידמעט אינגאַנצן, די ערד־אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, פאַר וועלכע מען האָט געגרינדעט די קרעדיט־קאַסעס, ווי די פּראָפעסיאָנעלע קורסן און אַנשטאָט דורכצופירן אין לעבן די פּראָיעקטירטע אין יענער צייט וואַראַנטן אויף דער פּראָדוקציע פון די אידישע ערד־אַרבעטער און באַלמעלאָכעס, האָט מען געמוזט עפענען אינפאָרמאַציע־ביוראָען פאַר עמיגראַנטן. דאָס איז געווען אַ קלאַפּ פאַר דעם גאַנצן אידייען־גאַנג פון דער פּייטערבאָרגער אידישער כלל־טוערי, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף דעם רוסישן ליבעראַליזם און דעם נצחון פון דער דעמאָקראַטיע אין צאַרישן רוסלאַנד. דער קעשענעווער פּאָגראָם אין 1903, וואָס האָט דערשיטערט די גאַנצע אידישע וועלט, האָט נישט באַוויזן אַזוי צו דערשיטערן דעם גלויבן פון די כלל־טוער אין זייער אַרבעט, ווי דאָס האָט באַוויזן צו טון די עמיגראַציע־בהלה אין 1904.

די לעצטע אָפּטיילונג פון דער איקא אין רוסלאַנד, „די עמיגראַציאָנס אָפּטיילונג" (געהאַט האָט די איקא זעקס אָפּטיילונגען: ערד־אַרבעט, פּראָפעסיאָנעלע באַדינונג, הילף, מעליאָראַציע, סטאַטיסטיק און עמיגראַציע) גייט איבער אויפן ערשטן פּלאַן און פון דעמאָלט אָן הערט נישט אויף צו פאַרנעמען די עמיגראַציע דעם ערשטן פּלאַץ אין דער טעטיקייט פון איקאַ. אין 1904 גרינדעט זי די ערשטע עמיגראַציע ביוראָען אין רוסלאַנד, וואָס שטעלן זיך אין פאַרבינדונג מיט די ענלעכע ביוראָען אירע אין די מערב־לענדער, וואו זיי באַקומען די הילף פון דעם דייטשן הילפס פאַריין, אַליאַנץ איזראַעליט און אַנדערע הילפס אָרגאַניזאַציעס, אין עסטרייך, שווייץ, בעלגיע און האָלאַנד און אין דעם ערשטן יאָר פון איר נייער טעטיקייט, ריכטעט זי קיין אַרגענטינע 4000 עמיגראַנטן.

אין 1905 קומען אָן קיין אַרגענטינע, געריכטעט פון דער איקאַ — 7516 אידן און אין 1906, דאָס יאָר פון דער דורכגעפאַלענער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס איז באַגלייט געווען מיט פּאָגראָמען — 13.500. אין 1907 פאַלט אַראָפּ די ציפער ביז 2518. לויט דעם באַריכט פון דער איקאַ, וואָס איז דערשינען אין 1908, ווערט אָנגעגעבן די צאָל אידן אין אַרגענטינע אין ערך 35 ביז 40 טויזנט; פון זיי 15—16 טויזנט אין בוענאָס איירעס, 13 טויזנט אין די איקאַ־קאָלאָניעס און

די איבעריקע אין די אנדערע שטעט פון דער רעפובליק. דעמאָלט הויבט זיך שוין אָן דאָס איבערוואַנדערן פון אידן קליינהענדלער און באַלמע־לאָכעס אין די גרעסרע פּראָווינץ־שטעט, ראָזאַריאָ, סאַנטאַ פע, קאָר־דאָבאַ, מענדאָסאַ א. א.

אויף די איינגעוואַנדערטע אין די דערמאָנטע יאָרן, ליגט דער שטעמפּל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע, פון די פאַרשידענע באַוועגונגען און ריכטונגען, וואָס האָבן באַהערשט די אידישע מאַסן אינעם צאַרישן רוסלאַנד פאַר און באַלד נאָך דער דורכגעפאַלענער רע־וואָלוציע. דאָס זיינען מערסטנס געווען באַלמעלאָכעס, אַרבעטער, האַנדלס־אָנגעשטעלטע און האַלב־אינטעליגענץ, וואָס האָבן געשטעלט דער רעוואָלוציע די פאַרשידנסטע פאָדערונגען, אָנהויבנדיק פון דער עלעמענטאַרסטער זיכערקייט פאַרן לעבן און פון דער עלעמענטאַרסטער גלייכבאַרעכטיקונג פאַר אידן, ביז דער בונדישער פאָדערונג פון נאַציאָ־נאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע אָדער פרייע שול־פאַריינען, ווי די ס. ס. האָבן דאָס געזאָגט, און ביז דער פרייער זעלבסטבאַשטימונג פאַר דער אידישער נאַציע, צוגלייך מיט די אַנדערע נאַציעס פון דער רוסישער אימפּעריע, ווי ס׳האָבן געפאָדערט די פּועלי ציון און ביז דער נאַציאָ־נאַל־פּאָליטישער אויטאָנאָמיע (סיים) ווי ס׳האָבן געפאָדערט די אידישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן מיט בן אדיר און זשיטלאָווסקי אין דער שפּיץ; פון ציוניסטן, בונדאָווצעס, עס־עס און פּועלי־ציון ביז איסקראָווצעס, עס־ערן, אַנאַרכיסטן און סינדיקאַליסטן.

די מערסטע אָבער פון זיי, פאַרנדיק אינעם נייעם לאַנד, האָבן אין זייער פאָרשטעלונג געזען און אַלס פּערספּעקטיוו פאַר זיך געהאַט די ערד־אַרבעט, די קאָלאָניזאַציע מיט אָדער אָן דער איקאַ, דערפאַר אָבער אָרגאַניזירט אין קאָפּעראַטיוון. אויף די שיפן פאָרנדיק, האָט מען די קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניעס געפלאַנעוועט: „די מענער ביים אַקער און די פרויען ביי די קי״. פרויען האָבן שוין אַפילו געשמעקט די בלומען, וואָס זיי וועלן פלאַנצן אין די גערטנער פאַר זייערע הייזער אין דער קאָלאָניע.

נישט קיין סך זייערע איז פונדעסטוועגן געלונגען צו ווערן קאָ־לאָניסטן. דער דראַנג צו דער באַשעפטיקונג ביי דער ערד, האָט אַ סך פון זיי פאַרטראָגן אין די ווייטסטע געגנטן פונעם לאַנד שוין ביי זייער

אנקומען, אויסנוצנדיק די אומזיסטע באן־בילעטן, וואס דאס אימיג־ראנטן־הויז האט זיי געגעבן. דאס האט אויך געגעבן פלאץ פאר פאר־שידענע אווענטורעס, ווי די „גרינדונג" פון א וועגעטאריאנער קא־לאניע אין מענדאסא דורך א געוויסן אמאדעא בעקער, פון וואנען די קאנדידאטן, א 200 אין צאל, זיינען צוריקגעקומען צופוס קיין בוענאס איירעס; דער פרואוו פון א קאלאניזאציע אין פאראגוויי, פונוואנען די קאנדידאטן זיינען קוים ארוים מיטן לעבן, א. א. אידן האבן זיך אויס־געצייכנט ביי דער שניט־ארבעט איבערן גאנצן לאנד, מיט זייער פלייס, ווי מיט זייער שנעלן באהערשן די טעכניק פון דער ארבעט. נאר אזוי ווי דאס זיינען מערסטנס געווען בחורים און די איקא האט געהאט א פרינציפ צו קאלאניזירן בלויז פאמיליעס, האט זי איר קאלאניזיר־ארבעט רעזערווירט פאר די פאמיליעס וואס זיינען דערצו אפגעקליבן געווארן פון דער פארוואלטונג אין רוסלאנד.

אין דער הויפט־שטאט זיינען פארבליבן מערסטנס די פאבלייט און אזעלכע, וואס האבן, נאך א נישט געלונגענעם פרואוו זיך צו קאלא־ניזירן, זיך גענומען צו דעם קלאפן אין די טירן מיט א פעקל דעקעס און מישטעכער (קועגטע) אדער זיינען געווארן טאנדעטע שניידער, קאשקעטן־מאכער, סטאליארעס און פאליטורשטשיקעס אין די אימפרא־ווויזירטע שניידערייען און מעבל־פאבריקן. מיט א גוואלטיקער שנעל־קייט נעמט דעמאלט בליען די אינדוסטריע פון פארטיקע קליידער און „אידישן מעבל", וואס ווערט אפגעזעצט, אין שטאט ווי אין דער פרא־ווינץ, דורך די אויפגעוואקסענע ווי שוואמען נאך א רעגן, אידישע געשעפטן און „קלאפער". א ספעציעל אידישע מלאכה איז אויך געווען רייזע־קאסטנס און רענצלעך.

אין דער הויפט־שטאט גרינדעט זיך דעמאלט די „ביבליאטעקא רוסא" (1905) אינעם שמאלן געסל „לא פאס" 43, צווישן די גאסן מאנטעווידעא און ראדריגעז פעניא. די גרינדער זיינען איסקראוועס, עס־ערן און בונדאוועס. עס גרינדעט זיך אין זעלבן יאר א פאריין „חירות" פון סאציאליסטן־טעריטאריאליסטן, וואס בייט אין 1906 זיין

נאמען אויף עס־עס (ציוניסטן־סאציאליסטן) און מאכט א פרואוו ארויסצוגעבן א צייטונג מיטן נאמען „נאכריכטן". און אין 1906 — פועלי ציון — באראכאווצעס. די ארבעט זייערע איז מערסטנס א קולטור־ארבעט, רעפעראטן, דיסקוסיעס איבער פראגראם־פראגן, ליבהאבערישע ספעקטאקלען, אבער אויך פארטיי־פראפאגאנדע, פארשפרייטונג פון פארטיי־ליטעראטור, אנטייל אין סאציאליסטישע מאניפעסטאציעס, פראפעסיאנעלע ארגאניזאציע. די אנארכיסטן גרינדן די „גרופע ארבעטער פריינד", וואס צו דעם אלעמען פארשפרייט זי דעם לאנדאנער „ארבעטער פריינד", און די ניו יארקער „פרייע ארבעטער שטימע". אין 1906 גרינדעט זיך אויך דער ערשטער אידישער פראפעסיאנעלער פאריין. דער פאריין פון די היטלמאכער ארבעטער, אין 1907 גרינדעט זיך די ארגאניזאציע „אוואנגארד" (ארגענטינער בונד). אין 1908, נאך דעם אכט־טאגיקן פראטעסט־שטרייק פון דער ארגענטינער ארבעטערשאפט קעגן דער שיסעריי פון דער פאליציי אויף דער מאי־מאניפעסטאציע, אין וועלכן די אידישע ארבעטער־אינסטיטוציעס האבן געווירקט פארייניקט, איז געשאפן געווארן א פארייניקטער קאמיטעט פאר פראפעסיאנעלער ארגאניזאציע און אונטער זיין ווירקונג ווערט געגרינדעט דער פראפעסיאנעלער פאריין פון די אידישע שניידער ארבעטער, א אידישע סעקציע אינעם סטאליער־פאריין און דער אידישער בעקער־ארבעטער פאריין. אין 1908 דערשיינט די ע ר ש ט ע סאציאליסטישע אויסגאבע אין אידיש — „דער אוואנגארד" (ארויסגעגעבן פון דער ארגאניזאציע מיט דעם זעלבן נאמען). די „שטימע פון אוואנגארד", ארויסגעגעבן פון די איסקראווצעס און אין 1909 — „ברויט און ערע", ארויסגעגעבן פון די פועלי ציון. דאס איז געווען א צוויי־וואכנבלאט געגרינדעט פון לעאן כאזאנאוויטש, וואס ער האט ניט באוויזן צו רעדאקטירן אליין, ווי דאס איז געווען זיין ווּאונטש, מחמת מען האט אים דעפארטירט אויף דער מסירה פון איקא־באאמטע פאר זיין פראפאגאנדע קעגן די מעטאדן פון דער איקא־קאלאניזאציע.

אויך צווישן די ציוניסטן ברענגט דער נייער שטראם ארויין א פאריונגערונג. עס גרינדעט זיך אין אפריל 1906 דער פאריין „תפארת ציון" פון יונגעלייט הארעפּאַשניקעס, וואס האבן נישט געקענט פארליידן דעם אומאויפריכטיקן און אוואנטוריסטישן גייסט פון דער „ליגע

טעאַדאָר הערצל", וואָס ווערט אָנגעפירט פון י. ש. ליאַכאָוויצקי. עס שטייט צו צו דעם יונגן פאַריין דער וועטעראַן פונעם ציוניזם אין אַרגענטינע — יעקב יאָסעלעוויטש, וואָס האָט נאָך אין 1905 אַרויס־געלאָזט אינדיווידועל ציוניסטישע פלוג־בלעטער קעגן דעם שרייעריש ציוניזם פון י. ש. ליאַכאָוויצקי, און אַנדערע שטילע ציוניסטן, ווי ש. ליבעשוץ, ח. כוריץ, און עס הויבט אָן דערשיינען אַ ציוניסטיש וואָכנ־בלאַט „די אידישע האָפענונג" (אויגוסט 1908).

די אַנאַרכיסטן זיינען פאַרטראָטן אין דער אידישער זשורנאַליס־טיק פון יענער צייט מיט „דאָס אַרבעטער לעבן", רעדאַקטירט פון שאַ־פירא, דער אילוסטרירטער זשורנאַל „לעבן און פרייהייט", רעדאַקטירט פון איציק עדלשטיין און מיט אַ זייט אין אידיש ביי „לאַ פּראָטעסטאַ". אַלע דריי אין 1908.

פאַראַן שוין אין יענער צייט, זינט 1902, סטאַביל אידיש טעאַ־טער, וואָס שפילט איין מאָל אין וואָך גאַלדפאַדנס, לאַטיינערס און אויך גאָרדינס, ליבינס און קאָברינס רעפּערטואַר. מען פאַרגינט זיך שוין אָראָפּצוברענגען סטאַרן — זיגמונד פיינמאַן, פעני וואַדי עפּ־שטיין. אונטער דער ווירקונג פון דער נייער אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט באַהערשט די יוגנט אין רוסלאַנד נאָך דער דורכגעפאַלענער רע־וואָלוציע און רעפלעקטיוו אויך אין אַרגענטינע, האָט מען שוין גע־פּועלט ביי די אידישע אַקטיאָרן צו שפּילן פּרץ הירשביינס און דוד פּינסקים פּיעסן און שלום עליכמען אפילו.

אָבער, אויפן אידישן טעאַטער און בכלל אויף דער אידישער גאַס, וואָס האָט זיך שוין דעמאָלט, אגב, געהאַט אויסגעברייטערט און זיך געצויגן ביז „מערקאַדאָ אַבאַסטאָ" און ווייטער און האָט שוין אויך געהאַט פאָרשטייער אין די אַנדערע טיילן שטאָט, אין ווזשאַ קרעספּאָ, פלאָרעס, פלאָרעסטאַ, באַראַקאַס, האָט נאָך אַלץ געדריקט די ירושה פון דער פאַרגעשיכטע אין דער געשטאַלט פון רייכע פּרויענהענדלער, וואָס האָבן זיך אומעטום צעלייגט מיט זייער ברייטער האַנט און האָבן פון זיך אָפּהענגיק געמאַכט אַ היפשן שיכט אידישע באַלמעלאָכעס און געשעפטן, וואָס האָבן באַנייט און באַקליידט דאָס גאַנצע געזינדל, מיט די „מאַדאַמען" און מיידלעך און באַמעבלט און געפאַרבט זייערע שאַנד־הייזער און זייערע רייכע וואוינונגען. באַזונדערס האָבן

זיי פון זיך אפהענגיק געמאכט די אידישע אקטיארן, אלס פינאנצירער פון די אונטערנעמונגען און אלס אויסקויפער פון די טייערסטע בי־לעטן. געפירט האט זיך ביים אידישן טעאטער, אז א ספעציעלער „בילעטיאר" פלעגט אומגיין פארקויפן בילעטן, און ער פלעגט דאס ערשטע אריינכאפן זיך צו די זיכערסטע קליענטן זיינע אין די פרויענ־הענדלערישע בערזעס און אין די שאנד־הייזער.

וועגן דער ערשטער טעאטער־פארשטעלונג, האבן מיר שוין אויבן דערמאנט, אויב דער פאשקוויל פון ז. לעווין וועגן אברהם ווערמאנט, אויפגעפירט אין 1898, קען אנגערופן ווערן טעאטער. און ווי אזוי אידן האבן אין יענער צייט געקוקט אויף טעאטער, אלנפאלס אויף אידיש טעאטער, קען מען זען פון דעם פארצייכנטן פאקט אין די פראטאקאלן פון דער „עזרה", וועגן דעם ערשטן טעאטער־בענעפיט פארן פאריין אין 1901, וואס האט ארויסגערופן א פראטעסט צווישן זיינע מיטגלידער, מיט דער טענה, אז דאס איז נישט אנשטענדיק.

האט זיך געטראפן, אז צו א בענעפיט פון די פועלי ציון, אין א מוצאי יום־כיפור, אין יאר 1908, האבן די אקטיארן מיט וואדי עפ־שטיין אין דער שפיץ, געשפילט „מירים" פון פרץ הירשביין. דאס געזינדל איז ווי שטענדיק געקומען אין טעאטער, בפרט צו דער נייער „שפיל" און אז עס איז געקומען צו דעם אקט, וואו עס ווערט געוויזן דער סוף וואס דערווארט זייערע קרבנות, האבן זיך די „חברה־לייט" (אזוי האט מען דא גערופן דאס געזינדל פרויענהענדלער, דערפילט געטראפן, האבן גענומען פראטעסטירן און דער עולם יונגווארג האט זיי מיט א סקאנדאל ארויסגעיאגט פון זאל.

אט דער סקאנדאל איז עס געווען דער סיגנאל צו א באוועגונג אפצורייניקן די אידישע גאס און באזונדערס דאס אידישע טעאטער פון דער טמא־ווירקונג. געגרינדעט האט זיך דערצו א פאריין אונטערן נאמען „יוגנט", אין וועלכן עס האבן זיך אנגעשלאסן די פועלי ציון, די עס־עס, די אנארכיסטן און א פאר אידישע פירער פון די סינדי־קאטן און מען האט פראקלאמירט א באיקאט אויף יעדן אידישן קלייטל און אויף יעדן אידישן באלמלאכע, וואס וועט האבן א מגע ומשא מיט דעם געזינדל און דעם אידישן טעאטער געווארנט, אז אויב ער

וועט אריינלאָזן די לייט, וועט קיין שום אנשטענדיקער מענטש אים נישט באזוכן.

צוזאמענגעטראָפן האָט זיך די דאָזיקע באוועגונג מיט אַן אַקציע, וואָס די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט געפירט אַרום אַ געזעץ־פּראָיעקט פון איר דעפּוטאַט אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס, צו באַשטראָפן פרויענהאַנדל. די באוועגונג פון דער אידישער „יוגנט" האָט דעריבער געהאַט די שטיצע פון דעם דעפּוטאַט פּאַלאַסיאָס און דאָס אייגענע פּאַרקערט. דער פּראָיעקט איז דעמאָלט קיין געזעץ נישט געוואָרן. אָנגענומען האָט מען אים ערשט אין 1913, אָבער אָנגעהויבן האָט זיך אַ פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונג אויף די פרויענהענדלער און אַ באוועגונג צווישן די שכנים צו פאָדערן מען זאָל פון זייערע קוואַרטאַלן אוועקנעמען די שאַנד־הייזער. (דאָס געזעץ האָט צוליב יורידישע מאָטיוון, נישט אָנגערירט די עפנטלעכע פּראָסטיטוציע אין די שאַנד־הייזער און אויך נישט דעם האַנדל מיט פּאָליציקע פּראָסטיטוטקעס, מיט וועלכן עס האָבן זיך פאַרנומען די אידישע פרויענהענדלער, און בלויז די פאַלן ווען עס ווערט באַשטעטיקט דער צוואַנג און די מינדעריעריקייט פון דער געצוואונגענער. די פאַלן פון צוואַנג צו פּראָסטיטוציע זיינען געווען און זיינען פאַראַן אין דער גרויסער שטאָט אין גאָר אַ גרויסער צאָל. זיי ווערן אָבער זעלטן באַשטראָפט. דאַקעגן איז צו די אידישע פרויענהענדלער אָנגעווענדעט געוואָרן אַ שטראָף, וואָס איז נישט פאַרגעשריבן אינעם געזעץ — די דעפּאָרטאַציע, שווינענדיק די פרויענהענדלער פראַנצויזן און איטאַליענער פון דעם זעלבן מין). מען קען זאָגן, אַז די באוועגונג פון „יוגנט" איז געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. מען דאַרף נאָר דאָ צוגעבן, אַז דער נאָמען „ברויט און ערע", וואָס לעאָן כאַזאַנאָוויטש האָט צוגעטראַכט פאַר דער שריפט, וואָס ער האָט געוואָלט רעדאַקטירן, האָט אינזינען געהאַט דעם קאַמף, וואָס „יוגנט" האָט געפירט פאַר דער אָפּרייניקונג פון דער אידישער גאַס אין בוענאָס איירעס פון דעם שאַנד־פלעק, וואָס זי האָט אויף זיך געטראָגן.

דאָ איז כדאַי אָנצואווייזן, אַז די גרינדונג פונעם ערשטן אידישן לאַנדסלייט פאַריין אין אַרגענטינע, האָט געהאַט אַלס הויפּט־מאָטיוו די נויטווענדיקייט צו שטעלן אַ מחיצה צווישן די ריינע און אומריינע

פּוילישן אידן. כּמעט אידישע פרויענהענדלער זיינען דאָ אויך געווען גאַלאַצער, אַדעסער און לעמבערגער, האָבן זיך אָבער מער ווי אַלע אַנדערע געוואָרפן אין די אויגן די וואַרשעווער, סיי צוליב זייער צאָל, ווי צוליב דעם גרויסן פאַרנעם פון זייערע געשעפטן, און צווישן אידן גופא זיינען וואַרשעווער געוואָרן דער סינאָנים פון פרויענהענדלער אָדער פון אַזעלכע, וואָס שטייען נאָענט צו זיי. אין 1906 גרינדעט זיך דער לאַנדסלייט פאַריין פון די ווענגראָווער. אַזוי שטאַרק איז געווען צווישן דער דאַמאָלסטיקער אידישער באַפעלקערונג דער פאָרורטייל קעגן די וואַרשעווער, אַז פּוילישע אידן האָבן געפונען פאַר נויטיק צו ראַטעווען זייער אָנזען דערמיט, וואָס זיי האָבן זיך אָפּגעגרענעצט פון די וואַרשעווער. אַ ווענגראָווער האָט באַקומען די באַדייטונג פון אַן אָרנטלעכן פּוילישן איד. ביז 1916, ווען עס האָט זיך געגרינדעט דער „פּויליש־אידישער אגודת אחים", איז דער ווענגראָווער געווען דער איינציקער אידישער לאַנדסלייט פאַריין אין אַרגענטינע.

דורך לעאָן כּאַזאַנאָוויטש האָט זיך די ווירקונג פון דעם נייעם שטראָם איינגעוואַנדערטע און זייער קעמפעריש קייט, אַריבערגעטראָגן אויך אין די קאָלאָניעס. לעאָן כּאַזאַנאָוויטש האָט אין די קאָלאָניעס אויפגעהויבן אַ באַוועגונג פון די קאָלאָניסטן פאַר אָרגאַניזאַציע, קעגן די מעטאָדן פון דער איקאַ־קאָלאָניזאַציע און קעגן די קאָלאָניסטישע פירער, שתדלנים, וואָס פלעגן פאַרקויפן די קאָלאָניסטישע אינטערעסן פאַר פּערזענלעכע טובות פון דער איקאַ.

דאָ אָבער איז אונטערגעקומען אַ רעאַקציע אין לאַנד. אין 1909, דאָס יאָר פאַר דער פייערונג פון דעם יאָרהונדערט זינט דער אַרגענטינישער באַפרייאונג פון אונטערן שפּאַנישן יאָך, האָט דער פּרעזידענט פיגעראָאַ אַלקאָרטאַ, דורכגעפירט אין פאַרלאַמענט דעם דעפּאָרטאַציע געזעץ, אָנוואָרפנדיק אַ שרעק אויף די פאַרלאַמענטאַריער, אַז די אַנאַרכיסטן און די אַרבעטערשאַפט בכלל, קליינען זיך פאַרשטערן דעם גרויסן נאַציאָנאַלן יום־טוב. באַלד נאָכדעם האָט ער דעם פאַרלאַמענט אויפגעלייזט און איינגעפירט קריגס־צושטאַנד. די פּאָליציי האָט באַקומען די פולמאַכט צו דעפּאָרטירן די פּאָליטישע פאַרברעכער און די איראַניע פון דער רעאַקציע האָט געוואָלט, אַז קעמפער קעגן דעם פרויענהאַנדל זאָלן דעפּאָרטירט ווערן צוזאַמען מיט פרויענהענדלער, אויף

וועלכע מען האָט אויך אָנגעווענדעט דעם דעפּאָרטאַציע־געזעץ. עס איז דעפּאָרטירט געוואָרן, ווי שוין פריער געזאָגט, לעאָן כאַזאַנאָוויטש, דער פירער פון די פּועלי ציון, ז. סאָרקין, דער סאָציאַל דעמאָקראַט מאַשעוויטש, און פון דער גרופּע „ארבעטער פריינד": משה שוץ, יאַ־וויץ, סאַמבורסקי א. א.

די פּייערונג גופא פון די הונדערט יאָר אַרגענטינישע פרייהייט אין 1910, האָט זיך אָנגעהויבן מיט א ריי איבערפאַלן פון כוליגאַנישע סטודענטן אויף סאָציאַליסטישע אינסטיטוציעס, דרוקערייען, ביבליאָ־טעקן, קיאָסקן, צייטונגען. מען האָט אונטערגעצונדן די סאָציאַליס־טישע צייטונג „לאַ וואַנגואַרדיאַ", צערויבט און צעריסן די „ביבליאָ־טעקאַ רוסאַ", די ביבליאָטעק פון די פּועלי ציון און עס האָט אויסגע־זען, אַז די גאַנצע קולטור, די אַרגענטינישע און צוזאַמען מיט איר די אידישע קולטור־ארבעט, גייט אונטער.

דער דאָזיקער כוליגאַנישער איבערפאַל אויף די אידשע פּראָג־רעסיווע אינסטיטוציעס, צוזאַמען מיט די נישט־אידישע, דורכגעפירט פון „פּאַטריאָטישע" סטודענטן און שלעגער, איז געווען דער ערשטער קלאַפּ פון דעם מין אין דער אַרגענטינישער פּראַקטיק. ווייטער וועט זיך דער לעזער באַגעגענען מיט נאָך אַזעלכע פאַלן, פון א גרעסערן אָדער קלענערן מאַסשטאַב. זיי האָבן אָבער נישט אריינגעוואָרפן דעם אידישן ישוב אין פּאַרצווייפלונג און אויך נישט אָפּגעהאַלטן דעם וואוקס זיי־נעם, עקאָנאָמיש, ווירטשאַפטלעך און קולטורעל. געווען איז דאָס דער־פאַר, וואָס דער אידישער ישוב און באַזונדערס די טייל זיינע וואָס איז דירעקט געטראָפן געוואָרן פון די איבערפאַלן, האָט געוואוסט ווי צו שאַצן דעם אייגענעם ווערט און דעם פּלאַץ וואָס ער פאַרנעמט אין דער אַנטוויקלונג פונעם לאַנד און האָט אויך געוואוסט פונוואַנען עס שטאַמען אָט די כוליגאַנישע איבערפאַלן. געוואוסט האָט ער, אַז נישט דאָס אַרגענטינישע פאָלק, אַז אויפגעלויכטנס מיט דער דערינערונג פון זיין דעראָבערטער פרייהייט צוריק מיט הונדערט יאָר, ווען איבער אַרגענטינע האָט געהערשט א שפּאַנישער קעניג דורך זיינע שפּאַנישע סאַטראַפּן, אַז נישט ער, א פריידיקער און ברייטהאַרציקער ווי ברייט עס איז דאָס לאַנד, וואָס רופט אַלע מענטשן פון דער וועלט קומען טיילן מיט אים זיין ארבעט און זיין ברויט, האָט זיך דאָס פּלוצים אַזוי

צעיושעט מיט שׂנאה צום אַרבעטער און צום אויסלענדער. נעזען האָט ער ערשט צוריק מיט צוויי יאָר ווי אַזוי דאָס אַרגענטינישע פאָלק האָט מיט אַ פולן אַכט־טאָגיקן שטרייק, אָפּגעשטעלט יעדע אַרבעט און באַוועגונג, אין שטאָט און אין פעלד, אין די האַפנס און איבער די רעלצן, אויס פּראָטעסט און פאָדערנדיק אַ שטראָף פאַר די וואָס האָבן געשאָסן אויף אַ מאַי־מאַניפעסטאַציע מיט דער כוונה צו באַווייזן דעם אויסלענדישן קאַפּיטאַל, אַז זיי ווייסן ווי צו היטן זיינע אינטערעסן. און עס איז דעם באַוואוסטזיניקן אידן פאַרשטענדלעך געווען אויך דער דאָזיקער „זשעסט", מיט וועלכן די רעאַקציע האָט באַגלייט די פייערונג פון דער אַרגענטינשער פריהייט.

פון נאָכן „מבול" ביז דער מלחמה

אונטער דעם קריגס־צושטאַנד און דער רעאַקציע האָט די אידישע קולטור־אַרבעט, ווי בכלל יעדער פרייער אויסדרוק, איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

דער ערשטער פּרואוו ווידער אַרויסצוקומען מיט געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, איז געמאַכט געוואָרן מיט דעם „אידישן אַרבעטער פאַרבאַנד", געגרינדעט אויף דער איניציאַטיוו פון לעאָן כאַזאַנאָוויטש, מיט דער באַטייליקונג פון אַלע אידישע אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס, צוליב קעגנזייטיקער הילף און קולטור־טעטיקייט און איז אַ יאָר צייט געליגן אין די פּאַפּירן אַ נישט רעאַליזירטער. די נישט מעגלעכקייט צו פירן פּאַרטיי־אַרבעט, האָט די טוער אונטערגעזאָגט אַרויסצונעמען דעם „פאַרבאַנד" פונעם אַרכיוו און אַריינבלאָזן אין אים לעבן. דאָס האָט זיך אויך איינגעגעבן. אחוץ דער מעדיצינישער הילף, האָט דער פאַרבאַנד איינגעאָרדנט אָוונט־קורסן פאַר די מיטגלידער, וואָס האָבן געוואָלט לערנען אידיש, שפּאַניש און אַריטמעטיק, צייכענונג און שניט. געוועז זיינען אויך רעפעראַטן איבער ליטעראַטור און געשיכטע.

אין דערזעלבער צייט הויבן זיך אָן גרינדן קולטור־צענטערן אין די פאָרשטעט און ווייטערע געגנטן פון דער שטאָט. אין באָקאַ באַראַ־

קאָס גרינדעט זיך אין יאַנואַר 1911, דער פאַריין „אידישע יוגנט פון באָ־קאָ און באַראַקאַס" מיט אַ ביבליאָטעק פון אידישע און שפּאַנישע בי־כער. עס ווערן דאָרט געהאַלטן רעפעראַטן אויף ליטעראַרישע און געזעל־שאַפטלעכע טעמעס און דער ביישפּיל שטעקט אָן. אין 1912 גרינדעט זיך דער קולטור־צענטער אין פלאָרעס, וואָס טראָגט דעם נאָמען „דר. הערצל", כאָטש ער פאַרנעמט זיך נישט מיט קיין ציוניסטישער אַר־בעט. אין ווילאַ קרעספּאָ גרינדעט זיך אין 1912 אַ ביבליאָטעק, אין וועלכער עס זיינען אַקטיוו די מיטגלידער פון „אַוואַנגאַרד"; אין קאַ־באַזשיטאָ גרינדעט זיך אַ קולטור־פאַריין, אין וועלכן עס זיינען טעטיק די פּועלי ציון, אונטערן נאָמען ציוניסטישע יוגנט, וואָס בייט דערנאָך דעם נאָמען אויף י. ל. פּרץ. אינעם זעלבן יאָר גרינדעט זיך די ביב־ליאָטעק „פּראָגרעס" מיט די רעשטן ביכער פון „ביבליאָטעקאַ רוסאַ" און מיט דער ביבליאָטעק ביים אַרבעטער־פאַרבאַנד, אין וועלכער עס זיינען געווען די רעשטן פון דער פּועלי ציון ביבליאָטעק. דאָס איז געווען די גרעסטע אידישע ביבליאָטעק אין בוענאָס איירעס ביז איר און אויך נאָך איר. דער פאַריין „יעקב גאָרדין" און „ליטעראַריש־דראַ־מאַטישער קלוב". דער ערשטער, געגרינדעט צום אַלטן טעאַטער און מע־לאָדראַמע, דער צווייטער — צום ליטעראַרישן רעפּערטואַר. עס הויבן אָן קומען צו זיך די אידישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן גע־ליטן פון דער רעאַקציע, אונטער די נייע ווינטן וואָס האָבן גענומען בלאָזן נאָכדעם ווי דער דר. ראָקע סאַענז פּעניאַ, דער מחבר פונעם איצטיקן וואַלגעזעץ, האָט פאַרנומען דעם אַמט פון מלוכה־פּרעזידענט און האָט גענומען אַרויסווייזן אַ ליבעראַלע באַציאונג צו דער סאָציאַ־ליסטישער און אַרבעטער באַוועגונג.

אין יענער צייט קומט אויף אַן איניציאַטיוו צו גרינדן אַ פּראָג־רעסיווע טאָג־צייטונג, אונטער דער רעדאַקציע פון דעם דיכטער ב. לאַפּין, וועלכער האָט דעמאָלט געוואוינט אין בוענאָס איירעס, מיט דער הויפּט מיטאַרבעט פון דעם שרייבער פון די שורות און מ. ראָזען און מיט דער שותפות פון דעם דרוקער הירש דוכאַן. די צייטונג, וואָס האָט שוין אַפילו געהאַט אַ נאָמען „פּרימאָרגן", און האָט שוין געמאַכט די געהעריקע הכנות צום דערשיינען, איז צום באַדויערן געבליבן נישט מער ווי אַן איניציאַטיוו און אנשטאָט דעם האָט זיך איינגעגעבן אַ

צווייטע איניציאַטיוו, צו פּאַרוואַנדלען אין אַ טאָג־צייטונג דעם אָר־טאָדאָקסיש־באַלעבאַטישן „אידיש־אַרגענטינער וואָכנבלאַט", וואָס האָט אָנגעהאַלטן די טראַדיציע פון דער אַרגענטינער אידישער זשורנאַליסטיק פון ווערמאָנט און ליאַכאָוויצקי.

אויך אין דער פּראָווינץ נעמט מען זיך דעמאָלט בויען אידישע קולטור־אינסטיטוציעס. אין מאָזעסוויל איז אַזאַ אינסטיטוציע געווען נאָך פון 1919, געגרינדעט דעם 1טן מאַי אונטערן נאָמען „קדימה". אַ אידישיסטישע אינסטיטוציע מיט אַ העברעישן נאָמען און מיט אַ קליינער צאָל העברעישע ביכער, דער עיקר אָבער מיט שפּאַנישע און אידישע, כדי צופרידנשטעלן די קולטורעלע באַדערפעניש און קולטור־געשמאַק פון אַלע שיכטן. אויך די קאָלאָניע בעררא, אין ענטרע ריאָס, האָט געהאַט אַ קולטור־צענטער מיט דעם נאָמען „קדימה" זינט 1910 און אין טוקומאַן האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ אידישע ביבליאָטעק זינט 1909, געגרינדעט מיט די ביכער אָפּגעקויפטע ביים „ביקור חולים".

עס גרינדעט זיך אין 1912 די ביבליאָטעק און דראַמאַטישער קרייז אין קאָלאָניע נאַרסיס לעוון וואָס גיט אַ מוסטער פון קולטור־אַרבעט אונטער דער פירונג פון דעם שפּעטערדיקן איבערזעצער און פּאָפּולאַ־ריזאַטאָר פון דער אידישער ליטעראַטור אין שפּאַניש, שכנא רעזניק, פון נ. קריטשמאַר, די ברידער בורסוק און אַנדערע יונגע אידעאַליסטן ערדאַרבעטער און פון אידישער קולטור, שפּעטער איבערגעוואַנדערטע אין טשאַקאָ, וואו זיי גייען אָן מיט זייער אידעאַליסטישן לעבן אין דער זעלבער ריכטונג.

עס קומט אונטער ריווערא מיט אַ ביבליאָטעק, מיט אַ דראַמאַ־טישן קרייז און מיט אַ „גאַלפּאָן" (פאַר קולטור־אַקטן), געגרינדעט דעם זעלבן יאָר; לאַ פּלאַטאַ מיט דעם „ליטעראַרישן צענטער און ביבליאָ־טעק „מאַקס נאָרדוי", וואָס האָט דער ערשטער באַקומען „פּערסאָנע־ריאַ כורידיקאַ" (יורידישע רעכט) און האָט אַנטוויקלט אַ פּילזייטיקע קולטור־אַרבעט מיט דער באַטייליקונג פון אַ גרופּע אוניווערזיטעט־סטודענטן; באַהיאַ בלאַנקאַ מיט איר „צענטער אידישע יוגנט", וואָס עפנט אַ ביבליאָטעק, אַ לייען־זאַל, אַ דראַמאַטישן קרייז און אַן אָוונט־שול. און דערנאָך קומט קאָרדאָבאַ, מאַי 1913, און גרינדעט איר „צענ־

טער אידישע יוגנט", וואָס אָרדענט איין דער ערשטער אַ אידיש־וועלט־לעכע שול אין דער פּראָווינץ.

אין 1913 שווימט אויף אַ איניציאַטיוו פונעם פאַריין „אידישע יוגנט פון באָקאַ און באַראַקאַס" צו שאַפן אַ פעדעראַציע פון די שטאָטישע קולטור־אינסטיטוציעס. אָבער דער באַגריף פון ברייטער קולטור־אַרבעט, איז נאָך דעמאָלט נישט פּאָפּולער. די פאַריינען זיינען דעמאָלט מערסטנס אָרעמיקלעכס פאַר אייגענער גייסטיקער אויסלעבונג פון די מיטגלידער אין פרעמדן לאַנד און דערפאַר צו סעקטאַנטיש אויף צו קענען פירן אַ צוזאַמענאַרבעט.

אויך אין דער פּראָגרעסיווער זשורנאַליסטיק הויבט זיך אָן רודערן. עס הויבט אָן דערשיינען אין 1913 „אונדזער וואָרט", אַרויסגעגעבן פון ראָבערט קאָהאַן און פּ. וואַלד, צוערשט אַלס אומפּאַרטייאיש אידיש וואָכנבלאַט און דערנאָך אַלס אָרגאַן פון דער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד".

אין 1913 דערשיינט „שטראַלן", אַן אילוסטרירטער חודש־זשורנאַל. עס טראָגט זיך אַריבער קיין בוענאָס איירעס „דער פערטהיידיקער", אַ וואָכנבלאַט צו דער פאַרטיידיקונג פון די קאָלאָניסטישע אינטערעסן, רעדאַקטירט פון מ. אַלפּערסאָן און ה. שקאָלניק, וואָס איז דערשינען פריער אין קאַרלאָס קאַסאַרעס.

די בירגערלעכע אידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט פון דעם „מבול" נישט געליטן, פאַרקערט, זי האָט זיך גענומען פאַרשטאַרקן. עס וואַקסט דער ציוניזם אין שטאָט ווי אין דער פּראָווינץ, עס קומען צו נייע ציוניסטישע פאַריינען און מען הויבט שוין אָן טראַכטן פון אַ ציוניסטישן קאָנגרעס אין אַרגענטינע און פון אַ ציוניסטישער פעדעראַציע. עס וואַקסט די צאָל מיטגלידער אין דער חברה קדישא, וועלכע ווערט דער במקום פון דער אידישער קהילה אין ב. איירעס; עס וואַקסט די צאָל מיטגלידער אין דער „עזרה" און די אינסטיטוציע באַשטימט אויסצובויען דעם אידישן שפּיטאָל אויפן נאָמען פון „סענטענאַריום", לכבוד דעם יאָרהונדערט פון דער אַרגענטינישער פרייהייט. ס'וואַקסט אויך די צאָל מיטגלידער אין „ביקור חולים", עס מערן זיך די סאַלאָנען צום דאַוונען אין די ימים נוראים. עס וואַקסן אויס אין די פאַרשידענע געגנטן פון שטאָט שילכלעך און תלמוד תורות.

צו דער תלמוד תורה „הראשונה", געגרינדעט אין 1896 און תלמוד תורה „דר. הערצל", געגרינדעט אין 1906, קומט צו די תלמוד תורה „לינת הצדק" (1913), פארוואנדלט פון א פאריין מיט דעם נאָמען, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען מעדיצינישע הילף פאַר קראַנקע און נעבעטיקן ביי זיי אַלס קראַנקן־וועכטער, געגרינדעט אין 1909. די תלמוד תורה אין קאַבאַזשיטאַ, די תלמוד תורה „מאַקס נאָרדוי" א. א.

א גרויסן שטויס צו דער גרינדונג פון די תלמוד תורות, גיט דער באַשלוס פון „אַליאַנץ איזראַעליט" אויסצוברייטערן איר דערציאונגס־אַרבעט, וואָס זי האָט ביז דעמאָלט אָנגעפירט בלויז אין די קאָלאָניעס, אויך אויף דער הויפט־שטאָט.

אין די קאָלאָניעס האָט די „אַליאַנץ איזראַעליט" (חברת כל ישראל חברים) אָנגעפירט איר דערציאונגס־אַרבעט דורך דער איקאַ. די איקאַ פלעגט באַשטייערן יעדן קאָלאָניסט מיט 30 פעזעס יערלעך און פאַר דעם געלט האָט זי צוגעשטעלט די קאָלאָניעס א שול־געביידע און לע־רער פון אַלגעמיינע לימודים אין דער לאַנד־שפּראַך און אויך „אידיש". די שולן זיינען געשטאַנען אונטער דער אינספּעקציע פון דעם ראַבינער פון דער יאַהודימשער קאָנגרעגאַציע און אויף די ערטער — אונטער דער אינספּעקציע פון מאַראָקאַנער אָדער בולגאַרישע (ספרדים) אַליאַנץ תלמידים. די אידישע לימודים פלעגט מען געבן אַלס רעליגיעזן אונ־טעריכט, אָבער דערין פלעגט שוין אַריינקומען אויך אידיש שרייבן און לייענען און אידישע געשיכטע. דאָ מוז מען צוגעבן, אַז נישט געקוקט אויף דער אינספּעקציע, האָט זיך דער לימוד פון אידיש געווענדט אָנעם לערער. און לערער זיינען געווען פאַרשידענע: אַלטמאָדישע מלמדים, ישיבה־בחורים געבאַפּטע אין סאָציאַליזם און גלאַט „וואויל־קענער" פון אַלערליי מינים. לויט א באַריכט פון „אַליאַנץ איזראַעליט" איז אין 1912 געווען אין די אידישע קאָלאָניעס 61 שולן מיט 189 לע־רער און 4085 שילער. די שולן אין די קאָלאָניעס זיינען געגרינדעט געוואָרן אין איין צייט מיט די קאָלאָניעס.

אין דער הויפט־שטאָט און אין די פּראָווינץ־שטעט האָט זיך די דערציאונגס־אַרבעט פון „אַליאַנץ איזראַעליט" בשותפות מיט איקאַ, אָנגעהויבן אין 1911 מיט דער גרינדונג פון אַזוי גערופענע „רעליגיעזע קורסן". שולן פאַר בלויז אידישן אונטעריכט. לויט א באַריכט פון 1916,

האָבן אונטער דעם נאָמען „רעליגיעזע קורסן" פונקציאָנירט 50 שולן אָדער תלמוד תורות. פון זיי — 20 אין דער הויפּט־שטאָט, צעוואָרפן איבער די פאַרשידענע געגנטן און 30 אין די גרעסערע אידישע ישובים פון לאַנד.

דער אויסהאַלט פון די שולן איז געלעגן האַלב אויף דעם שותפות פון אַליאַנץ איזראַעליט מיט איקא און האַלב אויף די עלטערן פון די שילער. באַזונדערס האָבן די עלטערן געדאַרפט צושטעלן פון זייער זייט דעם לאָקאַל פאַר דער תלמוד תורה. עס האָט זיך דעריבער דעמאָלט אָנגעהויבן אין די פאַרשידענע געגנטן פון דער שטאָט אַן אָרגאַניזיר־באַוועגונג פון געגנט־קהילות. אין יענער געגנט האָבן אידן געדונגען אַ הויפל פון אַ פּאָר צימערן אָדער אַ „גאַלפּאָן" (אַ גרויסער שפּייכלער) און דאָרט איינגעאָרדנט אַ שיל צום דאַווענען און אַ תלמוד תורה. דעם האַלבן ביודזשעט פון דער „דערציאונג" פלעגט מען דעקן פון די עליות און פון פאַרדינגען דעם לאָקאַל אויף חתונות.

אין אַרגענטינע הערשט אין די יאָרן נאָך 1910 ביז אָנהויב 1914 אַן עקאָנאָמישע אויפלעבונג. אין די תבואה־זאָנעס פון די פּראָווינצן ב. איירעס, ענטרע ריאָס און סאַנטאַ פע, זיינען די יאָרן געווען געראָטענע, דער עקספּאָרט איז אויסגעוואַקסן און צוזאַמען מיט דעם האָט זיך פאַרשטאַרקט דער אַרגענטינישער קרעדיט אין אויסלאַנד. אַ היפּשן חלק אין דעם וואוקס פון דער אַרגענטינישער אַגריקולטור, האָט אַן צווייפל, די אַלץ וואַקסנדיקע אידישע קאָלאָניזאַציע, וועלכע איז דע־מאָלט דורכוים אַן אַגריקולטור־קאָלאָניזאַציע. אַ איקאַ־סטאַטיסטיק פון 1912, באַווייזט, אַז זינט 1907 האָט זיך די באַפעלקערונג אין די קאָ־לאָניעס פאַרדאָפּלט: פון די 13.312 נפשות, וואָס זיינען אָנגעגעבן אין די סטאַטיסטיקעס פון יענער צייט, גיט אַן איר סטאַטיסטיק פון סוף 1912 — 24.040 נפשות און אין 1914 — העכער 25.000. פון 64.500 העקטאַר פאַרזייטע אין 1907, איז דער פאַרזייטער שטח אין 1912 אויסגעוואַקסן ביז 183.000. אין דעם חשבון גייען נישט אַריין די שטחים וואָס זיינען פאַרזייט געוואָרן אין דער אידישער קאָלאָניע מע־

דאנאס, וואס האבן זיך קאלאניזירט אויסער דער איקא, אויסער יענע שטחים וואס זיינען פארזייט געווארן פון אידישע קאלאניסטן אויף ארענדירטער ערד און אויסער די שטחים, וואס זיינען פארזייט געווארן פון אידישע „מעדיאנעראס".

מיט דעם אויסנאם פון די פאמפא־קאלאניעס, וואו די גערעטעניש זיינען בכלל נישט גאר אפטע און האבן אויך אין יענע יארן פון פראס־פעריטי געליטן, האבן דעמאלט די אידישע קאלאניסטן גענומען זיך ארומצאלן און זיך באבויען.

עס הויבן זיך שוין אן באווייזן קאלאניסטן מיט אייגנטום־שיינען אויף זייער ערד. דאס זיינען אזעלכע, וואס האבן געהאט די מעגלעכ־קייט אויסצונוצן דעם איקא־באשלוס, אנגענומען נאך א געוואונענעם משפט מצד די מאוריציער קאלאניסטן, אז די וואס ווילן זיך עמאנ־ציפירן פון דער איקא קענען דאס טאן, איינצאלנדיק דעם רעשט חוב וואס זיי זיינען שולדיק אויף דער ערד. מען דארף אבער אנמערקן דער־צו, אז נישט אלע די וואס האבן באקומען די אייגנטום־שיינען, זיינען פארבליבן אויף דער ערד. טייל פון זיי זיינען געווען אזוי פארשול־דיקט ביי פריוואטע מלווים, אז די עמאנציפאציע זייערע איז געווען נישט מער ווי א פיקטיווע פראצעדור און זיי האבן זיך איינצייטיק באפרייט סיי פון דער איקא, סיי פון זייער ערד. אינטערעסאנט איז דערביי צו דערמאנען, אז די טאדלונג פון דעם מין געשעפטן, וואס האבן חרוב געמאכט די קאלאניע מאוריציא, האט געבראכט צו א פראַ־צעס אויף דעם ארויסגעבער פונעם „פארטיידיקער" אין קארלאס קאַ־סארעס, הערמאן קראסילאווסקי, פארפירט מצד דעם גרעסטן פון דעם מין „מלווים", וואס האבן אויף אזא אופן אנגעזאמלט גרויסע שטחים ערד און זיי פארקויפט צו נישט־אידן.

די קאלאניעס פון ענטרע ריאס, סאנטא פע און פאמפא, האבן אין יענע יארן פארשטארקט זייערע קאאפעראטיוועס, וואס זיי האבן געהאט געגרינדעט נאך פון פריער: לוסיענווילע אין 1902, קלארא אין 1904 און שפעטער מאזעסוויל, באראן הירש, סאן אנטאניא, נארסים לעווען, מאנטעפיארע. אין 1909 הויבט אן דערשיינען „דער אידישער ארגענטינער קאלאניסט", א צוויי־וואכנבלאט, וואס אגיטירט פאר א קאנפעדעראציע פון די קאאפעראטיוועס און, אגב, קעגן דער באוועגונג

וואָס איז אויפגעהויבן געוואָרן דורך לעאָן כאַזאַנאָוויטש. אין נאָוועמ־בער 1910 ווערט אויף אַ קאָנגרעס אין דער הויפּט־שטאָט געגרינדעט די „אוניאָן אַגריקאָלאַ פעדעראַל", וואָס שליסט איין אין זיך אַלע אידישע קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוועס. די קאָנפעדעראַציע האָט קיין לאַנגע יאָרן נישט געהאַט; די באַציאונגען צווישן די קאָלאָניסטן מיט דער איקאַ זיינען אַזוי פאַרשאַרפט געוואָרן, אַז די קאָנפעדעראַציע, וואָס האָט זיך געגרינדעט צוליב גוטע באַציאונגען, האָט מער קיין זין נישט געהאַט; דערפאַר אָבער האָבן די קאָאָפּעראַטיוועס גענומען אַר־בעטן פעסטער. אין די קאָלאָניעס האָבן זיך אויך גענומען גרינדן שפּי־טאָלן, אויסגעהאַלטן פון די קאָלאָניסטן און בנינים פאַר סאָציאַלע באַ־דערפענישן: טעאַטער, פאַרוויילונגען, חתונות, קאָנפערענצן.

די עטלעכע פּראָספּעריטי־יאָרן האָבן זיך אָפּגערופן אויך אויף דעם וואוקס פון דער באַפעלקערונג אין דער הויפּט־שטאָט, די עמיגראַציע האָט צוגעבראַכט אַלץ נייע קאָנטינגענטן אידישע האַרעפּאַשניקעס, באַל־מעלאָכעס און קליינהענדלער, וואָס האָבן זיך אריינגעגאָסן אין דער שטאָטישער „אידישער ווירטשאַפט", וואָס איר אַקס איז געווען דער „קוענטעניק", דער פאַרקויף אויף אויסצאָלן. אַרום אַט דעם פאַרקויף, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט די הויפּט־שטאָט און האָט נישט אויסגעלאָזן די שטעט און שטעטלעך פון די פּראָווינצן, האָבן זיך געעפנט גרויסע הורט־געשעפטן פון דעקעס און טישטעכער, פון מעבל, פון שטאָפן און פון אַלץ נייע אַרטיקלען, וואָס זיינען אַריין אינעם געברויך אַ דאַנק דעם דיסטריבוציע־כוח פונעם „קוענטעניק". אַרום די מעבל־געשעפטן און שטאָפן־הענדלער, האָבן זיך געעפנט אַלץ נייע מעבל־פאַבריקן און שניידער־„טאַזשערן", ווי מען איז געוואוינט אָנצורופן די ווערקשטאַטן: ריטלמאַכערייען האָבן זיך געמערט, וואָס האָבן באַזאָרגט די סחורה די הוזירער מיט היטלען וואָס האָבן זיך צושפּרייט איבער דער שטאָט און איבערן לאַנד; אידישע שלאָסערס האָבן גענומען אַרבעטן אייזער־נע בעטן, וואָס זיינען אַריין אינעם זעלבן מסחר אויף אויסצאָלן. עס הויבט זיך שוין דעמאָלט אָן די אַנטוויקלונג פון טאַנדעט, וואָס ווערט

מערסטנס אָפּגעזעצט אין די פּראָווינצן דורך אידישע געשעפט־הייזער, דער האנדל מיט פוטערוואַרג וואָס באַנוצט זיך פון אָנהויב נישט ווייניקער ווי אַנדערע אידישע האנדלצווייגן מיט דעם קאָנטעניק אַלס פאַרשפּרייטונגס־אַגענט.

געווען זיינען אַ גרויסע צאָל אידישע אַרבעטער פון די פאַרשידנסטע פאַכן, וואָס האָבן געאַרבעט אין נישט־אידישע אונטערנעמונגען: סטאָליאַרעס, ווי שניידער, קאַמאַשנמאַכער, שטובן־מאָלער, מעטאַל־אַרבעטער, דרוקער און איינבינדער; דער ערשטער איינדרוק אָבער איז געווען, אַז די מערסטע אידישע באַפעלקערונג איז באַשעפטיקט אין די אַרבעט־צווייגן, וואָס זייער באַוועגער איז דער קאָנטעניק.

און אַז דאָס האָט זיך נישט בלויז אויסגעוויזן, האָט מען דערזען אינעם פאַר־מלחמה־יאָר, 1913—1914, ווען דער קריזיס, אַ רעפלעקס פון איראָפּע, האָט איינגעבראָכן די אידישע ווירטשאַפטלעכע אַקס צוזאַמען מיט דער ראָד פון דער אַרבעט און פון דעם הורט־האנדל, וואָס האָט זיך אַרום איר געדרייט. אָפּגעשטעלט האָט זיך די אַרבעט אין די אַלגעמיינע אַרבעט־צווייגן, אָפּגעשטעלט האָט די רעגירונג אירע אַרבעטן, גרויס געוואָרן איז די אַרבעטלאָזיקייט, האָבן די הויז־באַלעבאָסטעס אויפגעהערט צאָלן די ראַטעס צו די קאָנטעניקעס, די קאָנטעניקעס האָבן אויפגעהערט צאָלן אין די הורט־געשעפטן פאַר דער סחורה און די הורט־געשעפטן האָבן אָפּגעשטעלט זייערע באַשטעלונגען פון מעבל און אַנצוגן.

אין יענעם יאָר, נישט געקוקט אויף די קלאַנגען וואָס האָבן זיך געטראָגן פון די צייטונגען וועגן אַ נאָענטער מלחמה אין איראָפּע, האָט זיך אָנגעהויבן אַ צוריקוואַנדערונג פון אידן קיין רוסלאַנד אָדער אין אַנדערע שכנהשע לענדער.

מיר האָבן נישט קיין סטאַטיסטיק, אפילו נישט קיין בערכדיקע, וועגן דער צאָל אידן אין אַרגענטינע צו יענער צייט, דאָס הייסט אין דעם יאָר ווען עס האָט אויסגעבראָכן די איראָפּעישע מלחמה און האָט אָפּגעשטעלט יעדע אימיגראַציע פון איראָפּע, דערין אויך די אידישע. נאָר אויפן גרונט פון וויטערדיקע שאַצונגען און אין אַכט נעמענדיק די אַלע הנחות וואָס מען האָט אין זינען ביים שאַצן די אידישע באַ־

פעלקערונג אין ארגענטינע, קען מען אָנגעבן די קײַלעכדיקע ציפער פון 85.000.

אָפּגערופן האָבן זיך די גוטע יאָרן אויך אויפן אידישן טעאַטער. די צוויי אידישע טעאַטער־טרופּעס, וואָס האָבן אַקטואירט אין בוענאָס איירעס פון נאָך מוצאי יום־כּיפּור 1908, איינער אַ רײנער, (וואָס האָט נישט אַרייַנגעלאָזט צו זיך קיין פּרויענהענדלער, מיט גוטענטאַג־מאַריענהאָף אָן דער שפּיץ, וואו עס האָבן געשפּילט אחוץ די דערמאָנטע אַקטיאָרן און זייערע באַגאַבטע פרויען (מאַדאַם גוטענטאַג אַלס פּרי־מאַדאָנאַ און מאַדאַם מאַריענהאָף — אַ זעלטענע מוטער ראָליסטקע), די באַרימטע פעני וואַדי עפּשטיין, מאַרסעלאַ ווייס, סעם וועלער, ב. ווייסמאַן, איסידאָר צוקערמאַן און פרוי, מאַוריסיאָ ראָזנבליט (אויס ליבע צו דער קונסט), ענריקע ווייס, באַיקאָווסקי א. א. און אַ צווייטער — מיט אויסלענדישע געסט: אַקסעלראָד, שילינג, ראָסאַ ברי און טייל אָרטיקע, וואָס האָט געהאַלטן אָפן די טירן פאַר יעדן — אָט די צוויי אידישע טעאַטערס האָבן אָנגעהויבן שפּילן וואָס אָפטער, פון איין מאָל אין וואָך איבערגעגאַנגען אויף צוויי מאָל, און אין 1913 ברענגט אַראָפּ דער עמפּרעסאַר פונעם צווייטן טעאַטער אַ לאָנדאָנער סטאַרן־פּאָר מיטן נאָמען וואַקסמאַן און פרוי, פאַר וועלכע ער דינגט אַ טעאַטער, אַ קליינעם טעאַטער אויף קאָריענטעס, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „ביזשו” און מיט זיי קומט צום ערשטן מאָל קיין בוענאָס איירעס סעם גאָלדענבורג, אַן עלעגאַנטער יונגערמאַן וואָס שפּילט פּיאַנאָ און רעדט אינטעליגענטיש אויף דער בינע און פּירט אויף „סאַנין” פון אַרציבאַשעוו מיט רוסישע לידלעך און דער רוסיש איז מיט עכטן רוסישן אַקצענט צום געשמאַק פון דער רוסיש־ריידנדיקער אידישער „אינטעליגענציע”, און אויך שפּילט ער, עפּעס גאָרנישט „אַ, פּאַטעריש”, אָדער קאַפּאָטע־מעסיק, ווי אַרטיסטן וואָס מיר זיינען געוואוינט צו זען, נאָר מעשה מענטש, מאָדערן, ממש אַ פּאַרליבעניש! מען שפּילט שוין זעקס מאָל אין וואָך און דער עולם גייט, מען ווייסט ווער דער עמפּרעסאַר איז, מען ווייסט, אַז די טירן זיינען אָפן פאַר יעדן און מען ברעכט דעם חרם.

די ריינע טרופע האט זיך גענען פארלוירן און האט זיך געמוזט ראטעווען מיט א סטאר, וואס זאל דעקן און אזוי ארום האט זי אראפ־געבראכט מאריס מאשקאוויטשן, וועלכער איז געווען גאלדענבורגס רבי, האט אפגעדונגען דעם טעאטער „אלימפא", אויף פועירעדאן (היינט נישטא מער). מאשקאוויטש האט געשפילט טאלסטאיס „לעבעדיקער מת", סטרינדבערגס „פאטער", „קין" פון דיומא, „די שלעכטע פאס־טוכער" פון מירבא, „שיילאק" און גארדינס עטלעכע פיעסן און האט פשוט „געמאכט אן עפאכע" אינעם אידישן טעאטער אין ארגענטינע. אלע פיינשמעקער, די רוסיש־ריידנדיקע, ווי די שפאניש־ריידנדיקע, האבן געלעקט די פינגער און געבראכט אין טעאטער אריין זייערע נישט־אידישע באקאנטע, פון דער אינטעליגענץ און פון דער פרעסע, זיי צו ווייזן, אז מיר האבן אויך גרויסע קינסטלער.

פון דעמאלט אן, אגב, חזרט זיך אפט איבער די זעלבע דערשיי־נונג. א וויכטיקער אידישער אקטיאר מיט א נאמען, וואס קומט אויף גאסטראלן, ציט צו אין אידישן טעאטער דעמדאזיקן סנאביסטישן עולם, דעם שפאניש־ריידנדיקן און רוסיש־ריידנדיקן, וואס האלט זיך מער אדער ווייניקער אפגעזונדערט פון דער אידישער קולטור, ריכטיקער, פונעם אידישן קולטור־לעבן, און מען בארימט זיך מיט אים פאר די נישט־אידן ווי מיט אן אייגענעם.

„אלימפא" ווערט פון דעמאלט אן דער אידישער קונסט־טעמפל. די קונסט האט ווי אפגעווישט דעם חרם, מען האט קיין הארץ נישט געהאט ארויסצוטרייבן די פרויענהעדלער פונעם קונסט־טעמפל, אדער די קונסט האט אויף אלעם אנדערעם מכפר געווען. מען האט געוואוסט, אז די עמפרעסע פון דעם טעאטער איז איבערגעגאנגען אין די הענט פונעם ביזשו־עמפרעסאר, נאר מען האט אנגענומען דעם איבל צוזא־מען מיט דעם גוטס וואס זיי האבן געבראכט. נאך מאשקאוויטשעס אפפארן, פארבלייבט אין אלימפא דער סטאר גאלדענבורג, וועלכער שפילט מאשקאוויטשעס רעפערטואר ווי א גוטער תלמיד. ער פירט אויך אויף פלארענסיא סאנטשעזעס „די טויטע" אין גלאזערמאנס אי־בערזעצונג. עס קומט דעמאלט צו אברהם טייטלבוים, וואס ווערט רע־קאמענדירט פון דר. מוקדוני אין א בריוול צו די היגע קאלעגן שרייבער אלס „זעלטן פערעמל", וואס ווארפט זיך דורך אינעם מיאוסן טעאטער

געוועב". און ער איז טאקע אזעלכער געווען. זיין הערשעלע דובראָווגער אין „גאָט, מענטש און טייוול" איז אומפאַרגעסלעך. ער באַקענט אַר־גענטינער אידן מיט אַ נייער שול שפּילן, מיט דעם געלייטערטן רעאַ־ליזם פון דעם סטאַניסלאַווסקי־טעאַטער. אין טעאַטער „אָלימפּאָ" שפּילט שפּעטער מאַדאַם לאַבעל איר „מאַדאַם איקס", „איינע אַליין" און אויך „הגרם זון" פון גאַנסאַלעז קאַסטיזשאַ, אין דער איבערזעצונג פונעם שרייבער פון די שורות.

צו יענער צייט געהער אויך די אַנטפּלעקונג פון דער דעקלאַמאַציע־קינסטלערן בערטאַ זינגערמאַן, וועלכע האָט דעמאָלט נאָך געשפּילט קינדער־ראָלן אין אידישן טעאַטער, און פון פאַני ברענער, די סובטעל־סטע פון די אַרגענטינישע אַקטריסעס, לויט אונדזער מיינונג, וואָס האָט שוין דעמאָלט אַרויסגעוויזן אירע גרויסע פעיקייטן אויף די ברעט־לעך פונעם אידישן טעאַטער, שפּילנדיק מיט מאַשקאָוויטשן.

די אַרטיסטן פון דער ערשטער טרופּע, מיט גוטענטאַג־מאַריענהאָף שפּילן אין טעאַטער „באַטאַגליאַ" (סאַנטאַ פע און קאַזשאַאָ) אונטער דער עמפּרעסע פון כוליאָ טראַווערסאַ, וואָס פירט אויף אַ רוי פיעסן פונעם אייראָפּעישן מעלאָדראַמאַטישן רעפּערטואַר אין דער איבערזע־צונג און אַדאַפּטירונג פונעם מחבר פון די שורות. יענער טעאַטער־סעזאָן איז געווען איינער פון די דערפאָלגרייכסטע פון יענער טרופּע.

מיר שרייבן דאָ נישט די געשיכטע פונעם אידישן טעאַטער אין אַרגענטינע, מיר מיינען אָבער, אַז עס וואָלט געפעלט דעם אַלגעמיינעם בילד פון אידישן לעבן אין אַרגענטינע אַ זייער וויכטיקע פּאַרב, ווען מיר דערציילן נישט מיט וועלכער גייסטיקער שפּייז און פאַרווייַלונג דער אידישער עולם האָט זיך אונטערהאַלטן אין משך פון די יאָרן.

דער ערשטער אַרגענטינישער דור

אין אָט די יאָרן פון נאָכן מבול, ווי מיר רופן אָן די רעאַקציע פון 1909—1910, הויבט זיך אָן אַרויסווייזן אַ נייער אידישער גע־זעלשאַפטלעכער און קולטור־כוח אין אַרגענטינע: די אַרגענטינישע אי־

דישע יוגנט. די קינדער, אין ארגענטינע געבוירענע פון די איינגעוואנ־דערטע אידישע עלטערן, זיינען אויסגעוואקסן, פוליעריק געוואָרן און זוכן וואו אויסצוגעבן זייער ענערגיע, זייער יוגנטלעכן ענטוזיאזם און זיך טיילן מיט דעם וויסן וואָס זיי האָבן באקומען אין די מיטל־שולן, אין אוניווערזיטעט. זייער שפראך איז שפאניש, זייער וויסן איז שפא־ניש, דערצויגן אויף דער שפאנישער און ארגענטינישער ליטעראטור און אויף די ליטעראריש־קריטישע און פובליציסטיש־פילאָזאָפישע מיטאר־בייטונגען פון מאדרידער און פאריזער אינטעלעקטואלן אין „לא פרענ־סא" און „לא נאסיאָן". אידיש איז פאר זיי די שפראך פון די „וויעכאָס" פון די אלטע לייט, ווי עס רופן דאָ מיט ביטול אָדער מיט ווארימען געפיל, אָבער אָן רעספעקט, זייערע טאטע־מאמע די ארגענטינישע קינ־דער פון די איינגעוואנדערטע שפאניער, איטאליענער און אידן. אידיש פארשטייען זיי, נאָר ריידן איז זיי נישט צום הארצן. פון דער תלמוד תורה אָדער פון דער איקא־שולע אין קאָלאָניע איז זיי פארבליבן אביסל „סידור" און אפשר אויך אב — א פאָטער, שולחן — א טיש און „פקד פקדתי". וועגן דער נייער אידישער ליטעראטור האָט מען זיי נישט דערציילט און זיי נישט צוגעבראכט צום לייענען. נישט אלע טאטעס און נישט אלע לערער זייערע האָבן אפשר גאָר געוואוסט פון אזעלכעס. נישט זיי האָבן דאָס געבראכט מיט זיך פון רוסלאנד און נישט די צייטונגען, די אידישע, וואָס זיי האָבן געלייענט, האָבן זיך דערמיט אינטערעסירט. די סאָציאלע באוועגונגען, וואָס פארכאפן די יוגנט, דער סאָציאליזם, דער אנארכיזם, זיינען דעמאָלט דורכגעדרונגען געווען מיט קאָסמאָפאָליטיזם און די אידן צווישן די אָנפירער פון די באוועגונגען זיינען געווען אסימילאנטן, אריבערגעשפרונגענע פון דער רוסישער אין דער ארגענטינישער אסימילאציע, און זיי האָבן זייערע חברים נישט־אידן איינגערעדט וועגן דער מיסיע פונעם אידישן פאָלק, אלנפאלס פון די אויפגעקלערטע אידן, זיך אויפצולייזן צווישן די פעלקער אלס די פרעדיקער פון דער „אינטערנאציאָנאלער" (געמיינט אוניווערסאלער) אידייע פון סאָציאלן יושר. נאָר מען איז דאָך פארט אידן, קינדער פון אידישע טאטעס, און מען שטויסט זיך אָן אויף דער ביטול־באציאונג אָדער טאקע שנאה מצד נישט־אידישע און אנטיסעמיטישע חברים, נעמט מען זיך צו הילף די גרויסע אידן, וואו ערגעץ א איד א שטאטס־

מאַן, אַ וויסנשאַפטסמאַן, אַ דיכטער, אַ מאָלער, אַן אַקטיאָר, אַלס גע־ווער און אַלס פאַנצער און פון דעם קומט מען שוין צו אַביסל נאַציאָ־נאַליסטישן שטאָלץ, צו אידישער גאוה אויף גובר צו זיין די אייגענע דערשלאָגנקייט. פון דעם מיטל ווערט אַ ציל, פון דעם פאַרטיידיקונגס־געווער — אַ קולט. די „גרויסע אידן" ווערן אַ מוסטער און אַ באַ־רעכטיקונג. מען כאַפּט זיך אָן דעם אידישקייט, וואו מאַרשאַל איז אידישע געזעלשאַפטלעכקייט, היינע און זאַנגוויל — אידישע ליטעראַ־טור און דיזראַעלי — אידישע פּאָליטיק. ווער שמועסט שפּינאָזע! דאַרף מען נאָך אַ שטאַרקער געווער און אַ מער זיכערן פאַנצער ווי שפּינאָזע קעגן די פיילן פונעם אַנטיסעמיטיזם און פון די פאַריסענע נישט־אידישע אַריסטאָקראַטישע חברים?

אָט אַזעלכע קומען זיי אַרויס יולי 1911 מיט אַ חודש־זשורנאַל אין שפּאַניש „כוואוועגטוד" (יוגנט) אָרגאַן פון דער אָרגאַניזאַציע „כוואוועג־טוד איזראַעליטאַ אַרכענטינאַ".

די געשטאַלט איז פונדעסטוועגן נישט קיין איינהייטלעכע, זי האָט פאַרשידענע שאַטירונגען, העלערע און טונקעלערע, מער אַסימילאַטאָ־ריש, אָדער מער נאַציאָנאַליסטיש און אַפילו צומאָל נענטער צום אידישן געזעלשאַפטלעכן טיפּ, און בייט זיך לויט די ווירקונגען וואָס זי באַ־קומט פון דרויסנדיקע אָדער פון אינעווייניקסטע פאַקטאָרן.

מיר זעען אָט די יוגנט ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט נאָך פון 1908, ווען עטלעכע זייערע האָבן זיך קאָנסטיטואירט אין אַ באַזונדערן קאָמיטעט צו באַקעמפן די ווירקונג פון דעם פרויענהאַנדל, חלילה נישט צוזאַמען מיט דער אַלגעמיינער אָרגאַניזאַציע, אין וועלכער עס זיינען אָנגעשלאָסן געווען די פּראָגרעסיווע פאַריינען פון דער איינגעוואַנדער־טער יוגנט. אין 1909 טראָגן זיי שוין דעם נאָמען „כוואוועגטוד איז־ראַעליטאַ אַרכענטינאַ" און זייער אויפגאַבע איז אויסצולערנען די איינ־געוואַנדערטע אידן די לאַנד־שפּראַך מיט פּרעטענזיעס זיי קולטורעל צו דערציען, „ציוויליזירן די ווילדע רוסישע אידן". אין 1910 עפענען זיי אַ ביבליאָטעק, אויך צו דעם זעלבן צוועק, די ביכער ווערן אַרויסגעגע־געבן אומזיסט. דאָס אַלץ איז געווען פאַר די אָרימע אימיגראַנטן; פאַר זיך האָבן זיי געהאַט טאַנץ־אָוונטן, קאָנצערטן, פעסטיוואַלן, פלירט.

דאָס יאָר 1910 האָט זיי צערודערט, האָט זיי אַרויסגעפירט פון

דער ציוויליזאַטאָרישער קולטור־פילאַנטראָפיע פאַר די אידישע אימיגראַנטן און האָט זיי געצוואונגען אַ קוק צו טאָן אויף זיך אַליין. וואָס זיינען מיר? און זיי האָבן זיך, מער אָדער ווייניקער, געענטפערט דערויף: מיר זיינען די צוקונפטיקע אַרגענטינישע היינעס און זאַנגווילס, שפינאָזעס און דיזראַעלים, מאַרשאַלס און בראַנדייזעס, זייער אַ בכבודיקע און, מער נאָך אַ באַקוועמע, ראָל פאַר יונגעלייט וואָס ווייסן ווי זיך צו שעצן.

אין דעם גייסט האָבן אָנגעהאַלטן עטלעכע נומערן פון „כּוּאַוועגטוד" ביז דער זשורנאַל גליטשט זיך מיטאַמאָל אַריין אין אַ נייער ריכטונג, אין דער פולשטענדיקער אַסימילאַציע, אין נעגירן דאָס אידישקייט. די דאַמאָלסדיקע פירער פון דער אָרגאַניזאַציע זיינען געווען עקסטרעמע אַסימילאַנטן, וואָס האָבן זיך געפונען אונטער דער ווירקונג פון דעם אַסימילאַנטישן סאָציאַליזם. דאָך האָבן זיך טייל פון זיי געכאַפּט אויף צוריק. — זייער וואָרט — האָבן אַנדערע אָנגעהויבן זאָגן — נאָר וואָס קערן מיר זיך אָן, אויב אַזוי, מיט אידן און צו וואָס רופן מיר זיך „אידישע יוגנט?".

אָט די פראַגע האָט אַזוי לאַנג געמאַטערט די מיטגלידער און דעם זשורנאַל, ביז מען האָט אים איבערגעגעבן אין די הענט פון מאַנועל בראַנשטיין, אַ יונגערמאַן אַ געזעלשאַפטלעכער טוער מיט אַ רעאַלן קוק אויף זאַכן. ער האָט געלייזט די פראַגע זייער פשוט: צו וואָס חקרהנען זיך וואָס מיר זיינען? מיר זיינען דאָס וואָס מיר זיינען, מיר זיינען אידישע זין און טעכטער, מיר לעבן אין אידישע פאַמיליעס און אין אַ אידישער סביבה, אַלצדינג וואָס אינטערעסירט אידן, אינטערעסירט אונדז אויך און די אָרגאַניזאַציע „כּוּאַוועגטוד איזראַעליטאַ אַרכענטינאַ", האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די טאָגע פון געבילדעטער יוגנט, האָט צעעפנט ברייטער אַביסל די טירן, האָט אָנגעהויבן אַריינגעמען אַחוץ סטודענטן אויך אַנדערע אידישע יונגעלייט און „סעניאָריטעס", האַנדלס־אָנגעשטעלטע און אַפילו אַרבעטער, „אַבי זיי קענען זיך האַלטן אין געזעלשאַפט" און דער עיקר, די אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהויבן אָנטיילנעמען אין אַלע אַלגעמיין אידישע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן. מיר זעען דעמאָלט די אָרגאַניזאַציע שוין אָנטיילנעמען אין אַן אַקט קעגן דעם ביילים־פּראָצעס (1913), אין דער הילפס־אַרבעט

פאַר די מלחמה־געליטענע אין מזרח־אייראָפּע (1915), אין דעם ערשטן אידישן קאָנגרעס (1916), אין די באַמיאונגען צו שאַפן די אידישע „רעפּרעזענטאַנץ", אין אַ פּרואוו צו שאַפן אַ סטאַטיסטישן ביוראָ און שטודיום פון דער אידשער עקאָנאָמיק און עקאָנאָמישע אויסזיכטן אין אַרגענטינע, לויט אַ פּראָיעקט פון דעם איקאַ־דירעקטאָר שטאַרקמעט, פּאָראויסזעענדיק אַ גרויסע אידישע איינוואַנדערונג נאָך דער מלחמה, און אין אַנדערע אידישע געזעלשאַפטלעכע איניציאַטיוועס.

מען קען אָבער נישט זאָגן, אַז אָט דער געזונטער רעאַלער וועג פון דער אידישער יוגנט, וואָס זוכט וואו אָנצוווענדן איר ענערגיע, זאָל זיך האָבן איספּאָנירט אויף זיי אַלעמען. פון איין זייט, האָבן זיך אָפּגעריסן די מער אַסימילאַנטישע מיטגלידער און זיך אַריינגעוואָרפן אין די אַלגעמיינע פּאַרטייען און קולטור־באַוועגונגען פונעם לאַנד; פון דער אַנדער זייט, זיינען טייל אַריינגעשפּרונגען אינעם צווייטן עקס־טרעם און אַריבער צום ציוניזם, צו דעם זייער באַקוועמען ציוניזם, וואָס שטעלט נישט זיינע אָדעפּטן קיין גרויסע פאָדערונגען פאַר דאָ און איצט און איז אויך מער אין אָנקלאַנג מיט דער „אידישער דערצי־אונג" וואָס די יונגעלייט האָבן באַקומען אויפן שפּיץ מעסער: דאָרט ערגעץ איז אַמאָל געווען און דאָרט ערגעץ וועט אַמאָל זיין. דערווייל לעבן מיר אין אַרגענטינע, וואו מען לערנט אויף דאָקטער אָדער מען איז שוין דאָקטער און מען קער זיך נישט אָן מיט דער שפּראַך פון די „וויעכאָס" און מיט די אַלע „גרינגאָס", און דערצו איז מען אידן, סופּער־אידן אָדער היפּער־אידן, וואָס זייער אידישקייט איז דיפּלאָמירט, פּונקט ווי זייער קאַריערע...

פון יענער צייט אָן מערקן זיך אין דער אידישער יוגנט, וואָס איז דאָ געבוירן אָדער דאָ דערצויגן, — קינדער פונעם מיטלשטאַנד און אויך פון די אָרעמע שיכטן, מאַטעריעל באַהערשטע פון איין ציל — אַ קאַריערע — וואָס זיין וויטסטער פּונקט איז אַ דאָקטאָר־טיטל פון מעדיצין אָדער יורי, אינזשעניער, אַרכיטעקט, דענטיסט, אַגראָנאָם און לאָזט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער ביז נאָטאַריוס (פּראָקוראַדאָר), אָפיציאַליזירטער בוכהאַלטער און נישט אָפיציאַליזירטער און פאַלט אַריין אין די פּראָפעסיעס, צו וועלכע עס נויטיקט זיך נישט קיין דיפּ־לאָם: זשורנאַליסטיק, אַגענטורע פון וואָס נאָר עס מאַכט זיך — דריי

אזוי צו זאָגן גייסטיקע הויפּט־ריכטונגען מיט דעם הינטערגרונט פון דער שפּראַכלעכער אַסימילאַציע: פולשטענדיקער אָוועקגיין פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט צו דער אַלגעמיינער, אנטייל אין דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט אַלס שפּאַניש־רייִדנדיקע כלל אידן און... שפּאַניש־רייִדנדיקער ציוניזם.

די גרעניצן צווישן די דריי ריכטונגען זיינען נישט קיין שאַרפע, באַזונדערס זיינען זיי נישט שאַרף אין די קלענערע אידישע ישובים, וואו אין איין יונגנטלעכן פאַריין, אויב ער איז פאַראַן, האָבן אַ פּלאַץ אַלע ריכטונגען, וועלכע עס פאַרייניקט איין איינציקער אַלגעמיינער פאַקטאָר: היימישקייט און יונגנטלעכקייט. אין די קליינע ישובים ווענדט זיך אַמאָל די ריכטונג אָן דער ווירקנדיקער פּערזאָן, וואָס שטעלט זיך אָן איר שפּיץ, דער דאָקטער, דער „כערעגטע" פון דער קאָאָפּעראַטי־ווע... בכלל, אָבער, פאַלט ארונטער די יוגנט אין דער פּראָווינץ, ווי אין די גרויסע וועלט־געשעענישן אָדער די געשעענישן אינעם אידישן לעבן, אימפּאָנירן און עס וויגן זיך די כוואַליעס אַמאָל האַסטיקער, אַמאָל לאַנגזאַמער צו דעם אָדער יענעם אידעאָלאָגישן ברעג.

אינעם משך פון דער צייט וואָס די קורצע געשיכטע נעמט ארום, וועלן מיר זען די אידישע יוגנט, באַזונדערס די וואָס שטייט מיטביידע פיס אין דער אָרטיקער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט, ביי פאַרשידענע זייער כאַראַקטעריסטישע אַרבעטן, דעם געוויג פון דער אידישער יוגנט בכלל צו די אָדער יענע אידעאָלאָגישע ברעגעס, ווי אויך די פאַקטאָרן, ויאָס ברענגען זיי אַלץ נענטער צום אידישן לעבן, צו דער אידישער קולטור און צו דער שפּראַך פון די אידישע מאַסן.

די באַציאונג צו אידן

ווי האַלט עס דעמאָלט מיט דער באַציאונג פון דעם ארגענטינער, פון זיינע אויבערשטע, טאָן־געבנדיקע שיכטן, צו אידן און צום אי־דישן ישוב? אין אונדזער קאָסמאָפּאָליטישן לאַנד, וואו עס וואוינען אין שכנהשאַפט פאַרשידענע קאָלאָניעס אויסלענדער, וועלכע מען שאַצט און מען שעצט לויט זייער ביישטייער צו דער אַלגעמיינער מלוכה בויאונג

און אויסבילדונג פון דער נאַציע, קומט די אידן, לויט זייער בייטראַג שוין דעמאָלט, אַ באַציאונג פון אַכטונג. אַדאַנק דער אידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס האָט נישט ווייניקער ווי די קאָלאָניזאַציע פון איטאַליענער, שפּאַניאָלן, פראַנצויזן, דייטשן און שווייצער, בייגעטראָגן צו מאַכן פון אַרגענטינע אויסער אַ לאַנד פון פּיצוכט אויך אַ לאַנד פון אַגריקולטור, האָט אַרגענטינע אָנגעהויבן פאַרנעמען אויפן וועלט־מאַרק אַן אָרט נישט נאָר מיט פעל און מיט חלב, נאָר אויך מיט תבואה. אַדאַנק דער שטאָטישער אידישער באַפעלקערונג, די באַלמעלאָכעס און קוענטעניקעס, זיינען אויסגעוואַקסן אין דער הויפּטשטאָט נייע אינדוסטריעס, וואָס זייערע אויסאַרבעטונגען האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד און אַזוי אַרום צוגעהאָלפן דער סטאַביליזירונג פון די אַרגענטינישע פינאַנצן. נאָר פונקט ווי דער אַרגענטינישער גוטבאַזיצער פּיצוכטער, דער געשוואוירענער און אָפיציעלער אַרגענטינשער פּאַטריאָט, האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דערמיט, וואָס ער פאַרשווענדט די איינקונפט פון זיינע גיטער אין איירָאָפּע אָדער האַלט זיין געלט אין די איירָאָפּעישע בענק, צאַפּט ער אָפּ נישט נאָר דעם אַרגענטינישן שוויים און מאַרך, נאָר אויך די מלוכה־פינאַנצן, דיספּרעסטיזשירט זיי און שטעלט זיי אין שטענדיקער געפאַר, אַזוי האָט ער אויך נישט פאַרשטאַנען דעם נוצן פון דער קאָלאָניזאַציע, וואָס די הכנסה פון אירע פּראָדוקטן קומען אַריין צוריק אין לאַנד און דעם נוצן פון דער אינדוסטריאַליזאַציע, וואָס פאַרהאַלט די הכנסה זי זאָל וואָס ווייניקער אַרויספליסן פונעם לאַנד. דער איטאַליענער און דער שפּאַניער פון דער שוואַלבן־וואַנדערונג, וואָס פלעגט קומען אַהער אָפּאַרבעטן דעם שניט און אַהיימפירן די פּאָר הונדערט פּעזעס, איז אים געווען פאַרשטענדלעכער און סימפּאַטישער. ער האָט פון אים געהאַט אַ דירעקטן און פּערזענלעכן נוצן און די סימפּאַטיע איז שוין געפאַלן אויף די איטאַליענער און שפּאַניער וואָס האָבן זיך דאָ באַזעצט. אַחוץ דעם, האָט אים דאָך דער שפּאַניער צוגעשטעלט דינער און דינסטן, טאָג־לוינער אין פעלד און קעלנער אין שטאָט, וואָס זייער נוצן שטייט אים פאַרן אויג און דער איטאַליענער האָט אים אויך צוגעשטעלט גערטנער ביי זיין פּאַלאַץ און געזען האָט ער זיי ביי די האַפּנס אַלס טרעגער און אַלס וועגן־בויער, רעלצן־לייגער און ברוקירער, ביים הייזער־בוי און ביים

רייניקן די גאַסן פון דער הויפּט־שטאָט. ער האָט דעם שפּאַניער אָנגערופן מיט ביטול „גאַזשעגאָ" און דעם איטאַליענער „גרינגאָ", ער האָט נישט געהאַט צו זיי די אַלט פּעטערישע באַציאונג ווי צו די פערדצוימער און וואָל־שערער, וואָס ער האָט גערעדט זייער שפּראַך און זיך פאַרווײַלט מיט זייער געזאַנג און טענץ, אָבער דעם ווערט פון דעם אײַנגעוואַנדערטן שפּאַניער און איטאַליענער האָט ער געוווּסט. דעם פראַנצויז האָט ער געשעצט אַלס קולטורעלער סנאָב, דעם דײַטש האָט ער באַוואונדערט פאַר זײַן אַגראַר־טעכניק, כאָטש ער האָט זי אין דער פּראַקטיק מבטל געווען, פאַר דעם ענגלענדער האָט ער דרך־ארץ געהאַט, ווי פאַר דעם אייגנטימער פון די אַרגענטינישע אײַזנבאַנען און הלוואה־געבער; דער איד אָבער איז געקומען קיין אַרגענטינע אַ געשטעמפּלטער פון דער קאַטויילישער קירכע אַלס פאַרעטער און גאָטס מערדער און פון דעם אַנטיסעמיטיזם געשטעמפּלט אַלס פּאַראַזיט; די אידישע פרויענהענדלער, וואָס זײַנען דאָ געווען פון די ערשטע אידן און אַפילו די אידישע „קאַמבאַלאַטשן" (אַלטוואַרג־געשעפטלעך), האָבן פון דעם שטעמפּל נישט געמינערט, נאָר האָבן אים נאָך צוגעגעבן נײַע אומסימפּאַטישע פאַרבן. די באַראָן הירש קאָלאָניזאַציע, איז דאָ אויפגענומען געוואָרן פון דער קאַטוילישער קירכע מיט אַ קאַטויליש־אַנטיסעמיטישן ברוך הבא, וואָס איז אַרײַן, ווי שוין פריער דערמאָנט, אַלס קלאַסישער באַגריף וועגן אידן אין אַ טעקסט־בוך פאַר געאָגראַפיע אין די ערשטע יאָרן מיטלשול און האָט פאָרגעשטעלט די אידישע קאָלאָניזאַציע ווי אַ מיטל פון דעם אידישע באַנקיר צו פאַרכאַפּן אין זײַנע הענט די אַרגענטינישע ערד; די אַרבעט פון דעם „הויזירער", איז קיינמאָל נישט קיין סימפּאַטישע, בפרט, ווען ביים פאַרקויפן מוז ער זיך אײַנבעטן און דערנאָך קומט ער מאָנען די ראַטע. און די אידישע אַרבעטער — זיי זײַנען דאָך געקומען פון רוסלאַנד מיט אַ שם פון רעוואָלוציאָנערן. און וואָס איז נאָך אַזוי דערווידער דעם פריץ ווי דער רעוואָלוציאָנער!

פאַר די עטלעכע און צוואַנציק יאָר אידישער אײַנוואַנדערונג און אַרבעט אין פעלד און אין שטאָט, האָט די באַציאונג זיך אַ סך געבעסערט. די פאַקטן האָבן אָפּגעלייקנט די פאָרורטיילן. די באַפעלקערונג אין כלל האָט פאַר זיך געזען אידישע קאָלאָניסטן גוטע ווירטן, גוטע

פעלד־ארבעטער, אידישע קרעמער און הענדלער, וואָס זיינען נישט וויניקער אָרנטלעך ווי די שפּאַנישע אָדער איטאַליענישע באַליטשע־ראָס און אַלמאַסענעראָס; וואָס שייך די אידישע ארבעטער, זיינען זיי פּונקט אַזעלכע גוטע און געטרייע „קאָמפּאַניעראָס" ווי די אַנדערע; אין די שולן, אין די עלעמענטארע ווי אין די מיטעלע און העכערע, זיינען אידן גוטע חברים: די אומסימפּאַטישע עקזעמפּלאַרן אידן, זיינען בטל געוואָרן צווישן דער אויסגעוואַקסענער גרויסער צאָל גוטע שכנים, גוטע האנדלס־באַציאונגען און גוטע חברים, די פּאָרורטיילן, אויב זיי זיינען נאָך געבליבן, זיינען זיי געווען איזאָלירט, אַזוי צו זאָגן, פונעם לעבן.

קומט אָבער וואו עס איז, דאָ אָדער ערגעץ אַנדערש צו אַ רע־אַקציע, וואָס קלייבט זיך אויס די אידן אַלס קרבן, און אַלס אָפּלייטונג פונעם פאָלקס אומצופרידנקייט, ווערן ארויסגעצויגן פון זייער איזאָלירטקייט די אַלע פּאָרורטיילן און זיי מאַכן שווער די אַטמאָספער און לאָדן זי אָן מיט דעם פולווער פון שנאה און מיט אירע פעסט־באַציִלן.

אַזוי איז עס געווען אין 1909—1910, און מיט דריי יאָר שפּע־טער, 1912—1913, ווען דאָס צארישע געריכט האָט אינסצענירט דעם בלום־בלבול אויף דעם קיעווער אידן מענדל ביילים און האָט דאָס גע־ריכט טעאַטראַליזירט מיט „עקספּערטיזעס" און מיט „זאַכלעכע באַ־ווייזן", באַזונדערס מיט דער קאַטוילישער עקספּערטיזע פון דעם גלח פּראַנייטיס, האָט די אַרגענטינישע קאַטוילישע פּרעסע, צוזאַמען מיט דער נייטראַלער, וואָס שפּייזט זיך מיט אָפיציעלע ידיעות, מיטגעהאַלטן דעם קורס פון דער באַשולדיקונג און געשטעלט אין געפאַר די דער־גרייכטע גוטע באַציאונגען, ארויסשטעלנדיק די אידן אַלס „באַרבאַרן", וואָס האָבן פאַרדינט די פאַרפאָלגונגען מצד דער צארישער רעגירונג און האָבן אויך דאָ נישט די ווערט טאָלערירט צו זיין. כאַראַקטעריסטיש איז, אַז פון דער גאַנצער דעמאָלטיקער בוענאָס איירעסער פּרעסע, האָט בלויז איין צייטונג, די היינט אַנטיסעמיטישע „לאַ ראַסאָן", געדרוקט אַרטיקלען וואָס האָבן באַלויכטן דעם פּראָצעס אין זיין געהעריקער שיין. מיט אַזעלכע רעאַקציעס וועלן מיר זיך אָנטרעפן אויך ווייטער, אויף די ווייטערדיקע עטאַפּן פון אידישע וואוקס אין ארגענטינע.

נאָר איידער מיר גייען איבער צו ווייטערדיקע עטאַפּן פון אונדזער ישוב אין ארגענטינע, איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אופן ווי

אידן האָבן דעמאָלט רעאַגירט און אויך אָפּשטעלן זיך אויף איינעם אַ באַדויערלעכן פאַקט, אַ פּראָדוקט פון איגנאָראַנץ מכוח אידן און פון אַסימילאַנטישער טפּשות, וואָס זיינען נישט ווייניקער שעדלעך ווי דער אַנטיסעמיטיזם, אַפילו ווען זיי שטייען איין ביי סאָציאַליסטן.

די סאָציאַליסטישע אידישע גרופּעס, פּועלי ציון, „אַוואַנגאַרד" און צו זיי „בּואַוועגטוד איזראַעליטאַ", אַ פּרויען פּאַריין מיט דעם נאָמען „התחיה" און די דעמאָלט עקזיסטירנדיקע קולטור־פאַריינען האָבן באַשלאָסן רופן אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן דער צאַרישער רעגירונג מיט אַן אויפקלערונג וועגן דעם פּראָצעס, צו וועלכן עס זאָלן איינגעלאַדן ווערן פאַרטרעטער פון דער אַרגענטינישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג און די אַלגעמיינע פּרעסע. אַזאַ פּראָטעסט איז דורכגעפירט געוואָרן אינעם סאַלאָן „גאַריבאַלדי". פּראָטעסטן זיינען אויך דורכגעפירט געוואָרן אין דער קאָלאָניע מאָזעסוויל און אין קאָרדאָבאַ געמיינזאַם דורך אַלע דאָרטיקע אידישע אָרגאַניזאַציעס; אָבער, מיט דער עפנטלעכער קעגנערשאַפט פון די ציוניסטן. זייער פירער, יעקב יאָסעלעוויטש, איז אַרויסגעטראָטן אינעם ציוניסטישן אָרגאַן „די אידישע האָפענונג" מיט אַ וואָרענונג נישט אַרויסצוטרעטן מיט דעם פּראָטעסט, וואָרום מען וועט נאָך ערגער מאַכן. מען קען אונדז דאָ נישט פאַר אידן, איז געווען זיין אַרגומענט, נאָר פאַר „רוסאָס", איז גלייכער נישט אויסצוגעבן זיך און נישט צו וואַרפן זיך אין די אויגן. ביי דער זעלבער מיינונג האָט זיך אויך געהאַלטן די אידישע צוויי־וועכנטלעכע אויסגאַבע אין שפּאַניש „איזראַעליטאַ אַרכענטינאַ", רעדאַקטירט פון צוויי אַלטע אידישע תּושבים, גערשטיין און שוסטער (דערשינען צווישן יולי 1913 און מאַי 1914), און וואָלאָזינער (פּסעוודאָנים פון דעם טראַגיש־אומגעקומענעם יוסף הלוי) אין „טאָג". צום גליק איז די טאַקטיק פון אויסבאַהאַלטן זיך מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איינגאַנצן פאַרשוואונדן, ווי מיר וועלן דאָס ווייטער זען.

וואָס עס קומט אַרויס פון נישט קענען די אידן, האָט באַוויזן דער לערער און גרינדער פונעם סאָציאַליזם אין אַרגענטינע, דר. כואַן ב. כוסטאָ, וועלכער האָט גראָד געהאַט אַ אידישע פרוי, אַן אַסימילאַנטישע סאָציאַליסטקע פון רוסלאַנד, וועלכע האָט אים אפנים אָנגערעדט אַלדאָס בייז אויף די „פאַנאַטישע אידישע פינצטערלינגען, וואָס ווילן

זיך נישט אַסימילירן און ציוויליזירן און זיי בלייבן ביי זייערע באַרבאַרישע מנהגים". אויף אַן אַנקעטע, וואָס דער אילוסטרירטער זשורנאַל „שטראַלן" האָט דורכגעפירט צווישן די אַרגענטינישע אינטעלעקטואַלן וועגן דעם ביילים־פּראָצעס, מיט דעם ציל צו אָרגאַניזירן די אַרגענטינישע געזעלשאַפטלעכע מיינונג קעגן די צאַרישע פאַרפאָלגונגען אויף אידן, האָט דער גרינדער פונעם סאָציאַליזם אין אַרגענטינע, דר. כואַן באַוטיסטאַ כוסטאָ, פון וועלכן עס איז געווען צו דערוואַרטן אַ פּאַרדאָמונג די פאַרפאָלגער, וואָס שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר אינסצענירן בלוט־בלבולים, ווי דאָס האָבן געטון זיינע חברים אַלפרעדאָ ל. פּאַלאַסיאָס, דעל וואַזשע איבערלוסאַ א. א. געענטפערט, אַז „דאָרט וואו עס האַנדלט זיך וועגן רעליגיע, האַלט ער אַלץ פאַר מעגלעך, אַ סימן אידן באַשניידן די ערלה, וואָס דאָס איז באַרבאַריש. קיינער האָט נישט חושד געווען דעם דר. כ. ב. כוסטאָ אין אַנטיסעמיטיזם, אָבער די אַסימילאַנטישע טפשות, פאַרייניקט מיט דעם אַרגענטינישן שמעלצטאָפּ־אידעאַל, האָט פאַרטונקלט ביי דעם וויסנשאַפטסמאַן און סאָציאַליסט דאָס רעאַלע בילד פון דער צאַרישער פּאָליטיק און פון דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק בכלל.

דער שמעלצטאָפּ־אידעאַל פון די אַרגענטינער סאָציאַליסטן, ווי פון דער אַרגענטינישער אינטעליגענץ בכלל, דער ליבעראַלער ווי דער רעאַקציאָנערער, וואָס באַרויבט זיי אַלעמען פון דער עלעמענטאַרער פאַרשטענדעניש פאַר דעם איינגעוואַנדערטן מענטשן אַלס קולטור־פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה און גייסטיקער ירושה, פון וועלכער אים איז שווער זיך צו באַפרייען אפילו ווען ער שטרעבט דערצו און באַרויבט פון דער נאָך מער עלעמענטאַרער פאַרשטענדעניש פאַר די קולטור־נויטן פון אַ קאָלאָניע, וואָס קען זיי באַפרידיקן נאָר אין איר מוטער שפּראַך, — האָט אונדז אַ סך מאָל פאַרשאַפט מער פאַרדרוס און אויך מער שאָדן ווי דער אַנטיסעמיטיזם. און נישט בלויז דערפאַר פאַרדריסט אונדז וואָס מען פאַרשטייט אונדז נישט און מען וויל נישט פאַרשטיין אונדזער רעכט צו זיין קולטורעל דאָס וואָס מיר זיינען: אידן, און אויך נישט דערפאַר בלויז וואָס אונז שרעקט פאַר דער צוקונפט פון אונדזער רעכט אין פאַל דער שמעלצטאָפּ־אידעאַל זאָל ווערן אַן אַקטיווע פּאָליטישע פּראָגראַם, נאָר אויך דערפאַר וואָס ער

באווירקט, מיט זיינע ליבעראלע ווי מיט זיינע רעאקציאנערע אר־גור־מענטן געוויסע אידן, יונגע ווי עלטערע, אין דער ריכטונג פון דער אויבן אנגעוויזענער אויסבאהאלטונגס־טאקטיק, פון טראגישען מאראנען־לעבן, וואס צעגישטיקט דעם אידישן מענטשן, רייסט אים אפ צוערשט פון זיינע געזעלשאפטלעכע און קולטור־פעסטונגען און גיט אים איבער דער נאך צום אפפאל אלס ליידיקע און צעבראכענע כלי. מיר זיינען זיכער אין דער לעבנספעיקייט און דויער פון דער אידישער קולטור אומעטום וואו אידן וואוינען און אויך ביי אונדז, אזוי לאנג מיר שטייען אין קאנטאקט מיט דער אלגעמיינער אידישער קולטור־וועלט און אזוי לאנג עס האלטן אן אונדזערע ירושה־זאפטן; מיר זיינען זיכער, אז אונדזער ישוב אין ארגענטינע באקומט, אדאנק זיין וואוקס, אלץ מער צוציענ־דיקן, צענטריפעטישן כוח און ווידערשטאנדס־פעיקייט קעגן די פארניי־נער פון אונדזער רעכט אויף אידישער קולטור און געזעלשאפטלעכקייט; אבער דערצו טאר מען נישט האלטן פארמאכט די אויגן אויף דער באציאונג צו אונדז מצד די צוויי פיינטלעכע צו אונדז כוחות: דער אנטיסעמיטיזם און דער שמעלצטאפ־אידעאל.

אין די מלחמה־יארן. — די הילפס־ארבעט. — ערשטע אידישע קאנגרעסן.

אין די מלחמה־יארן, פון אויגוסט 1914 ביז סוף 1918, איז די איינוואנדערונג פון אידן, ווי די איינוואנדערונג בכלל, געווען כמעט אפגעשטעלט. דערפאר זיינען די דאזיקע יארן געווען יארן פון ארגא־ניזירונג און סטאביליזירונג. באזונדערס אבער כאראקטעריזירן זיך אט די מלחמה־יארן אינעם ארגענטינער אידישע ישוב אויפן ערשטן פלאן, מיט דער פארפעסטיקונג און באריי̈כערונג פונעם אידישן צייטונגס־וועזן אין ארגענטינע.

עס איז גאר קיין ספק נישט, אז אין דער גרינדונג פון דער „אי־דישער צייטונג" אין נאוועמבער 1914, ווען עס איז שוין געווען איין טעגלעכע צייטונג, צייטלינס „דער טאג", האט דעם גרעסטן חלק די

מלחמה: אַלנפאַלס, האָט זי דעם גרעסטן חלק דערין, וואָס די צייטונג האָט איבערגעלעבט איר געפּערלעכסטע צייט, איר ליאַכאָוויצקי־פּעריאָד. י. ש. ליאַכאָוויצקי איז באַרימט אין דער געשיכטע פון דער אידישער זשורנאַליסטיק אין אַרגענטינע מיט זיין לייכטן איבערגאַנג פון איין זשורנאַליסטישער אונטערנעמונג צו אַ צווייטער. ער האָט אַזוי לייכט אומגעבראַכט אַן אויסגאַבע ווי לייכט ער האָט זי געגרינדעט. אויף צו גרינדן די „אידישע צייטונג" צוזאַמען מיט עטלעכע דרוקער־אַרבעטער אַלס קאָאָפּעראַטיווע אונטערנעמונג, איז ער אַוועק פונעם „טאָג", וואו ער איז געווען דער הויפּט־רעדאַקטאָר אָדער איר איינציקער רעדאַק־טאָר און דערמיט געערבנט צייטלינס צייטונג אומצוברענגען. אין עט־לעכע וואָכן אַרום, האָט ער שוין צעבראָכן די קאָאָפּעראַטיווע און האָט פאַרקויפט די צייטונג צו מ. סטאָליאַר, דעמאָלט אייגנטימער פון אַ בוכהאַנדלונג, און ל. מאָס, איבערגייענדיק צו זיי פאַר רעדאַקטאָר. און אויך אויף דעם פּאָסטן האַלט ער זיך נישט לאַנג. ער צעקריגט זיך מיט דעם צווייטן פון די אייגנטימער, וועלכער איז געווען מיטרעדאַקטאָר, און ער מוז אַוועקגיין. ווען נישט די מלחמה און דער הייסער אינטע־רעס וואָס די מלחמה האָט אַרויסגערופן ביי יעדן אידן, וואָלט די „אידישע צייטונג" נישט אויסגעהאַלטן, נישט געקוקט אויף דער אומ־זיסטער מיטאַרבעט וואָס זי האָט געהאַט פון די היגע שרייבער און כמעט אומזיסטער אַרבעט פון אירע אינעווייניקסטע אַרבעטער די ערש־טע פאַר יאָר. אַנאַנסן האָבן זיך דעמאָלט געצאָלט אַזוי ביליק, אַז זיי האָבן נישט געדעקט דאָס פּאַפּיר וואָס זיי האָבן פאַרנומען און ווען נישט דער פאַרקויף פון די צייטונגען און דער אַבאָנעמענט, וואָלט די צייטונג נישט געדעקט די מאָגערע הוצאות אירע. צו דער מלחמה, מיט די סימפּאַטיעס וואָס זי האָט אַרויסגערופן פאַר דעם אָדער יענעם צד, איז דערנאָך געקומען דער אינטערעס צו דער הילפס־אַרבעט פאַר די מלחמה־ליידנדע, צום אידישן קאָנגרעס אין אַרגענטינע, צו דעם ביר־גער־קריג און רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, צו דער באַלפור־דעקלאַראַציע און דעם אויפגעלעבטן ציוניזם, צו דער אייראָפּעישער נאָך־מלחמה־פּאָליטיק, וואָס איז פול געווען מיט מלחמה פולווער.

עס איז אויך קיין ספק נישט, אַז ווען נישט דער אינטערעס צו דער מלחמה און צו די פּראָבלעמען וואָס זי האָט אַרויסגערופן און די

נויטווענדיקייט פון די ברייטע שיכטן זיך צו אָריענטירן אין זיי, צו ריכטן די הילפס־ארבעט אויף נייע וועגן, צו הילף דעם איבערבוי אינעם ראטנפארבאנד, צו הילף די וועלטלעכע שולן אין פוילן, וואָלטן אויך די גרינגדער פון „די פרעסע" נישט געהאט די פערספעקטיוון וואָס האָבן געבראַכט צו איר גרינדונג, שוין צו יאַנואַר 1918, און אַ גע־גרינדעטע, וואָלט זי נישט געקענט גובר זיין, צוליב די אויבן אָנגעווי־זענע סיבות, די מאַטעריעלע שוועריקייטן, וואָס האָבן זיך איר גע־שטעלט אין וועג, נישט געקוקט אויף דער קרבנות־גרייטקייט פון די חברים גרינדער פון דער „פרעסע" קאָאָפּעראַטיווע און נישט געקוקט אויף דער הילף־גרייטקייט פון אירע סימפּאַטיזירער.

און ווידער איז קיין ספק נישט, אַז די צייטונגען האָבן באַווירקט די אַלע איניציאַטיוועס און ארבעטן, וואָס האָבן באַפעסטיקט, אָרגאַ־ניזירט און אויסגעפורעמט אונדזער ישוב און אים אָנגעקניפּט מיט די פאַרשידנסטע פעדים פון סאָלידאַריטעט צו דער אַלגעמיינער אידישער וועלט און האָבן פאַר זיך אַ גרויסע אחריות פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פונעם אידישן ישוב און פאַר זיין צוקונפט.

זאָל עס אויך נישט באַטראַכט ווערן פאַר אַ גוזמא און פאַר אַן איבערטרייבונג פון אייגענער וויכטיקייט, ווען מיר וועלן זאָגן, אַז די גרינדונג פון „די פרעסע" איז אַ פּראָדוקט פון אַן אָנגעוואַקסענער צו יענער צייט נויטווענדיקייט אין אַ צייטונג, וואָס זאָל האַלטן איר ריכ־טונג אויף פאָרויס, אָריענטירט אויף די ארבעטנדיקע שיכטן און פּראָ־גרעסיווע יוגנט און אַז די אויפגאַבע איז אונדז אָנגעטרויט געוואָרן דורך אָפט ארויסגעוויזענער סימפּאַטיע צו אונדז מצד די דערמאָנטע שיכטן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ביי יעדן סכסוך וואָס איז ארויסגעקומען צווישן אונדזערע חברים שרייבער און זעצער מיט די צייטונגס־באַלע־באַטים. די דאָזיקע ארויסגעוויזענע סימפּאַטיע בעת די פאַרשטרייקטע זעצער צוזאַמען מיט דעם שרייבער פון די שורות און ח' ישראל העלפ־מאַן האָבן ארויסגעגעבן די פינף שטרייק־נומערן אונטערן נאָמען „נייע צייטונג" אין 1917, האָט פון אונדז געמאָנט אַ נייע צייטונג, וואָס זאָל נישט איגנאָרירן דאָס לעבן, דעם געדאַנק און דעם קאַמף פון די בריי־טע מאַסן, דירעקט די אידישע, אין דער רעפּובליק, ווי די אַלגעמיין ארגענטינישע און פון די ברייטע אידישע מאַסן איבער דער גאָרער

וועלט, וואס ליגן זייערע האפענונגען אויפן נצחון פון דער ארבעטער־שאפט. דער פאקט איז, אז זינט „די פרעסע" איז געגרינדעט, 1טער יאנואר 1918, ביז היינט, האט זיך פון איר נישט אפגעטון אט די סימפאטיע און דער צוטרוי. איך זאג עס דא נישט צוליב זעלבסטבא־רימעריי, נאר אלס פאקט, וואס מוז פארצייכנט ווערן אין דער גע־שיכטע פונעם אידישן ישוב, ווי א באווייז פון די אינטערעסן און פון די שטימונגען, וואס האבן באהערשט און באהערשן גרויסע שיכטן אידישע באפעלקערונג אין ארגענטינע. די גרינדונג און עקזיסטענץ פון „די פרעסע" איז געווען א ברייטער געזעלשאפטלעכער ענין פון העכסטער וויכטיקייט אין די יארן 1917—1918 און ווייטער.

אויסגעצייכנט האבן זיך אויך די מלחמה־יארן מיט א גרויסער הילפס־אקציע פאר די אידן אין אייראפע, וואס האבן געליטן פון דער מלחמה. אט די הילפס־אקציע, וויכטיק ווי זי איז געווען פאר די וואס האבן זיך אין איר גענויטיקט, איז זי נישט ווייניקער וויכטיק געווען פאר די אידן אין ארגענטינע אלס פאקטאר פאר דער מאביליזירונג און ארגאניזירונג פונעם אידישן ישוב צו איין אידיש־נאציאנאלן ציל. מיט דער צייט, אויף וויפל עס האט זיך גענומען אויסקריסטאליזירן די לאגע פון די אידן אין רוסלאנד, אין פוילן און אויף וויפל עס זיינען קלאר געווארן די באדערפענישן פון די פארשידענע שיכטן אין יענע ישובים און די ריכטונגען וואס די הילף האט אנגענומען, האט אויך דא די הילפס ארבעט אנגענומען פארשידענע ריכטונגען, און האבן דא קאנ־צענטרירט ארום זיך אלע שיכטן פון דער אידישער באפעלקערונג. ביז היינטיקן טאג איז די הילפס־ארבעט צווישן די ארגענטינער אידן פאר די מזרח־אידישע ישובים, אין די פארשידנסטע פארמען פון מאבילי־זאציע און ארגאניזאציע און דער עיקר, פון סאלידאריטעט, נאציאנא־לער און מענטשלעכער, וואס קניפט אן אונדזער ישוב מיט די שטארקס־טע פעדעם צו דער אלגעמיינער אידישער וועלט.

דער אנהויב פון דער הילפס־ארבעט איז באצייכנט מיט דער גרינ־דונג פון א „קאמיטעט פאר די מלחמה־קרבנות" אין חודש פעברואר 1915, מיט פארשטייער פון כמעט אלע בוענאס איירעסער פאריינען, אונטערן פארזיץ פון יעקב יאסעלעוויטש, וואס האט אין א צייט פון א פאר וואכן געזאמלט צען טויזנט פעזעס. און זיי באלד אוועקגעשיקט

קיין ניו־יאָרק צום „סענטראַל רעליעף קאָמיטעט”, וואָס האָט אין נאָרד אַמעריקע געפירט אַן ענלעכע אַרבעט. באַלד דערויף האָבן זיך געגר־מען גרינדן אין שטאָט גופא סוב־קאָמיטעטן אין אַלע געגנטן, וואו עס האָבן געוואוינט אידן, אין די קאָלאָניעס און אין די שטעט און שטעט־לעך איבערן גאַנצן לאַנד און עס איז נויטיק געוואָרן אַ צענטראַלע קערפערשאַפט, וואָס זאָל מיט דער אַרבעט אָנפירן. אין דעצעמבער 1915 ווערט געגרינדעט דער „צענטראַל קאָמיטעט צו הילף די מלחמה געליטענע”. אַלס ערשטער גרויסער אַקט פון דעם קאָמיטעט איז אָר־גאַניזירט געוואָרן אַ „בלימל טאָג”, וואָס האָט אײַנגעבראַכט 12.000 פעזעס און איז געווען אַ הערלעכע מאַניפעסטאַציע פון דער אידישער קאָלעקטיוויטעט אין אונדזער קאָסמאָפּאָליטישער הויפּט־שטאָט. אַ מאַ־ניפעסטאַציע, וואָס האָט אַרויסגערופן צו די אידן אַ וואַרימע סימפּאַ־טיע. די זאַמלונגען פאַר די מלחמה־געליטענע זײַנען געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד אַ הייליקער חוב פון יעדן אידן. אונטערגעקומען איז דער פאַקט, וואָס די מלחמה האָט אײַנגעבראַכט קיין אַרגענטינע אַן אויפ־לעבונג, וועגן וועלכער מיר וועלן שפּעטער ריידן, און פון וועלכער אַ סך אידן האָבן גענאָסן. געזאַמלט געוואָרן איז אינעם ערשטן יאָר, ביז אַרום מיטן 1916, ניינציק טויזנט פעזעס, וואָס מען האָט אָפּגעשיקט צום „סענטראַל רעליעף קאָמיטעט” אין ניו יאָרק, מיט דער אָנווייזונג זיי צו פאַרטיילן אויף פאָלגנדן אופן: 35 פּראָצענט פאַר די רוסישע אידן, 35 די פּוילישע, 10 פאַר די גאַליציאַנער און 20 פאַר פּאַלעס־טינע.

די פאַרטיילונג האָט אַרויסגערופן אַן אומצופרידנקייט צווישן די קעגנער פונעם ציוניזם, וואָס האָבן געטענהט, אַז אמת, דער ישוב אין פּאַלעסטינע האָט געליטן פון דער מלחמה, מחמת עס האָבן אויפגע־הערט אַרײַנפליסן די סומעס פון די מלחמה־לענדער, אָבער באַרויבן צוליב פּאַלעסטינע די דירעקטע קרבנות פון דער מלחמה, אלמנות און יתומים, פאַרטריבענע פון זייערע היימען אידן פון די פראָנט־געגנטן, וואָס די שילדערונגען וועגן זייער אומגליק האָבן זיך דערטראָגן צו אונדז און יעדן אײנעם אויפגעשוידערט, טאָר מען נישט. צו די טענות איז שפּעטער צוגעקומען דער לאָזונג „פּראָדוקטיווע הילף”, העלפן די קרבנות זיך אײַנאָרדענען און זיי געזונט מאַכן. אויף דעם געביט האָבן

געארבעט די געזעלשאפטן „ארט" און „אזע" אין רוסלאנד, אייגנטלעך אין אוקראינע און אין פוילן און ליטע, און די פראגרעסיווע געזעלשאפטלעכקייט אין נארד אמעריקע, די אידישע ארבעטערשאפט און אינטעליגענץ האט די ארבעט געשטיצט דורך דעם „פיפלס רעליעף קאמיטעט" (פאלקס הילפס קאמיטעט) און די אידישע פראגרעסיווע געזעלשאפטלעכקייט אין ארגענטינע האט גענומען פאדערן, אז דער ארגענטינישער צענטראל קאמיטעט זאל שיקן די געזאמלטע געלטער צום „פיפלס רעליעף". אין יענער צייט איז אויך באקאנט געווארן אין ארגענטינע די גרינדונג פון די וועלטלעכע שולן אין פוילן דורך י. ל. פרץ, דינעזאן און רייכמאן, שולן, וואס האבן געגעבן דער אידישער ארעמקייט נישט נאר וויסן פאר זייערע קינדער, נאר אויך עסן און א מלבוש און אז זיי ווערן געשטיצט פונעם „פיפלס רעליעף", און די אומצופרידנקייט מיט דעם ארגענטינישן צענטראל קאמיטעט איז נאך שטארקער געווארן.

אויפן גרונט פון די אומצופרידנקייטן, האט זיך געפירט א פאר־ביסענער קאמף אין דער אידישער געזעלשאפט, וואס האט אבער בשום אופן נישט געשטערט די זאמלונגען. א צווייטער גרויסער אויפטו פונעם צענטראל קאמיטעט פאר די מלחמה ליידנדע איז געווען, שוין אין 1918 א זאמלונג פון גענוצטע קליידונג און שיך, וואס איז ווידער געשיקט געווארן דורך דער פארמיטלונג פונעם „דזשאינט" קיין פוילן.

די ידיעה וועגן דער פאגראמען־כוואליע אין אוקראינע, וואס האבן באגלייט סיי די מלחמה, סיי דעם בירגער־קריג אונטער די פארשידענע באנדיטישע אטאמאנען און באטקאס, האט דא געבראכט צום לעבן א פארבאנד פון אוקראינישע אידן, וואס האט אויך געפירט א הילפס־אקציע דורך זאמלונגען און האט זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט דער אמעריקאנישער דעלעגאציע, וואס איז אויף א טראגישן אופן אומגעקומען אין אוקראינע, האט געפלאנעוועט שיקן פון זיך א דע־לעגאציע און דערנאך געשטאנען אין פארבינדונג מיט דעם „אידגעז־קאם", דער ערשטער אידישער געזעלשאפטלעכער קאמיטעט אינעם ראטנפארבאנד, וואס האט געווארפן דעם לאזונג פון איבערפירן די דעקלאסירטע אידן פון רוסלאנד צו ערד־ארבעט און אינדוסטריע.

די הילפס־ארבעט, וואס האט זיך אנגעהויבן אין 1915, איז זיך

שפּעטער פונאַנדערגעגאַנגען אין צוויי קעגנזעצלעכע ריכטונגען, וואָס דער אויסגאַנגס־פּונקט זייערער איז געווען די באַציאונג צו דער אידישער פראַגע אינעם ראַטנפאַרבאַנד. פון איין זייט האָט אַ גרופּע „פּעטערבורגער" כלל־טוער מיט די געזאַמלטע הילפס־געלטער גענומען שטיצן די ווייס־גוואַרדיישע גענעראַלן, קויפן זייער גוטהאַרציקייט צו די אידן אויף דעם פאַל זיי וועלן ראַטעווען רוסלאַנד פון די באָלשעוויקעס און ווערן דאָרט די הערשער און געשיקט אַהער זייערן אַ פאָרשטייער, אַ געוויסן אַלעקסאַנדער גאָלדשטיין, דאָ צו באַקומען געלט דערפאַר, און ער האָט דאָס אויך באַקומען פון די געזאַמלטע הילפס־געלטער. פון דער צווייטער זייט האָט דאָ אַלץ מער און מער געוואונען די סימפּאַטיע פון דער אידישער באַפעלקערונג די אַרבעט פונעם „איד־געזקאָם", שפּעטער „געזערד", וואָס האָט געהאָלפן דער ראַטנמאַכט צו באַזעצן אידן אויף ערד און אַריינפירן זיי אין דער אינדוסטריע און אין דער מלוכהשער בויאונג. די ערשטע ריכטונג איז באַלד אונטערגעגאַנגען, באַלד ווי זי איז אויף אַ סקאַנדאַליעזן אופן אויפגעדעקט געוואָרן און די צווייטע ריכטונג עקזיסטירט אונטער פאַרשידענע גלגולים ביז היינטיקן טאָג און וואַרט אויף אַ גינסטיקערן מאָמענט זיך אויסצעוויקלען ווי זי פאַרדינט. נאָר וועגן דעם שפּעטער, ווען מיר וועלן ריידן וועגן די ווייטערדיקע עטאַפּן פון דער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

דאָס יאָר 1915 פאַרצייכנט אינעם אַרגענטינישן אידישן ישוב אַ פּרואוו צו אָרגאַניזירן די אידישע קולטור־אַרבעט דורך אַ קאָנגרעס, פאַררופן פונעם קולטור־צענטער און ביבליאָטעק „מאַקס נאָרדוי" אין לאַ פּלאַטאַ. דער קאָנגרעס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאַ פּלאַטאַ אין נאָוועמבער 1915. עס האָבן זיך אין אים באַטייליקט 14 קולטור־צענטערן פון דער הויפּט־שטאָט און פון דער פּראָווינץ, אחוץ שריפטלעכע אָנשליסונגען פון אַנדערע צען. דער קאָנגרעס האָט אָבער נאָך זיך גאָרנישט איבערגעלאָזן, נישט קיין אָרגאַניזאַציע און אויך נישט קיין ווירקונג דורך פּראָקלאַמירטע לאָזונגען. זיינע איניציאַטאָרס האָבן געהאַט צו דער אידישער קולטור אַ ריין טעכנישן צוגאַנג און האָבן זיך אויך געשטעלט ריין טעכנישע צילן, וואָס די אומשטענדן האָבן נישט דערלויבט דורכצופירן.

אין דעם קאָנגרעס האָבן זיך נישט באַטייליקט די קולטור־פּאַרטייען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון די פּועלי ציון, דעמאָלט דער גרעסטער קולטור־כוח אין לאַנד. פון דער הויפּט־שטאָט האָבן אינעם קאָנגרעס אנטיילגענומען די ביבליאָטעק „פּראָגרעס״ און „וויזשאַ קרעספּאַ״ און די „ראַציאָנאַליסטישע געזעלשאַפט״, וועלכע האָט זיך דאָס יאָר געהאַט געגרינדעט אַלס פּאָרזעצונג פון דער אונטערגעגאַנגענער גרופּע „זוכער פון אמת״, וועלכע איז פון איר זייט געווען אַ פּאָרזעצונג פון „אַרבעטער פריינד״.

צו די ביבליאָטעקן קומט צו אין 1916 די „אידישע פרייע ביבליאָטעק״, מיט עלעמענטן פון דער געוועזענער גרופּע „אַרבעטער פריינד״ און פּועלי ציון.

אין פעברואַר 1916 ווערט אָפּגעהאַלטן אין דער הויפּט־שטאָט דער ערשטער אידישער קאָנגרעס אין אַרגענטינע. אַרויסגעקומען איז די איניציאַטיוו פון דער ציוניסטישער זייט און האָט אויך באַקומען אָנהענגער צווישן די ניט־ציוניסטן און סתם אידן, צוליב דער גרויסער צאָל פראַגן, וואָס די מלחמה האָט אַרויסגערופן אינעם אידישן לעבן בכלל, וואָס סיי ציוניסטן און סתם אידן האָבן געהאַט אַן אינטערעס צו באַווירקן מיט דער שטימע פון נאָך איין אידישן קיבוץ און צוליב אַ ריין לאָקאַלן אינטערעס, וואָס מען האָט גערעכנט צו קענען לייזן אויף אַ אידישן קאָנגרעס.

דער ערשטער שטוים איז געקומען אויף דער אָנרעגונג פון דעם אידישן קאָנגרעס, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין נאָרד־אַמעריקע צוליב די זעלבע צילן: אַרויפברענגען די אידנפראַגע ביי דער פרידנס־קאָנפערענץ נאָך דער מלחמה. אחוץ פראַגן וואָס זיינען דירעקט פאַרבונדן געווען מיט דער מלחמה, ווי דעקן די היזקות וואָס אידן האָבן געליטן אַ דאַנק די ספּעציפישע מאָסמיטלען, וואָס די צאַרישע סטראַטעגן האָבן אָנגענומען בנוגע אידן, האָט מען אינזינען געהאַט די פראַגע פון גלייכבאַרעכטיקונג, פון מינדערהייטן־רעכט און אויך פון דער „עפנטלעך רעכטלעך געזיכערטער היים״, וואָס די באַזעלער פּראָגראַם האָט געפאָדערט. וועגן דעם ענין איז אַרויסגעקומען מיט אַ ווענדונג צו דער וועלט מאַקס נאָרדוי, וועלכער איז דעמאָלט געזעסן אין מאַדריד, אַן אַרויסגעשיקטער פון פראַנקרייך אַלס אונגאַר, און פון אַ צווייטער זייט אַ רוימישער

קאָמיטעט אונטער אַ לאָזונג „פּראָ קאַוזאַ זשודאַיקאַ“, אין באַשטאַנד פון לואידזשי לוצאַטי, אַטאַלענגי, סאַבאַטינאַ, לאָפּעז, א. א. איטאַליענישע אידן, וואָס האָבן אויסגענוצט דערצו די איטאַליענישע נייטראַליטעט פאַר איר אַריינטרעטן אויף דער זייט פון דער אַנטאַנט. די אַמעריקאַנער ציוניסטן האָבן באַקומען די צושטימונג פון מיסטער ווילסאָן צו דער באַוועגונג. די אידישע פּובליציסטיק אין אַמעריקע ווי אין איירּאָפּע האָט זיך דעמאָלט כמעט מיט קיין אַנדער זאַך נישט באַשעפטיקט און דער קאָנגרעס האָט כמעט קיין קעגנער נישט געהאַט. דער „פאָרווערטס“, וועלכער איז נאָך דעמאָלט געווען אַנטיציוניסטיש, האָט אויך מסכים געווען און ווען מען האָט שפּעטער געשיקט אַ דעלעגאַציע קיין פּאַריז, איז צווישן איר געווען אויך דער אַלטער מאָריס ווינטשעווסקי. בער באָראָכאָוו, וועלכער איז דעמאָלט געווען אין ניו יאָרק, האָט זיך אין דער באַוועגונג אַריינגעוואָרפן מיט זיין גאַנצן ברען און טאַלאַנט. אויך דאָ אין אַרגענטינע האָט די אידייע פון אַ קאָנגרעס פון דער זייט נישט אַרויסגערופן קיין גרויסע קעגנערשאַפט. די איינציקע קעגנער זיינען געווען די בונדיסטן פון דער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד“.

די אָרגאַניזאַציע איז געווען פאַרטראָטן אינעם אָרגאַניזיר־קאָמיטעט פונעם קאָנגרעס, נאָר אַזוי ווי דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעשטעלט אַ מאָדוס, אַז אינעם קאָנגרעס קענען זיך באַטייליקן נאָר די וואָס זיינען פאַר דער אידישער גלייכבאַרעכטיקונג אומעטום וואו זיי וואוינען און פאַר אַן אויטאָנאָמער טעריטאָריע וואו אידן זאָלן פירן אַן אייגן נאַציאָנאַלן לעבן, האָט זי זיך צוריקגעצויגן, מיט דעם מאָטיוו, אַז דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט רייסט זיך אַריין אין די רעכטן פונעם קאָנגרעס.

די לאָקאַלע פראַגע, וואָס מען האָט גערעכנט לייזן ביי דעם קאָנגרעס, איז געווען די אָרגאַניזירונג פון אַ אידישער קהילה אין בוענאָס איירעס. די פראַגע איז שוין פון לאַנג געשטאַנען אויפן טאָג־אָרדענונג פון דער בוענאָס איירעסער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט. די יאַהודים, שוין נישט מער די עלזאַסער און דייטשע אידן אַליין, נאָר מיט אַ גוטן צומיש פון אַרויפגעאַרבעטע מזרח־אידן, האָבן געהאַט אַ פּאַרטיקע קאָנגרעגאַציע מיט אַ פּאַרטיקן ראַבינער — אַ פאָרשטייער מיט אַ צילינדער און מיט פראַנצויזישע „רעליגיעזע קורסן“, וואָס האָבן

געהאט א השפעה אָדער האָבן געקענט אָנדריקן אויף דער גרויסער צאָל געגנטלעכע שולן, וואָס זי האָט געשטיצט זייערע תלמוד תורות; א נישט קליינער כוח איז געווען די איקא, וואָס איז געשטאַנען אויף דער זייט פון דער קאָנגרעגאַציע; א כוח זיינען אויך געווען די דאַמען פונעם „אידישן דאַמען פאַריין" ביי דער קאָנגרעגאַציע, וואָס האָט אחוץ דער צדקה־אַרבעט, שוין געהאַלטן ביי עפענען דעם יתומות־אַזיל, וואָס ער האַלט אויס. פון דער אַנדער זייט אָבער איז געשטאַנען די חברה קדישא, וועלכע האָט פון שטענדיק אָן געהאט די גרעסטע צאָל מיטגלידער צווישן אַלע אידישע חברות. אין יענעם יאָר האָט זי געציילט 4.200 מיטגלידער מיט א ריינער הכנסה פון 3000 פעזעס א חודש און מיט א פאָנד פון 210 טויזנט און איז איינגעשטאַנען אין די הענט פון מזרח־אידן, רייכע אָבער דאָך פאָלקס־מענטשן און ציוניסטן. די פאָלקס־מענטשן האָבן גערעכנט צו קענען פאַרוואַנדלען די חברה קדישא אין א גרויסן הילפס־פאַריין פאַר אלמנות און יתומים און זאָל אין דער זעלבער צייט קענען ריידן ביי אַלגעמיינע ענינים אין נאָמען פון אַלע אידן; די ציוניסטן האָבן געהאט דעם ציוניסטישן געבאָט פון „כבוש הקהילות" (דעראָבערן די אידישע געמיינדעס) און האָבן דאָס גערעכנט צו דערגרייכן דורך א פעדעראַציע פון אַלע אידישע אינסטיטוציעס מיט דער חברה קדישא אין דער שפּיץ, זייענדיק זיכער, אַז אין אַזא פעדעראַציע וועט די העגעמאָניע זיין א ציוניסטישע. די וועלטלעכע טייל פון דער אידישער באַפעלקערונג, די אַרבעטער, זיינען נישט געווען קיין מיטגלידער אין דער חברה קדישא און נישט אין די אַנדערע חברות, וואָס מען האָט גענומען אין באַטראַכט ביים גרינדן די פעדעראַציע, וואָס איר אויסזיכט איז געווען צו ווערן די רעפּרעזענטאַנץ פון די אידן אין אַרגענטינע פאַר דער רעגירונג, ווי פאַר די באַציאונגען מיט די אידישע ישובים פון די אַנדערע לענדער, און זיי האָבן דעריבער גע־קוקט אויף דער גאַנצער זאַך ווי אויף א שטערונג צו אויספירן די מאַכט איבער דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג און ריידן אין איר נאָמען אַזעלכעס, וואָס קיינער האָט זיי דערצו נישט באַפולמעכטיקט. די טענה פון די אָנהענגער פון א רעפּרעזענטאַנץ, איז געווען, אַז איבער דעם פעלן פון אַן אויטאָריזירטער אידישער פאָרשטייערשאַפט, נעמען זיך דאָס רעכט צו ריידן אין נאָמען פון דער אידישער באַפעלקערונג

מענטשן, וואָס ברענגען מיט זייער אויפֿירונג שאָדן. דערויף האָבן די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס אָנגעוויזן, אַז דעם גרעסטן שאָדן פֿאַר די אידישע אַרבעטער וואָלט געבראַכט די באַלעבאַטיש־ציוניסטישע רעפּרעזענטאַנץ. די דאָזיקע פֿראַגע האָט צוליב דער גרויסער קעגנערשאַפֿט דער אָרגאַניזיר־קאָמיטעט נישט אַרויפֿגעשטעלט אויפֿן טאָג־אָרדענונג. זי איז אַרויפֿגעבראַכט געוואָרן ערשט ביים קאָנגרעס דורך אַן אָפּשטימונג.

עס איז פֿאַרשפּאָרט שוין צו זאָגן, אַז די ערשטע צוויי פּונקטן האָבן קיין קעגנער נישט געהאַט. די 110 דעלעגאַטן, וואָס האָבן צוזאַמענגעשטעלט דעם קאָנגרעס, האָבן איינשטימיק די פּונקטן אָנגענומען, אַלע האָבן געשטימט פֿאַר גלייכבאַרעכטיקונג און פֿאַר פּאַלעסטינע אַלס אידיש לאַנד. אַ דעבאַטע האָט זיך ערשט אָנגעהויבן ביי דער קהילה־פֿראַגע, וואו עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלע קעגנזאַצן און ווידערשפּרוכן אירע. געבליבן איז, אַז מען דאַרף דעם ענין ערשט שטודירן און מען האָט זי איבערגעגעבן צו אַ קאָמיסיע פֿון 36 מענטשן, וואָס וועגן זייער אַרבעט וועלן מיר שפּעטער ריידן. אַחוץ די דאָזיקע רעזאָלוציעס, האָט מען אָנגענומען דאַנק־רעזאָלוציעס, אַ רעזאָלוציע צו בעטן ביי דער רעגירונג זי זאָל שטיצן ביי דער פֿרידנס־קאָנפֿערענץ די אידישע פֿאָדערונגען, אַ רעזאָלוציע, אַז אידן פֿירן נישט קיין פּאָליטיק אין אידישן נאָמען, נאָר אינדיווידועל אַלס אַרגענטינישע בירגער א. א.

אַ פֿאָרשלאַג, אַריינגעטראָגן פֿונעם מחבר פֿון די שורות, אַלס דעלעגאַט פֿון דער הויפּט־שטאָט, געשטיצט פֿון די פּראָגרעסיווערע פֿאָרטרעטער, צו גרינדן אַ סטאַטיסטישן ביוראָ און אַ קאָמיטעט פֿאַרן שטודיום פֿונעם אידישן עקאָנאָמישן לעבן אין אַרגענטינע, האָט דער קאָנגרעס אָפּגעוואָרפֿן. שפּעטער האָט דעם פּראָיעקט אַרויפֿגעבראַכט אויפֿן טאָג־אָרדענונג פֿונדער אידישער געזעלשאַפֿטלעכקייט דער איקאַ־דירעקטאָר שטאַרקמעט.

דער קאָנגרעס, ווי די אידישע הילפֿס־אַרבעט, האָבן ביידע שוין דעמאָלט אונטערגעשטראָכן דעם אידישן ישוב אין אַרגענטינע אַלס אָרגאַניזירטע און טאַט־קרעפֿטיקע קערפּערשאַפֿט, סיי פֿאַר דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג אין לאַנד, סיי פֿאַר דער אידישער וועלט.

סאָציאַלע הילף. — לאַנדסלייט פאַריינען

צו די אידישע הילפס־אינסטיטוציעס, וואָס זיינען ביז דעמאָלט טעטיק געווען אין דער הויפּט־שטאָט: „ביקור חולים", „עזרה", דאַמען הילפס פאַריין" ביי דער קאָנגרעגאַציע און „פרויען הילפס פאַריין", קומט צו אין סעפּטעמבער 1915 נאָך איינע און זייער אַ כאַראַקטעריס־טישע, דער בית יתומים און מושב זקנים. די אידישע איינוואַנדערונג, וואָס איז באַשטאַנען כּמעט דורכויס פון יונגע, קרעפטיקע און אַרבעט־זאַמע בחורים אָדער יונגע פאַמיליעס און מענטשן אין זייער בליענ־דיקן עלטער, האָט אָנגעהויבן געבן איר צינז דעם טויט און דער על־טער.

די נויט און די קראַנקייט — נאַטירלעך, נישט אין דער מאָס ווי אין די אַלטע אייראָפּעישע אידישע ישובים, וואו עס האָט זיך געביל־דעט אַ קאַטעגאָריע טיפע אָרעמקייט, וואָס לעבט פון קצבה. און נערט די פילאַנטראָפּיע מיט קליענטן, באַגעגנען מיר שוין אין די ערשטע יאָרן פונעם אידישן ישוב, אָבער, ס'איז גענוג אַ קוק צו טאָן אויף די נעמען וואָס די ערשטע אידישע הילפס־אינסטיטוציעס אין בוענאָס איירעס האָבן געטראָגן, אויף צו זען, אַז די נויט האָט זיך נאָך נישט געהאַט איינגעגעסן אין דער טיף זיינעם, די נויט ווי די קראַנקייט זיינען צופעליקע, צייטווייליקע. פון 1892 ביז 1900 טראָגט „עזרה" דעם נאָמען „אונטערשטיצונגס קאַסע", וואָס מיינט: אַרויסהעלפן אין אַ נויט און נישט טיילן צדקה. און אויך דער נאָמען „עזרה", מוז גע־זאָגט ווערן, קומט גיכער פון דעם דראַנג צו ווערן „מיט לייטן גלייך", נאָכצוטאַנצן די אַלטע אידישע געמיינדעס מיט זייערע טראַדיציאָנעלע אינסטיטוציעס און אויך פון דער אַרויפגעאַרבעטקייט פון די מיטגלי־דער, וואָס זיי איז פרעמד געוואָרן דער צוגאַנג פון די ערשטע גרינדער פון דער אונטערשטיצונגס קאַסע און עס האָט זיי געלאָקט די ראָל פון פילאַנטראָפּן, וואָס האָבן שטענדיקע מקבלים און טיילן אויף פסח „מעות חיטין". דאָס אייגענע איז מיט דעם „ביקור חולים", וואָס האָט פון 1896, ווען ער האָט זיך געגרינדעט, ביז 1905, ווען ער האָט רע־פאָרמירט זיינע סטאַטוטן, זיך גערופן „אידישער אַרבעטער פאַריין פאַר קענגזייטיקער הילף" און האָט אַחוץ קעגנזייטיקער מעדיצינישער הילף

פאר די מיטגלידער, זיך פארנומען מיט ארבעטס נאכווייז און מיט קולטור־ארבעט, מיט ביבליאטעק און רעפעראטן. און אויך נאך 1905, ווען ער האט שוין זיין ביבליאטעק באגראבן אין א קאסטן און די רע־פערענטן פארביטן אויף חזנים, וואס אונטערהאלטן דעם ימים־נוראימ־דיקן עולם, האט ער זיך נאך נישט אנטשלאסן צו ווערן א דורכויס פילאנטראפישער פאריין און האט געהאט צווייערליי מיטגלידער, רייי־כערע און ארעמערע, געבנדיקע און נעמענדיקע. דערצו האט זיך פראק־טיצירט צווישן דעם פריש אנגעקומענעם עולם דאס גאנץ פרימיטיווע הילפס־מיטל, די פאטשיילע. אין די רעסטאראנען פלעגט מען אפט צוקומען צו אייך מיט א טיכל אדער אן א טיכל: „פאר א קראנקן אר־בעטער" אדער מען פלעגט נעמען ביי די ארטיסטן — און דאכט זיך, אז נאך היינט — א בענעפיט פאר א פאמיליע פון א פארשטארבע־נעם ארבעטער.

דער געגרינדעטער בית יתומים און מושב זקנים, האט ווי געגעבן צו וויסן, אז מיר זיינען שוין נישט קיין גרינע אין לאנד און אז „מיר זיינען שוין אויך נישט קיין אינגעלעך", אז מען מוז שוין זארגן פארן „ככלות כוחינו", ווען מען ווערט אן די כוחות אויף דער עלטער און קיין קינדער זיינען נישט געבליבן אדער זיינען נישט בכוח זיי אויסצו־האלטן. עס האבן זיך שוין אויך אנגעקליבן א היפשע צאל פאלן ווען קליינע קינדער זיינען געבליבן קיילעכדיקע יתומים אדער אן א פא־טער און זיי זיינען אריינגעפאלן אין די שטאטישע אזילן, וואו די אויפציכט איז א קאטוילישע. די ערשטע יתומים אין דעם אנשטאלט זיינען דעריבער געווען אזעלכע, וואס די פארוואלטונג האט דורך השתדלות ארויסגענומען פון די קאטוילישע אזילן און דער ערשטער זקן דארט איז געווען אויך איינער אזא, וואס האט זיך ביז דעמאלט אויפגעהאלטן אין א קאטוילישן אזיל. דער צווייטער איז געווען איינער פון זיינע גרינדער, דער וועטעראן פון דעם אידישן ציימונגס־וועזן אין ארגענטינע, אברהם ווערמאנט, וואס האט אלע זיינע יארן געפירט אן עלנט לעבן, א לעבן פון א באהעמע. דער מושב זקנים האט אנגע־הויבן אריינצונעמען די אינוואלידן פון דער קאלאניזאציע, וואס האט זיי געשאפן נישט ווייניק און אן כוח געבליבענע באלמעלאכעס און טאטעס און מאמעס, וואס האבן אויף דער ערטער נישט געקענט מער

בלייבן אין די שטיבער פון זייערע „פאַרגוויעשטע" קינדער. דער בית יתומים האָט שפּעטער אויפגענומען ביי זיך אַ גרויסע צאָל יתומים פאַרבליבענע פון די אוקראַינישע פּאָגראָמען, אַריבערגעבראַכטע מיט דער הילף פונעם צענטראַל קאָמיטעט פאַר די מלחמה־געליטענע און דער דאָפּלטער אַנשטאַלט מוז זיך אַלץ פאַרגרעסערן מיט נייע בנינים כדי צו קענען אויפנעמען די וואַקסנדיקע צאָל עלנטע יתומים און זקנים, דעם צינז, וואָס דער וואַקסנדיקער אידישער ישוב צאָלט דעם טויט און דער עלטער.

אין 1916 קומט אויף נאָך איין הילפס־אינסטיטוציע, די „אידיש־אַרגענטינישע ליגע קעגן טובערקולאָזיס", אַן אינסטיטוציע, וואָס האָט אַנגעזאָגט דעם אידישן ישוב אין אַרגענטינע נאָך איין טרויעריקע בשורה: אַ סך פון אונדזערע יונגע קרעפטיקע בחורים, מיידלעך און פאַמיליען־מענטשן אין בליענדיקן עלטער, איינגעוואַנדערטע פאַר דעם לעצטן צענדליק יאָר, האָבן פאַרלוירן זייערע כוחות, זיינען בלום־אָרים געוואָרן ביי די ניי־מאַשינען, ביים „לוסטרירן" דאָס מעבל און פון דעם לעבן אין די ענגע לופטלאָזע און נישט היגיענישע וואוינונגען און אַז עס איז אונדזער מענטשלעכער חוב זיי באַזאָרגן מיט קרעפטיקונג און מיט פרייער לופט ערגעץ אין די בערג אָדער אַרויס דער שטאָט. צוועלף גוטע מענטשן האָבן די אינסטיטוציע געגרינדעט. היינט זיינען אירע מיטגלידער אין די טויזנטער און די וויכטיקייט פון איר אַרבעט איז נישט אָפּצושאַצן נאָך אין איר גאַנצער גרויס.

מען קען נישט פאַרבייגיין דעם פאַקט פון דער אידיש־אַרגענטינישער ליגע קעגן טובערקולאָזיס" און נישט אָפּשטעלן זיך אויף דעם קאַמף וואָס האָט זיך אַרום איר געפירט אין אירע ערשטע יאָרן עקזיסטענץ, ביז סוף 1925, פאַר העגעמאָניע צווישן צוויי געזעל־שאַפטלעכע שיכטן. אירע גרינדער זיינען געווען פשוטע סענטימענ־טאַלע מענטשן, נאָר אָרימע, וואָס זייער ווירקונגס־קרייז איז אויך געווען צווישן די אָרימע שיכטן. דער מיטגליד־אָפּצאָל איז געווען 50 סענט און די קראַנקע האָט מען אַרויסגעגעבן פּראָדוקטן געזאַמלטע אין די אידישע קליימלעך. זייער שווער איז אָנגעקומען ביז מען האָט איינגע־שטעלט אַן אָרימען קאַבינעט אויף צו באַטראַכטן די קראַנקע. און אויך האָט זיך די ליגע געהאַלטן ווייט פון דער אַלגעמיינער קהל־פּאָליטיק.

די ליגע האט זיך אבער ארויסגעוויזן פאר א זייער וויכטיקער אינס־טיטוציע, וואס קען זיך צעוואקסן און מוז זיך צעוואקסן און דערצו זאל זי אויך געבן כבוד דער אידישער קאלעקטיווימעט, ווי מען רופט עס אן, און אויך די וואס זיינען גרייט פאר כבוד עפעס צו געבן און צו מאכן געבן. און איצט איז די ליגע איינע פון אונדזערע גרויסע אינס־טיטוציעס.

צו יענער צייט געהער אויך די גרינדונג פונעם „פויליש־אידישן אגודת אחים", וואס האט זיך געשטעלט דעם ציל צו ארגאניזירן די פוילישע אידן, וואס וואוינען אין ארגענטינע, אויף דער באזע פון לאנדס־מאנשאפטלעכער קעגנזייטיקער הילף, אונטערהאלטונג און קולטורעלע אנטוויקלונג. די הויפט־כוונה, אבער, איז דערביי געווען: רעהאביליטירן די פוילישע אידן, וואס מען האט נאך אלץ געקוקט אויף זיי מיט חשד אין דער אידישער געזעלשאפט און דער עיקר ביים אויפנעמען זיי אלס מיטגלידער אין די אידישע אינסטיטוציעס און זיך באמיען אריינצו־דרינגען, צוליב דעם זעלבן צוועק, אין די פארוואלטונגען זייערע. מען דארף באמערקן, אז די שטערונג, וואס די פוילישע אידן האבן בא־גענגט צו פארנעמען אנפירנדיקע אמטן אין די באלעבאטישע אינסטי־טוציעס, איז געווען אויך דאס, וואס זיי זיינען מערסטנס געווען באל־מעלאכעס און די פירנדיקע ראל האבן געשפילט אין אלע חברות די הורטאוונע קרעמער און געלט־מענטשן, אין לעצטן פאל „קוענטעניקעס". א פוילישער איד, וואס איז געשטאנען מיט א טוך־געשעפט אויף קא־ריענטעס, איז געווען, פארקערט, זייער א געוואונטשענער קאמיסיאנס מיטגליד אין וועלכער עס איז חברה.

אין איינעם אן ארטיקל אינעם פערטן אלמאנאך פונעם פויליש־אידישן פארבאנד אין ארגענטינע פאר דעם יאר 1928, ווי דער „אגודת אחים" האט זיך שוין דעמאלט גערופן, האב איך אויפן גרונט פון א מיטגלידער־רשימה זיינער, אנגעוויזן אויף דעם סאציאלן באשטאנד פון די פוילישע אידן אין ארגענטינע. די רשימה האט געוויזן, אז אין אט דעם קליינבירגערלעכן פאריין, וואס פראלעטאריער האבן פון אים נישט געהאלטן, איז אויף 232 מיטגלידער אין 1924 געווען בלויז 25 הענד־

לער און די איבעריקע זיינען געווען באַלמעלאָכעס — 130, פּראָלע־טאַריער און אַמבולאַנטן 78.

אַט די פאַרהעלטעניש, דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, הערשט אינעם סאָציאַלן באַשטאַנד פון כמעט אַלע לאַנדסלייט פאַריינען, וואָס האָבן זיך נאָכדעם געגרינדעט און שטעלן מיט זיך פאָר די אָרגאַניזאַציעס פונעם אידישן פאָלקס מענטשן.

אַזוי ווי די גרינדונג פונעם „פּויליש־אידישן אגודת אחים" איז זיך צונויפגעפאַלן מיט דער אָנגעהויבענער אַרבעט פאַר די מלחמה־געליטענע, האָט דער פאַריין גענומען אין דער אַרבעט גאָר אַ טיכטיקן אַנטייל און זיך אַזוי איַמפּאָנירט מיט זיין שנעלן וואוקס און מיט זיין טעטיקייט, אַז עס איז געוואָרן ביי אַ טייל חברות, ווי אַ מין פּראָגראַם־פּונקט צו די וואַלן, אַריינצונעמען אין זייערע פאַרוואַלטונגען כאָטש איינעם אַ פּוילישן אידן. די רעהאַביליטאַציע פון די פּוילישן אידן אין אַרגענטינע, דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, איז געווען נישט בלויז די זאָרג פון די פּוילישע אידן גופא, נאָר בכלל פון דעם פּראָגרעסיוון טייל באַפעלקערונג, וואָס האָט ביי זיך אַזאַ פּראָבלעם נישט געהאַט, און כאָטש דער וועג פון לאַנדסמאַנשאַפטלעכער אָרגאַניזאַציע איז דעם פּראָגרעסיוון טייל געווען נישט צום הארצן, מחמת זיי האָבן דעריין געזען אַ געפאַר פאַר דער פּראָפעסיאָנעלער אָרגאַניזירונג פון די אידי־שע אַרבעטער, האָבן זיי, אָבער, פון דער אַנדערער זייט, געזען אין דער רעהאַביליטירונג אַ וועג צו דער דעמאָקראַטיזירונג פון די אידישע אינס־טיטוציעס, וואָס זיינען מערסטנס געלעגן אין די הענט פון די אַזוי־גערופענע „קאַפּעליושן". מיטגעפילט האָבן זיי דעריין אויך, נישט־פּוילישע פאָלקס־מענטשן און טייל האָבן דאָס מאַניפעסטירט מיט אָנשליסן זיך אַלס מיטגלידער אינעם געגרינדעטן פאַריין פון די פּוי־לישע אידן. איצט איז דער „פּויליש־אידישער אגודת אחים" אַ פאַר־באַנד, וואָס נעמט אין זיך אַריין אַ גרעסערע צאָל פּוילישע לאַנדס־מאַנשאַפטן, האָט אַ באַנק, נאָר, צו דער טעטיקייט וועלן מיר זיך אומ־קערן שפּעטער, ווען מיר וועלן קומען צו די ווייטערדיקע עפּאָכן אין דער אַנטוויקלונג פונעם אידישן ישוב.

דער צווייטער לויט זיין פאַרנעם און לויט זיין געזעלשאַפטלע־כער אַקטואַציע אינעם אידישן ישוב, איז דער בעסאַראַבער לאַנדסלייט

פאריין, וואָס גרינדעט זיך אינעם זעלבן יאָר. ער נעמט באַלד דעם מיטמיקסטן אָנטייל אין דער הילפס־ארבעט פאַר די מלחמה־געליטענע, זאַמלט אַ גרויסע סומע און געווינט באַלד אַלעמענס סימפּאַטיע מיט זיינע איניציאַטיוועס. ער אָרדנט איין ביי זיך אַ ביבליאָטעק, שאַפט אַ אידישע סביבה פאַר דעם יונגוואַרג, העלפט זיינע מיטגלידער און בעסאַראַבער בכלל, לעגאַליזירן זייער בירגער־לאַגע דורך דעם רומעניש קאָנסולאַט און ווערט באַרימט מיט זיינע געלט־זאַמלונגען פאַר דער בעסאַראַבער אידישער אָרימקייט און געליטענע וואָס פאַרנעמט אַ וויכ־טיק אָרט אינעם קעגנזייטיקן קרעדיט־וועזן פונעם אידישן ישוב.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם בעסאַראַבער לאַנדסלייט פאַ־ריין, ווי פון די לאַנדסלייט פאַריינען אין ארגענטינע בכלל, זאָל דינען מיינע אָן אָפּשאַצונג אינעם ערשטן אַלמאַנאַך, וואָס דער לאַנדסלייט פאַריין האָט אַרויסגעגעבן אין 1930, אונטערן טיטל דער וועג פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ארגענטינע:

„איך געדענק אַז בעת עס האָט זיך געג־יינדעט דער ערשטער לאַנדסלייט פאַריין אין בוענאָס איירעס, האָב איך און אַנדערע חברים מיינע, געקוקט אויף אים ווי אויף אַ זייער נישט געוואונטשענעם גאַסט אין דער ארגענטינישער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט. מיר האָבן דע־מאָלט געהאַלטן אין ערשטן ברען פון בויען אונדזערע קולטור־אַנשטאַלטן, אַנשטאַלטן, וואָס דאַרפן אַרומכאַפּן און אריינציען אַלעמען און ווענדן אויף דעם וועג פון נאַציאָנאַלן שאַפן, פון מיטשאַפן די אידישע קולטור. ברענענדע נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע פּראָבלעמען זיינען גע־שטאַנען — און ווען שטייען זיי דען נישט — אויף דעם טאָג־סדר, וועלכע פאָדערן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס, און דאָ, זונדערט זיך אָפּ אַ הייפעלע מענטשן — ווי גרויס האָט דען געקענט זיין אין יענע צייטן אַ גרופּע מענטשן פון איין שטאָט, צי אַפילו פון איין קרייז אָדער געגנט פון דער אַלטער היים? — און מאַכן שבת פאַר זיך. עס איז אויסגעקומען ווי די גאַנצע וועלט מיט אירע פּראָב־לעמען, דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, זיין קולטור און נאַציאָנאַלע פראַגן, גייען אָן דעם הייפעלע מענטשן ווי דער פאַראַיאָריקער שניי: וואָס זיי אינטערעסירט איז בלויז דאָס היימישע פאַמיליען־לעבן, אויסגעברייַ־טערט אויף די באַקאַנטע פון זייער שטעטל אָדער פון זייער קרייז. און

דאָס זיינען דאָך געווען אין יענער צייט די לאַנדסלייט פאַריינען אין צפון־אַמעריקע, וואָס האָבן געדינט אַלס ביישפּיל פאַר אונדזערע. עס זיינען אונדז געשטאַנען פאַר די אויגן די אַנאָנסן אין די ניו יאָרקער אידישע צייטונגען וועגן „אנשי בני אַנטשעקראַק" און „אנשי בני האָצעפּלאָץ", וואָס זייער טעטיקייט איז באַשטאַנען אין האָבן אַ אייגן שולכל, וואו צו פּראַווען דאָס גבאות און די כיבודים פונעם אַלטן שטעטל און שטיצן אַן אייגענעם נויטבאַדערפטיקן מענטש. מיר האָבן געקוקט קרום אויף דער גרינדונג פון אָט די פאַריינען, און די באַדערפענישן פון די לאַנדסלייט אין היימישקייט, האָט זיך געטון אירם: די לאַנדסלייט פאַריינען האָבן זיך געגרינדעט, געוואַקסן און זיך אַנטוויקלט, אָבער אויסגעוואַקסן זיינען די דאָזיקע לאַנדסלייט פאַריינען נישט קיין „אנשי בני אַנטשעקראַק" און „אנשי בני האָצעפּלאָץ", מיט שולכלעך און מיט גבאות און כיבודים, ווי אין צפון־אַמעריקע, נאָר מיט ברייטע אויפגאַבן און מיט ברייטער טעטיקייט, וואָס פאַרכאַפּט אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע באַדערפענישן.

„די הילפס אַקציע פאַר די בעסאַראַבער געליטענע פון דער אומגערעטעניש האָט דערגרייכט אַ קאָלאָסאַלן דערפאָלג, אַזאַ וואָס די בעסאַראַבער אידן אין צפון־אַמעריקע האָבן דאָס ווייט נישט באַוויזן. געווען איז דאָס דערפאַר, וואָס די הילפס־אַקציע איז אויפגענומען געוואָרן פון דעם בעסאַראַבער לאַנדסלייט־פאַריין נישט אַלס לאָקאַלע זאַך וואָס אינטערעסירט בלויז די בעסאַראַבער לאַנדסלייט, נאָר אַלס אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע נויט. אַזוי האָט דאָס אויך אויפגענומען די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג אין דער רעפּובליק. דאָס אייגענע קען געזאָגט ווערן וועגן די הילפס־אַקציעס פאַר די באַדערפענישן פון די פּוילישן אידן. זיי ווערן אויפגענומען סיי מצד די עסקנים, סיי מצד די מנדבים, נישט אַלס לאָקאַלע באַדערפעניש וואָס אינטערעסירט בלויז די לאַנדסלייט, נאָר אַלס אַלגעמיין אידישע זאַך.

„מען קען זאָגן, אַז אַ געוויסן חלק דעריין, וואָס די לאַנדסלייט פאַריינען ביי אונדז זיינען נישט געוואָרן קיין שטעטלשע אָדער קריייזישע און די פּראָוואַנץ, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אַזעלכע צו גרינדן, האָבן זיך נישט איינגעגעבן, האָט דער פאַקט, וואָס די צאָל לאַנדסלייט פון די באַזונדערע שטעטלעך אָדער קרייזן איז קליין, בעת אין צפון־

אַמעריקע איז זייער צאָל געווען גרעסער; אָבער די דאָזיקע סיבה איז א גאַנץ אומבאַדייטנדע אַקעגן דער הויפּט־סיבה און דאָס איז דער פאַקט, וואָס זיי זיינען אויפגעקומען אין אַזאַ צייט, ווען געזעלשאַפט־לעכקייט און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט זיך שוין בשום אופן נישט געקענט אַריינפּאַסן אין די ענגע פיר אייַלן פון שטעטלשער היימיש־קייט. נאַציאָנאַלע און אינטערנאַציאָנאַלע באַוועגונגען. די אידישע קולטור־אויפלעבונג, וואָס האָט אַרומגענומען אַלע אידישע קיבוצים און ישובים, אַלגעמיינע נאַציאָנאַלע נויטן און אַקציעס, וואָס האָבן פּאַריי־ניקט אַרום זיך אַלעמען: די הילף פאַר די מלחמה־געליטענע, פאַר די געליטענע פון פּאָגראָמען און פון הונגער. דאָס האָט אַריינגעצויגן און דערצויגן צום נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין. אַט די דערציאונג האָב איך דערזען אין איר העכסטן אויסדרוק, בעת איך האָב שטייענדיק אויף דער בינע אין „פּרינץ זשאָרזש האָל” אַלס צוריקגעקומענער דעלעגאַט פון „פּראָקאָר”, געזען צווישן די וואָס זיינען געקומען אנטיילנעמען אינעם אַקט און אויסדריקן גרייטקייט מיטצואַרבעטן אין דעם 100 טויזנט פּעזעדיקן קאַמפּיין פאַר דער פּראָדוקטיוויזירונג פון די דעקלאַ־סירטע אידישע מאַסן אין סאָוועטנרוסלאַנד — די דעלעגאַטן פונעם בעסאַראַבער לאַנדסלייט פאַריין”.

אינעם זעלבן יאָר ווי דער פּויליש־אידישער „אגודת אחים”, און דער בעסאַראַבער ל”ל־פאַריין, 1916, איז אויך געגרינדעט געוואָרן א ליטוויש־אידישער פאַריין, וואָס האָט אין זיך אַריינגענומען לאַנדס־לייט פון אַלע געגנטן אין געוועזענעם צאַרישן רוסלאַנד, וואו מען רעדט דעם ליטווישן אידיש, מיט דעם צוועק צו שיקן קאָלעקטיווע הילף פאַר די מלחמה־געליטענע און העלפן רעגולירן די עמיגראַציע פון דאָרטן. דער פאַריין האָט אין יאָר 1917 איבערגעריסן זיין טעטיקייט צוזאַמען מיט זיין עקזיסטענץ. אין 1920 איז ער רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין א ליטוויש־אידישן פאַרבאַנד, וואָס זיין הויפּט־אַרבעט איז געווען קעגנ־זייטיקע הילף און הילף פאַר די מלחמה־געליטענע און צוליב געזעל־שאַפטלעכער ווירקונג.

אין 1916 ווערט אויך געמאַכט דער ערשטער שריט צו דער אָר־גאַניזאַציע פון די קוענטעניקעס, פון די פּאַרקויפער אויף אויסצאָלן.

בעת מען רעדט פון קוּנטעניקעס, דאַרף מען אויסטיילן צוויי מינים: די קלאַפּערס, דאָס הייסט, די וואָס טראָגן זיך אום מיט דעם פּעקל טישטעכער און דעקעס און קלאַפּן אָן אין די טירן קליענטן פאַר זייער סחורה, און אַזעלכע, וואָס קלאַפּן נישט אַליין, נאָר האַלטן „קלאַפּערס" אָדער אַרבעטן מיט זיי אויף שותפות. פאַראַן, ווידער צווישן די „קלאַפּערס" אויך זעלבסטשטענדיקע, וואָס קלאַפּן אָן פאַר זיך אַליין אַ קליענטעלע. די „קלאַפּערס" זיינען, נאַטירלעך, גרינע, ערשט אָנגעקומענע אין לאַנד, בעת די ביי וועמען זיי אַרבעטן, זיינען שוין לענגסטיקער איינגעוואַנדערטע און אַרויפגעאַרבעטע. דאָס קריזיס־יאָר 1914, האָט זיי אַלעמען כמעט אויסגעגלייכט. ווי גרויס עס איז געווען דער קריזיס אין דעם יאָר, באַווייזט דאָס, וואָס ס'איז דעמאָלט געגרינדעט געוואָרן אַ ביליקע קיך פאַר אידישע אַרבעטלאָזע. צי עס זיינען געווען צווישן די קליענטן פון דער ביליקער קיך אויך קלאַפּערס, נעמען מיר זיך נישט אונטער צו זאָגן, נאָר געפילט האָט זיך צווישן זיי די נויט נישט ווייניקער ווי צווישן די אַרבעטער. אַ קוּנטעניק, אַז ער געפינט זיך אין אַ נויט, ער זעצט אָן און מען גיט אים נישט מער קיין סחורה אויף קרעדיט, לעבט ער דערווייל פון דעם איינגעמאָנטן חודש־געלט, אַ קלאַפּער זעצט ערגעץ אָפּ דאָס פּעקל סחורה פאַר האַלב געלט און ווערט נעלם. אָבער דער קריזיס איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיינער האָט פון די הענט קיין פּעזע נישט געוואָלט אַרויסלאָזן און אויך אויף פּעקלעך האָבן זיך קיין בעלנים נישט געפונען. דעמאָלט איז עס איינגעפאַלן אַ געוויסע צאָל קוּנטעניקעס זיך צו אָרגאַניזירן, ערשטנס צוליב יורידישער הילף — דורך אַ געמיינזאַמען אַדוואָקאַט אויפצומאָנען חובות — און צווייטנס צוליב קעגנזייטיקער שטיצע. שווער האָבן קוּנטעניקעס — מענטשן מיט אַ שטענדיקער פּרייער פּעזע, קאָמיסיאָנס מיטגלידער אַליין פון שילכלעך און תּלמוד תּורות, אָדער גאָר קאַנדידאַטן אויף קאָמיסיאָנס מיטגלידער פון צדקה פאַריינען — געקענט ביי זיך פּועלן צו ווערן מיטגלידער פון אַ פאַריין אויף צו נעמען שטיצע, ווען אפילו זי איז אַ קעגנזייטיקע. גערופן האָט זיך דער פאַריין „קאָמערציעלע ליגע פאַר קעגנזייטיקער שטיצע". פונעם נאָמען הערט זיך אַרויס די טראַגיק פון דער לאַגע: פון איין זייט איז מען „קאָמערסיאַנטן", נישט קיין הענדלער חלילה, און מען גרינדעט אַ

„ליגע", נישט קיין קבצנישן פאריין, און פון דער צווייטער זייט קומט מען אָן צו קענגזייטיקער שטיצע. פון אָט דער „קאָמערציעלער ליגע פאַר קענגזייטיקער שטיצע", וואָס איז זייער שנעל געוואַקסן אין דער צאָל מיטגלידער און האָט זיך אויך זייער שנעל רעפאָרמירט, אַריינגענומען־דיק אַלץ נייע אויפגאַבן, ווי פאַרזיכערן פאַר דער אלמנה פון אַ פאַר־שטאָרבענעם מיטגליד זיין קליענטעלע, וואָס זי זאָל קענען איבערגעבן אַ צווייטן פאַר אַ געהעריקן פּרייז, איינהיטן די קליענטעלע פון אַ מיט־גליד וואָס ווערט קראַנק, דורך צייטווייליקער באַהאַנדלונג פון זיינע קליענטן, איז אויסגעוואַקסן די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע פון די קוענ־טעניקעס, וואָס איז איינגנטלעך אַ הורט־געשעפט, אין וועלכן די קוענ־טעניקעס זיינען די אַקציאָנערן און באַקומען אַ קרעדיט לויט דער צאָל אַקציעס וואָס זיי האָבן און לויט זייער בטוחות. שפּעטער, מיט דעם אויסבויען פון אַ גרויסן אייגענעם בנין, האָט די קאָאָפּעראַטיווע געגעבן דעם פאַרקויף אויף אויסצאָלן אַ נייע, פיינערע פאָרם: אַנשטאָט צו קלאַפּן אין די טירן מיט דעם פּעקל סחורה אָדער אַהיימטראָגן זי צום קליענט, האָט מען איינגעפירט אָרדערס, וואָס דער קוענטעניק גיט דעם קליענט, ריכטיקער דער קליענטקע, און זי גייט אין דער קאָאָפּעראַ־טיווער קראָם אויסקלייבן סחורה לויט איר געשמאַק. דאָס האָט אויך געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פאַרגרעסערן דעם אויסוואַל סחורות, וואָס ווערן געגעבן אויף אויסצאָלן. אויף דעם ביישפּיל פון דער קאָאָפּע־ראַטיווע, האָט זיך שפּעטער געגרינדעט אַ צווייטע (1923) און אַ דריטע, אין דער געגנט פון פּאַרקע פּאַטריסיאָס. (נאָך אַ קורצער צייט עקזיסטענץ אונטערגעגאַנגען). און ענלעכע האָבן זיך געגרינדעט אין די גרעסערע פּראָווינץ־שטעט: אין ראָזאַריאָ, סאַנטאַ פע און קאָרדאָבאַ.

די גרויסע הורט־געשעפטן האָט דאָס נישט געשמעקט, זיי האָבן געזוכט צו שטערן דעם וואוקס פון די קאָאָפּעראַטיוועס, געדריקט אויף די קוענטעניקעס און צום סוף געמוזט אויפגעבן דעם קאַמף.

אויך דער אָנהויב פון דעם אידישן קענגזייטיקן קרעדיט־וועזן שטאַמט פון יענער קריזיס־צייט, כאָטש איניציאַטיוועס אין דעם זין זיינען געמאַכט געוואָרן נאָך אַ סך פריער. נאָך אין 1909 האָט אַ גרופּע

יונגע פראַגרעסיווע מענטשן, מערסטנס קוענטעניקעס, וואָס האָבן גע־וואוינט אין דער געגנט פון באַקאָ און באַראַקאַס, צווישן זיי דוד גרויס־מאַן, י. ווייס און דער יונגער נאָטאַריוס מ. ראָזענבליט אַלס עקספּערט, פאַרטראַכט גרינדן אַ באַנק פאַר קעגנזייטיקן קרעדיט. די איניציאַטיוו איז אָבער פאַרבליבן אַ נישט דורכגעפירטע. עס האָבן זיך נישט געפונען גענוג בעלנים וואָס זאָלן ווען קויפן אַקציעס. ערשט דאָס קריזיס־יאָר 1914 האָט אַ שטויס געגעבן די אָרגאַניזירונג פון דעם מין קרע־דיט, אָבער שוין נישט אין באַקאָ און באַראַקאַס, נאָר פונקט אין צווייטן עק שטאָט, אין דער געגנט בעלגראַנאָ, וואו דעם 1טן יאַנואַר 1915 איז געגרינדעט געוואָרן אונטערן נאָמען „קעגנזייטיקער הילפס־פאַריין פון בעלגראַנאָ", אַ לייַ־קאַסע אויפן גרונט פון 50־פּעזאָדיקע אַקציעס צום אויסצאָלן. די הייַנטיקע אידישע פאָלקס־באַנק, מיט אירע העכער 10.000 אַקציאָנערן און 15 מיליאָניקן יערלעכן אומזאַץ, איז געגרינדעט געוואָרן אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויך אַלס לייַ־קאַסע און דעם ביישפּיל האָבן גענומען נאָכטון די קליינהענדלער און באַלמעלאָ־כעס פון די פּראָווינץ־שטעט, אַזוי אַז הייַנט פאַרמאָגט יעדער אידי־שער שטאָטישער ישוב זיין באַנק אָדער בענקל, אויב נישט עטלעכע בענקלעך פון דעם מין. אָפּגערעדט פון די גרויסע אידישע קרעדיט־אַנשטאַלטן אין דער הויפּט־שטאָט.

מיט די צילן קראַנקן־שטיצע און לייַ־קאַסע גרינדעט זיך אויך דער אַמבולאַנטן־פאַריין. געווען איז דאָס דעם 24טן אָקטאָבער 1915. די אַמבולאַנטן, וואַנדערנדיקע הענדלער, וואָס פאַרקויפן קלייניקייטן אי־בער דער גאַס, פּאַסקעס, קראַוואַטן, בייטלען, ראַזיר־מעסערלעך טיכ־לעך, רעגנמאַנטלען אָדער רעשטן קאַזימיר אויף אָנצוגן, טייל פון די אַמבולאַנטן פאַרקליידט פאַר מאַטראָסן, כלומרשט פאַרקויפן זיי אויס־לענדישע שטאָפן אריינגעפירטע קאָנטראַבאַנד (לעצטנס זעט מען עס נישט מער), האָבן געליטן פונעם קריזיס אין 1914 מער נאָך ווי די קוענטעניקעס. און מער נאָך פונעם קריזיס, האָבן זיי געליטן פון דער אומבאַשטימטער געזעלשאַפטלעכער לאַגע זייערער. דער קוענטעניק

איז סאָציאַל געשטאַנען נאָענט צו די געשעפטסלייט, וואָס האָבן אָנ־געפירט מיט די גרויסע אינסטיטוציעס, מיט חברה קדישא, עזרה, ביקור חולים, ער איז געווען דער ווײַלער זייערער און אין די תלמוד תורות איז ער שוין געווען דער אָנפירער. דער קלאָפּער איז געווען אַ קאַנ־דידאַט אויף קוענטעניק און אַ קאַנדידאַט צו פאַרנעמען זיין סאָציאַלע לאַגע. דער אַמבולאַנט אָבער, האָט נישט געהאַט קיין אויסזיכטן זיך אַרויפצואַרבעטן עקאָנאָמיש און אויך נישט געזעלשאַפטלעך. ער האָט געמוזט סטאַביליזירן זיין עקאָנאָמישע ווי זיין געזעלשאַפטלעכע פּאָזי־ציע אינערהאַלב זיין באַשעפטיקונג. דאָס האָבן בלויז פאַרשטאַנען גע־ציילטע פון צווישן די אַמבולאַנטן, די, אייגנטלעך, וואָס האָבן געגרינ־דעט דעם אַמבולאַנטן פאַריין און געקומען צו דער גרינדונגס פאַרזאַמ־לונג. די מערהייט, דערשלאָגענע פון דער וויסטער פרנסה, די „מחיה בזויה", האָבן זיך פּשוט געשעמט פאַר געזעלשאַפט. דערצו האָבן די הורטאָוניקעס פון דעם מין סחורה, זיך געפילט קעגנאיבער די אַמ־בולאַנטן תקיפדיקער ווי די הורטאָוניקעס וואָס האָבן געגעבן סחורה די קוענטעניקעס, און לאָ די זיי האָבן געריסן הויכע פרייזן, האָבן זיי געסטראַשעט נישט פאַרקויפן די וואָס וועלן זיך אָנשליסן צום פאַריין. אָבער אָט די שטערונג איז גראָד געוואָרן דער שטאַרקסטער פאַקטאָר פאַר דער אָרגאַניזירונג פונעם אַמבולאַנט און האָט באַשטימט דעם כאַראַקטער פון דעם פאַריין אַלס די קאַמפּס אָרגאַניזאַציע פונעם אַמ־בולאַנט קעגן זיין עקספּלואַטאַטאָר דעם הורטאָוניק. די פאָדערונגען וואָס דער פאַריין שטעלט צום הורטאָוניק זיינען געוויסע פּראָצענטער לטובת די נויטן פון די אַמבולאַנטן, וואָס דער פאַריין באַפרידיקט: קראַנקן־שטיצע און לייַ־קאַסע. אין דער זעלבער צייט ווערט דער פאַריין אַ געזעלשאַפטלעכער באַטרעף אינעם אידישן ישוב; ער נעמט אַנטייל אין דער הילפס־אַרבעט אין נאָמען פון די אַמבולאַנטן, באַשטייערט זיך פאַר דער גרינדונג פונעם אידישן שפּיטאָל א. א. וו. אין 1919 גרינ־דעט דער פאַריין אַ קאָאָפּעראַטיווע, וואָס זאָל באַדינען זיינע מיט־גלידער מיט סחורה און קרעדיט. אָבער די קאָאָפּעראַטיווע פון די אַמבולאַנטן איז נישט גענוג שטאַרק פינאַנציעל און איז דעריבער אויך נישט גענוג שטאַרק אויף אויסצוהאַלטן דעם דרוק און די מאַנעוורעס פון די הורטאָוניקעס, און זי ווערט אויפגעלייזט נאָך אַ יאָר עקזיס־

טענץ, ברענגענדיק מיט זיך אַ קריזיס אינעם פאַריין. דער נייער איינ־וואַנדערונגס שטראָם נאָך דער מלחמה פילט אוים די רייען זיינע און ברענגט אין אים אַריין אַ נייעם גייסט. היינט איז דער אַמבולאַנטן־פאַריין נישט בלויז אַן עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע פון די אַמבולאַנטן, נאָר אויך אַ קולטור־פאַריין און האַלט אוים אַ ביבליאָטעק אויפן נאָמען פון ש. אַנ־סקי, געגרינדעט אין 1930.

טרויעריקע רעזולטאַטן און דערוועקטע האָפענונגען

אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע האָבן די מלחמה־יאָרן אַריינגעבראַכט אַ פולשטענדיקע פּאַראַליזירונג. עס איז פאַרשטענדלעך געווען, אַז אין די יאָרן זאָלן קיין נייע פּאַרטיעס קאָלאָניזיר־עלעמענטן פון רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע מיט זייערע אָפּגעשלאָסענע גרעניצן, נישט קומען; אָבער דאָ אויפן אָרט זיינען געווען גענוג קאַנדידאַטן צום קאָלאָניזירן, ווי מיר האָבן דאָס שוין אָנגעוויזן און אויך האָבן געוואַרט קאָלאָניזירט צו ווערן קאָלאָניסטישע זין און איידעמס, און די געלטער, וואָס די איקאַ האָט געצויגן פון די היגע קאָלאָניעס אין דער פאָרם פון יערלעכע אָפּצאָלונגען און צינזן, וואָלטן געקלעקט אויף דער ברייטסטער קאָלאָניזאַציע פון די גרויסע שטחים ערד, וואָס די איקאַ באַזיצט דאָ. עס ווייזט זיך אָבער אַרוים, אַז די מלחמה האָט געמאַכט אַ גרויסן לאָך אין די מיליאָנען, וואָס איקאַ האָט געהאַלטן פאַרטון אין די אידישע קאָלאָניעס און אין די לייַ־קאַסעס פאַר אידישע באַלמעלאָכעס אין רוסלאַנד, גאַליציע און רומעניע און אין די מערב־אייראָפּעישע בענק, וואו עס איז פון זיי געוואָרן ווערטלאָז פּאַפּיר און מיט די הכנסות פון דער אַרגענטינישער קאָלאָניזאַציע — און אפשר אויך פון אירע ווערק אין קאַנאַדע און אין די פאַראייניקטע שטאַטן — האָט זי געזוכט צו פאַריכטן דעם שאָדן. דער דירעקטיוו איז דעריבער דעמאָלט געווען: וואָס מער אַרויסצוציען פון די קאָלאָניעס און גאָרנישט אין זיי אַריינלייגן. די איקאַ האָט דאָס קיינמאָל נישט מודה געווען, נאָר אויף די אָפטע טאַדלונגען פון דער אידישער פרעסע

קענן אזא באגיין זיך מיט אירע קאָלאָניסטן, וואָס שטעלט אין געפאַר די אידישע קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינע, איז די איקא ארויסגעקומען מיט א דערקלערונג, אז די ארגענטינער קאָלאָניסטן דארפן מיט זייערע אפצאָלונגען העלפן דער איקא אין איר אויפבוי־ארבעט צווישן די געליטענע פון דער מלחמה. דאָס איז אָבער באטראכט געוואָרן בלויז ווי א תירוץ, מחמת אויך פאַר דער מלחמה, איז איר האנדלונג געווען נישט קיין אנדערע. אין 1925 ווערט דורכגעפירט דער ערשטער אידישער קאָלאָניסטישער קאָנגרעס, וואָס האָט זיך נישט געשמייכלט צו די איקא דירעקטאָרן, נאָר האָט שארף אָנגעוויזן אויף אלע פעלערן פון דער אדמיניסטראַציע דורך די איקא־באאמטע, די באַזעצונג אויף נישט טויגלעכער ערד, די „דעסאלאָכאָס" (עקסמיסיעס) מיט דער הילף פון אונטערגעקויפטער פאָליציי קעגן יעדן יורידישן רעכט, אויף דער עולה וואָס ווערט באגאנגען קעגן די קאָלאָניסטישע זין און איידעמס, וועלכע ווערן נישט קאָלאָניזירט, אויף דער נויטווענדיקייט צוצוטיילן רעזערוו־ערדן אויף פאשע, וואָס ווערט נישט צוגעטיילט א. א. דער קאָנגרעס קען באטראכט ווערן ווי א מין אונטערגעפירטער סך־הכל פון דער ביז מלחמהדיקער איקא קאָלאָניזאַציע אין ארגענטינע, וועלכע האָט נישט דערפילט די האָפענונגען, וואָס מען האָט אויף איר געלייגט, נישט אין כמות און נישט אין איכות.

דערפאר אפנים פארשטארקט זיך אין יענער צייט דער ציוניזם אין די אידישע קאָלאָניעס. בעת דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, אין סעפטעמבער 1912, וואָס גרינדעט די ציוניסטישע פעדעראַציע אין ארגענטינע, איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן כמעט אָן פארטרעטער פון די קאָלאָניעס, איז דער צווייטער ציוניסטישער קאָנגרעס, אָפּגעהאַלטן אין פעברואַר 1915, פארשלונגען פון דעלעגאַטן וואָס פארטרעטן אן ערך צוואנציק ציוניסטישע פאריינען אין די קאָלאָניעס.

די פארשטארקונג פונעם ציוניזם, סיי אין די קאָלאָניעס, סיי אין די שטעט, דארף מען אָבער נישט צושרייבן אינגאנצן אויפן חשבון פון די קריזיסן, דעם קאָלאָניסטישן ווי דעם שטאָטישן. מען דארף בא־

זונדערס אין אכט נעמען די ציוניסטישע האָפענונגען וואָס די מלחמה
האָט אויפגעוועקט ביי די אידן אויף דער גאַנצער וועלט און אויך דאָ.
עס האָט זיך געשאַפן די מיינונג, אַז וועלכער צד עס זאָל נישט גע־
ווינען די מלחמה, די צענטראַלע מלוכות אָדער די אַליאירטע, וועט
ער אָפּגעבן פּאַלעסטינע פאַר די אידן. דערפון האָט זיך גענומען דער
שפּאַלט אינעם אַלוועלטלעכן ציוניזם: פון איין זייט דער אַקטיוויזם,
אָנגעפירט פון זשאַבאָטינסקי, גראָסמאַן, שעכטמאַן א. א. וואָס האָט
געהאַלטן, אַז מען דאַרף זיך שטעלן אויף אַ געווויסן צד און אים ארויס־
העלפן פינאַנציעל און מיליטעריש, כדי דערפאַר צו פאָדערן דערנאָך
פּאַלעסטינע אַלס טייל פון דער חלוקה און פון דער אַנדער זייט די פּאָר־
זיכטיקע און נייטראַלע, וואָס האָבן מורא געהאַט איינצושטעלן, נאָר
די האָפענונג האָבן זיי געהאַט. און די דאָזיקע האָפענונג האָט זיך
אַריבערגעטראָגן אויך צו די אידן אין אַרגענטינע. אין די הייסע ויכוחים
וואָס פלעגן זיך פירן צווישן אידן אָנהענגער פון דעם אָדער יענעם צד,
צווישן די פּראָ־דייטשן און פּראָ־אַליאירטע, האָט דער ציוניסטישער
אַרגומענט פאַרנומען אַ גרויסן פּלאַץ.

מער אָבער נאָך ווי דער ציוניסטישער אַרגומענט, האָט געוואויגן
אין די ויכוחים דער רוסישער מאָמענט, פון איין זייט אַ טיפע אַנטי־
פּאַטיע צום רוסישן צאַריזם, וואָס האָט אריבערגעוואויגן די אידישע
סימפּאַטיעס אויף דער דייטשער זייט און פון דער צווייטער זייט אַ
גלויבן אין די פּראָקלאַמירטע צילן פון דער מלחמה מצד לאָיד זשאָרזש
און קלעמאַנסאָ, וואָס האָבן פאַרשפּראָכן פעלקער־באַפרייאונג. שפּע־
טער, ווען דער אַרגומענט קעגן צאַריזם איז אַוועקגעפאַלן מיט דער
אַבדיקאַציע פון ניקאָלאַי דעם צווייטן און מיט דער גרינדונג פון דער
צייטווייליקער רעגירונג, האָט זיך די וואָג פון דער סימפּאַטיע מיטאַמאָל
אַ בויג געטאָן אויף דער זייט פון די אַליאירטע. דאָס פאַלן פונעם צאַ־
ריזם איז דורך דער אידישער באַפעלקערונג אין אַרגענטינע, באַזונדערס
פון דער הויפּט־שטאָט, געפייערט געוואָרן מיט אַ גראַנדיעזער דעמאָנס־
טראַציע און ביי דער דעמאָסטראַציע איז געקומען צום אויסדרוק צו־

זאמען מיט דער פרייד איבער דער אידישער באפרייאונג אין רוס־לאנד, אויך די פרייד איבער רוסלאנדס אריינטרעטן צווישן די דעמאָ־קראַטישע מלוכות.

כאַראַקטעריסטיש איז אַז די האָפענונגען אויף פּאַלעסטינע האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיט דעם פאַרשטאַרקטן גלויבן אינעם סאָציא־ליזם, וואָס די באָלשעוויסטישע רעוואָלוציע האָט ארויסגערופן, און דערפון האָט זיך גענומען אַן אויסערגעוויינלעכער שטאַרקער וואוקס פון פועלי ציון פאַריינען איבערן גאַנצן לאַנד.

פון דעם מאָמענט אָן, פון מאַרץ 1917, און באַזונדערס נאָך דעם נצחון פון דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע אין אָקטאָבער 1917, שאַפט זיך צווישן דעם אידעאַליסטישן טייל איינגעוואַנדערטע פון רוס־לאַנד אַ באַגער און אַ באַוועגונג צוריקצוקערן זיך אַהין, כדי אנטייל צו נעמען אין דער בויאונג פון דעם נייעם רוסלאַנד און בכלל שאַפט זיך אַ ברייטע סימפּאַטיע־באַוועגונג צו די באַפרייער. אין דער זעלבער צייט אָבער, פּאַראַלעל מיט דער סימפּאַטיע צו רוסלאַנד, נעמט זיך דאָ אָן נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, די באַוועגונג פון די ציוניסטן־אַקטיוויסטן צו שאַפן אַ אידישן לעגיאָן, וואָס זאָל העלפן ענגלאַנד דעראָבערן פּאַלעסטינע. אַ באַוועגונג, וואָס די היגע ציוניסטישע פעדעראַציע האָט אָן חשק געמוזט שטיצן, ווי זי האָט בכלל אָן חשק אויפ־גענומען דעם גאַנצן פּאָליטישן ציוניזם, וועלכער איז געווען דערווידער דעם שטילן, אין תוך חובב ציוניסטישן, לידער פונעם ארגענטינישן ציוניזם, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז פון מלחמה און רעוואָלוציע קען קיין גוטס נישט אַרויסקומען. זע זיין בראשור „אין טיפן אָפגרונט", דערשינען אינעם יאָר 1916 און אין שפּאַניש דערשינען אין יאָר 1919, אונטערן טיטל: „ען מאָמענטאָס דע אַנגוסטיאַ". די צוויי באַוועגונגען רייסן אַוועק פון ארגענטינע אַ באַדייטנדע צאָל אַקטיווע און אינטע־ליגענטע יונגעלייט, וואָס העלפן אָבער ענגער מאַכן דעם קאָנטאַקט פון דעם היגן אידישן ישוב מיט די צוויי הויפּט־צענטרען פון דער אידי־שער אויפמערקזאַמקייט.

א באַלוינונג פאַר די וואָס האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד, טייל פון זיי טיכטיקע קולטור־טוער און טוער אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, האָט דער אריינגטריט פון נאָרד אַמעריקע אין דער מלחמה צוגעשלאָגן קיין אַרגענטינע אַ געוויסע צאָל טוער פון דער דאָרטיקער אידישער אַרבעטער באַוועגונג, באַזונדערס פּראַקטישע אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. זיי ברענגען אריין אַן אויפלעבונג אין דער אָרגאַניזאַציע פון דעם שניידער־פאַך, אָנווענדנדיק צו אים די אָרגאַניזאַציאָנס מעטאָדן פון די ניו יאָרקער און פילאַדעלפיער פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען פון דעם פאַך, איינפירנדיק אַ שטרענגן קאָנטראָל אין די „טאַזשערן" דורך דעלעגאַטן. די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזירונג האָט בכלל דעמאָלט ארומגעכאַפּט אין אַרגענטינע אַלע פאַכן, אַלס רעזולטאַט פון דער פאַרשטאַרקטער אַרגענטינישער אינדוסטריע אויפן חשבון פונעם אימפּאָרט, וואָס איז אַדאַנק דער מלחמה פאַרקלענערט געוואָרן. אפילו די אידישע לערער, וואָס האָבן אין פלוג גאָרנישט צו טון מיט דעם אינדוסטריעלן וואוקס, האָבן אין יענע יאָרן, 1917 און 1918, געגרינדעט זייערע אָרגאַניזאַציעס, אין שטאָט ווי אין דער פּראָווינץ.

עס מוז פאַרצייכנט ווערן דער שווערער רושם וואָס אויף דעם אידישן ישוב אין אַרגענטינע האָט געמאַכט דער טויט פון אונדזערע קלאַסיקער, וואָס איז אויסגעפאַלן אין די מלחמה־יאָרן: דער טויט פון י. ל. פּרץ אין אַפּריל 1915, אינדערמיט פון זיין הערלעכער אַרבעט פאַר דעם אָרימען אידישן קינד אין פּוילן, דעם מלחמה־קרבן, דורך דער גרינדונג פון די וועלטלעכע אידישע שולן, צוזאַמען מיט יעקב דינעזאָן, מיט רייכמאַן און מעדעם, וואו דאָס קינד האָט באַקומען ברויט מיט זופּ און זיינס, פּרצעס אַ לידל. און געשטאָרבן איז פּרץ מיט אַ קינדער־ליד אויף די ליפּן... דער טויט פון שלום עליכם אין מאַי 1916, וואָס האָט איינגעהילט די אַרגענטינער אידן, ווי די אידן אין דער גאַנצער וועלט אין אַ שווערן טרויער, ווי מען וואָלט פאַרלוירן אַ ליבן טאַטן. און דער טויט פון מענדעלע אין דעצעמבער 1917, פּונקט אויף דער שוועל פון דער נייער ציים, פון וועלכער דער זיידע פון דער אידישער ליטעראַטור, דער מחבר פונעם „ווינטשפינגערל" האָט אַזוי פיל דערוואַרט, נאָך די שרעקנס־יאָרן פון מלחמה און פּאָגראָמען. אין שטאָט ווי אין דער פּראָווינץ, גרינדן זיך קולטור־פאַריינען אויפן נאָמ־

מען פון די פאַרשטאָרבענע קלאַסיקער און טייל שוין עקזיסטירנדיקע, נעמען אָן זייערע נעמען.

אויפקום און מורא

דאָס יאָר 1918 איז אין אַרגענטינע אַ יאָר פון גרויסע געשעפטן. די מלחמה האָט צעעפנט די אַפּעטיטן סיי פון האַנדל און סיי פון אינדוסטריע. דאָס לאַנד האָט פון איין זייט באַזאָרגט די מלחמה־לענדער מיט ברויט און פלייש, מיט פעלן אויף לעדער און מיט וואָל, און פון דער צווייטער זייט האָט דאָס זייער ווייניק אימפּאָרטירט פון אויסלאַנד. עס האָבן זיך באַוויזן אין לאַנד וועבערייען, פון ביליקער סחורה, נאַטירלעך, וואָס האָבן אויסגענוצט די לאַגע צו רייסן הויכע פּרייזן; עס האָט זיך אַנטוויקלט די מעטאַל־אינדוסטריע, אויסנוצנדיק די אַלטע אייזנס, אויפגעקליבענע פון אַלע מיסטן, אַלע אַלטע פאַרזשאַווערטע מאַשינען, אַלע צעבראָכענע כלים און דאָס קלייבן אַליין איז געוואָרן אַ באַשעפטיקונג; אויסגעוואַקסן איז די שיך־אינדוסטריע, וואָס האָט פאַר זיך געהאַט אַחוץ דעם אייגענעם מאַרק, אויך אָן אויסלענדישן; אויסגעוואַקסן איז אויך די מאָדע־אינדוסטריע, וואָס האָט פאַר דער מלחמה געהאַט קענען זיך די גרויסע מאָדע־ליפעראַנטקע פּאַריז; אויך דער אַרגענטינישער וויין, וואָס מען האָט אים פריער מבטל געווען, ווי מען פלעגט בכלל מבטל זיין יעדע אייגענע אַרגענטינישע פּראָדוקציע, איז חשובער געוואָרן און עס האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אין די שויפענצטער נישט נאָר דער היימישער טיש־וויין פון מענדאָסאַ און סאַן כואַן, נאָר אויך קאָניאַק אייגענער, אַפּאַרטאַ, שאַמפּאַניער. אַרגענטינישער קעז, מיט אַלע נעמען און ריחות פון די אויסלענדישע קעזן, האָט אָנגעהויבן אַרויפקומען אויף די טישן אַפילו פון די טייערע רעסטאָראַנען, אַליוון־בוימל אַפילו, וואָס פלעגט צו אונדז קומען פון דעם נייטראַלן שפּאַניע, האָט מען פאַרביטן אויף קערנער־בוימל און דאָס אַלץ אונטער אַ נאַציאָנאַליסטישער אַגיטאַציע פאַר דער „נאַציאָנאַלער פּראָדוקציע“.

כדי אָבער די נאַציאָנאַלע פּראָדוקציע זאָל אויך אויף ווייטער נישט געשטערט ווערן פון דעם אימפּאָרט, וואָס וועט אַ ליאַדע טאָג, נאָכן פאַרענדיקן די מלחמה, אָנהויבן אַריינשטעקן די נאָז קיין אַר־געַנטינע, האָט מען זיך אַרומגעזען, איז ווייניק אַז מען זאָל פאַר איר אַגיטירן און פּראָפּאַגאַנדירן; פאַר מצוה וועט מען נישט קויפן קיין אַרגענטינישע ביליקע סחורה און צאָלן פאַר איר טייער, דעמאָלט וועט דער אַרגענטינישער מאַרק וועט ווידער פאַרוואָרפן ווערן, ווי פריער, מיט די ענגלישע און דייטשע סחורות, באַזונדערס פון די לעצטע, וואָס האָבן פאַר דער מלחמה געפירט אַ דעמפּינג־פּאָליטיק אין די דרום־אַמעריקאַנער לענדער און געגעבן קרעדיט יעדער אָפענער טיר; מען דאַרף אויך זען, אַז זי זאָל קענען אויסהאַלטן דעם דרוק פון דעם אימ־פּאָרט — וואָס פאַרבאָטן קען מען אים נישט, אויב מען וויל אויך עקספּאָרטירן. און דאָס איינציקע מיטל דערצו איז: צוימען דעם דראַנג פון די אַרבעטער צו אָרגאַניזאַציע און באַצייטנס אָנהויבן אַרונטער־זעצן די לוינען, וואָס זיי האָבן אויסגעקעמפּט אין די מלחמה־יאָרן, אין די יאָרן פון יקרות.

צוליב דעם צוועק האָבן זיך געגרינדעט צוויי אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען געשטאַנען צווישן זיך ענג פאַרבונדן און זיך איינע די אַנדערע דערגאַנצט: איינע מיט דעם נאָמען „אַסאָסיאַסיאָן דעל טראַבאַכאָ (די אַרבעטס פאַריייניקונג), אַ פאַריייניקונג פון די גרויסע אינדוסטריעלער, אונטער דער אָנפירונג פון דעם גרעסטן צו יענער צייט אַרגענטינישן אינדוסטריע־מאַגנאַט, צובערבילער, און די צווייטע — די „ליגאַ פּאַט־ריאָטיקאַ" (פּאַטריאָטישע ליגע), אָנגעפירט פון איינעם אַ דורכגעפאַ־לענעם פּאָליטיקער מיטן נאָמען מאַנועל קאַרלעס. די ערשטע האָט פי־נאַנצירט די צווייטע, און האָט אַריינגעלייגט אינעם שותפות איר גאַנצע וואָג ביי די רעגירנדיקע ספערן; די צווייטע האָט אַריינגעלייגט די אָרגאַניזאַציע־פעיקייט אירע. פינאַנסירט פון דער ערשטער, האָט די צווייטע אָרגאַניזירט אין אַלע געגנטן פון דער הויפּט־שטאָט און אין אַלע שטעט און שטעטלעך פונעם לאַנד „בריגאַדעס", אויסגעפילט פון אונטערוועלט־מענטשן, גלאַט שטרייקברעכער, מענטשן וואָס אַרבעטן בלויז ביי אַ צופאַל, צוזאַמען מיט גאָלדענער יוגנט, וואָס זייער ציל איז געווען אונטערצוקומען וואו ערגעץ אַ שטרייק, אין שטאָט אָדער פּראָ־

ווינע, כדי צו פארטיידיקן די נאציאנאלע אינדוסטריע קעגן די פאר־ברעכערישע ארבעטער, וואס ווילן זי פארטיליקן מיט זייערע איבער־טריבענע פאדערונגען... „די ווייסע גווארדיע” האט מען די בריגאדעס שטרייקברעכער און שלעגער גערופן, לויט דער טערמינאלאגיע פון דער רוסישער רעוואלוציע, וואס האט זיך צו אונדז דערטראגן צוזאמען מיט דער רייכער און פאנטאסטישער אינפארמאציע איבער אירע נצחונות און מפלות.

פון דער אנדערער זייט איז די ארבעטערשאפט דעמאלט געווען פעסט ארגאניזירט, דעצידירט אין איר קאמף און דערמוטיקט פון די נצחונות, וואס זי האט אפגעהאלטן אין דעם יאר ביים האפן, ביים שטאטישן פארקער קעגן דער טאריף־העכערונג א. א. און אפשר אויך אונטער דער ווירקונג פון דער רוסישער רעוואלוציע, וואס האט גע־וויזן וואס מוט און אויסדויער קענען. די פעלד־ארבעטער זיינען געווען ארגאניזירט נישט ווייניקער פעסט ווי די מעטאליסטן און ווי די האפן־ארבעטער אדער שאפערן.

געהערשט האט דעמאלט די ראדיקאלע פארטיי, ריכטיקער דער פירער פון דער פארטיי, היפאליטא איריגאזשען, וועלכן מען האט געהאלטן פאר א טאטן, פאר א גוטן דעמאקראטישן מענטשן, פאר א פאלקס־מענטשן, וואס פירט אן מיט א פאלקס־פארטיי. דערצו האט ער געפירט אן ארבעטער־פריינטלעכע פאליטיק, אויפגענומען ארבע־טער דעלעגאציעס, אליין פארגלייכט סכסוכים צווישן קאפיטאל און ארבעט און זיינע דעפוטאטן האבן אויסגעארבעט און פארטיידיקט אר־בעטער־געזעצן. גערעכנט האט מען דעריבער, אז די צוויי ארגאניזא־ציעס, בפרט די לעצטע, וואס ווערט אנגעפירט פון א קאנסערוואטיוון פאליטיקער, איז נישט צום הארצן דעם מלוכה־פרעזידענט און זיין רעגירונג און עס איז אפילו געווען א וואונדער ביי אנדערע: ווי קומט עס וואס די ראדיקאלע רעגירונג דערלאזט אזא פארצווייגטע מיליטא־ריזירטע, אין בריגאדעס איינגעארדנטע ארגאניזאציע איבערן גאנצן לאנד? צי האט די רעגירונג גאר קיין מורא נישט, אז די דאזיקע ברי־גאדעס זאלן אין א שיינעם טאג ארויסגעלאזט ווערן קעגן איר אויף צו פארכאפן די מאכט פאר זייער לידער און פאר זיינע פארטיי־לייט די קאנסערוואטארן?

דאָס אָבער וואָס איז געווען אומפאַרשטענדלעך, איז באַלד קלאָר געוואָרן, אויף אַ טראַגישן אופן קלאָר.

די אַרבעטער אין אַ מעטאַל־פאַבריק, ביי אַ געווּיסן וואַסענאַ, האָבן דערקלערט אַ שטרייק און די פּאַטריאָטישע ליגע האָט געטון איר פּאַטריאָטישן חוב און האָט אַריינגעשיקט אין דער פאַבריק אירע שטרייקברעכער און שלעגער. די אַרבעטער, צוזאַמען מיט זייערע פרויען האָבן זיך געשטעלט „פּיקעטן" די פאַבריק, כדי די שטרייק־ברעכער איבערצורייידן און נישט לאָזן פאַרנעמען זייער פּלאַץ. געקו־מען איז צו אַ געשלעג. פּאָליציי האָט געשאָסן אויף די אַרבעטער און זייערע פרויען, עס זיינען געפאַלן קרבנות, די אַרבעטערשאַפט האָט דערויף דערקלערט אַן אַלגעמיינעם שטרייק, האָט די קרבנות באַגלייט צו זייער רו מיט אַ מאַניפעסטאַציע דורך דער שטאָט ביז צום בית עולם און... וואָס האָט מען דערזען? די „בריגאַדעס" פון מאַנועל קאַר־לעס זיינען צעשטעלט, איינגעקוואַרטירט אין די פּאָליציי־צירקלען, צו הילף דער פּאָליציי. און די פּאָליציי, באַוואָפנט, רייטנדיק און צופוס, איז צעשטעלט איבער דער גאַס קאָריענטעס, פון פּועירעדאָן ביז קאַ־זשאַאַ, די געגנט פון די אידישע געשעפטן, און הינטער זיי ווידער בריגאַדע־לייט, באַוואָפנטע מיט רעוואָלווערן, צעטרייבן דעם עולם פון דער גאַס און יאָגן זיך... נאָך אידן, נאָך די „רוסאָס". די געשעפטן שליסן זיך אויף שנעל, שטאָרן לאָזן זיך אַראָפּ מיט אַ געגרילץ און נאָר וואו נישט וואו, ביי אַ נישט־אידיש געשעפט, שטייט אַ רעדל, דער באַלעבאָס, אַ פּאָליציאַנט און אַ פּאָר בריגאַדע־לייט און מען קאָ־מענטירט. די רוסאָס, די דר...ישע האָבן געמאַכט אַ רעוואָלוציע, האָבן אונטערגעצונדן אַ קלויסטער, ווילן דאָ איינפירן דעם באָלשעוויזם...

געווען איז דאָס דעם 9טן יאַנואַר 1919.

אין גאַס אַרויס זיינען שוין אידן דעם טאָג נישט געגאַנגען. דער־פאַר האָט פּאָליציי, באַגלייט פון די בריגאַדעס, געטראָפן צו אידן אַהיים און דער עיקר צו די לאָקאַלן פון די אידישע ביבליאָטעקן. וועמען מען האָט געפונען אין דער ביבליאָטעק אָדער לעבן איר, אַריינגיין אָדער אַרויסגיין, האָט מען געכאַפּט ממיתן מיט די „מאַטשעטן" און מיט אייזערנע הענטשקעס, אַנדערע איז מען נאָכגעגאַנגען ביז צו זיי אַהיים און זיי דאָרט געשלאָגן, דער פרוי מיט די קינדער אויף די אויגן, און

דערנאָך אָוועקגעפירט אין פּאָליציי־צירקל, ווידער שלאָגן. די ביבליאָ־טעקן האָט מען אויפן אָרט צעריסן, צעטראָטן און אַוועקגעלאָזן מיטן ווינט, איבערן הויף, איבער דער גאַס, בלעטלעך־ווייז.

ביינאַכט — און די נאַכט איז קיינער אין שטאָט נישט געשלאָפן, אידן אוודאי נישט — האָט מען איבערגעלעבט די שרעקן פון אַ באַ־לאַגערטער שטאָט, וואָס ווערט באַשאָסן פונעם שונא. אַ געדיכטער גראַגערן פון מעטראַליעס האָט זיך געטראָגן פון דער זייט וואו עס געפינט זיך דער פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט, אויפגעהערט און ווידער גע־גראַגערט. וואָס קומט דאָרט פאָר? אינדערפרי האָט מען דערציילט: די פּאָליציי האָט מורא געהאַט די אַנאַרכיסטן זאָלן באַפאַלן דעם דע־פּאַרטאַמענט און האָבן אָנגעשטעלט מעטראַליעס אויף די באַסטיאָנען. ביינאַכט איז אַ פּאָליצייאישער קאַראַול געגאַנגען צום דעפּאַרטאַמענט אויף אָפּרו, האָבן די מעטראַליסטן זיי אָנגענומען אין דער פינצטער פאַר אַנאַרכיסטן און האָבן געשאָסן. דער פּאָליציי־קאַראַול האָט גע־מיינט, אַז די אַנאַרכיסטן האָבן שוין פאַרכאַפּט דעם פּאָליציי־דעפּאַר־טאַמענט און האָבן צוריקגעשאָסן און דאָס אייגענע ווייטער...

בייטאָג האָבן מיר שוין געלייענט אין אַ נאָכמיטיק־צייטונג, אַז ביים אַרויסגיין פון דער אָרגאַניזאַציע „אַוואַנגאַרד", האָט מען אַרעס־טירט דעם רעדאַקציע־מיטגליד פון „די פּרעסע" פּ. וואַלד, אַ בונדיסט, און זיין חברטע ראַזע ווײַנשטיין, אַז מען גיט אים אָן פאַר דעם פּרעז־זידענט פון דער באָלשעוויסטישער רעפּובליק, וואָס די „רוסאָס" מיט די קאַטאַלאַנער און אַנאַרכיסטן האָבן געוואָלט איינפירן אין אַרגענטינע.

מיט אַ טאָג שפּעטער איז י. ש. ליאַכאָוויצקי געקומען אין „די פּרעסע", און האָט געמעלדעט פון אַ זיכערער קוועלע, אַז פּ. וואַלדן האָט מען אין פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט פאַרפּייניקט און ער מוז שוין זיין טויט.

דעם 10־טן יאַנואַר אינדערפרי האָט דער שרייבער פון די שורות, אַלס שעף־רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע", גערעדט טעלעפאָניש צו ה' י. יאָסעלעוויטש, פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע און מיט־גליד אין דער פריער דערמאָנטער „אַסאָסיאַסיאָן דעל טראַבאַכאָ" און אים אָנגעפרעגט וואָס רעכנט ער, דאַרף מען טון? צי וויל ער נעמען אויף זיך די אַרבעט אויפצוקלערן פאַר דער מאַכט דאָס פאַרברעכן

וואָס ווערט באַגאַנגען אַקעגן די אידן? געענטפערט האָט ער, אַז ער קען גאָרנישט נישט טון.

גענומען אויף זיך די אַרבעט האָט דער ראַבינער פון דער קאָנגרעגאַציע, דר. חלפן. ער האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ קאָמיטעט, וואָס האָט רעגיסטרירט די פאַרוואונדעטע, הונדערט מיט עטלעכע און פופציק אידן, געשלאָגענע מכות רצח, מיט פּאָלצייאישן געווער, לויט מעדיצינישער פעסטשטעלונג און האָט אָנגעשריבן אַ פּאַפּיר צום פּאָליציי־שעף דעלעפּיאַנע אין נאָמען פון די 150.000 אידן אין אַרגענטינע: היות מען איז באַפאַלן און מען האָט געשלאָגן אומשולדיקע אידן, לכן דערקלערט ער, אַז די אַרבעטזאַמע, די דאַנקבאַרע און לאָיאַלע אידישע קאָלעקטיווויטעט וועט די שלעכטע און שעדלעכע אידן העלפן אויסראָטן פון איר מיט...

דער פּאָליציי־שעף, גענעראַל לואיס דעלעפּיאַנע, איז געבליבן צופרידן מיט דער פאַרזיכערטער הילף און האָט דערויף פונאַנדערגעשיקט אַ צירקולאַר צו די פּאָליציי־צירקלען מיט דעם דאַטום פון 13־טן יאַנואַר, אין וועלכן ער האָט געשריבן:

„אויף דער ביטע פון אַ פאַראינטערעסירטן צד און ווייל איך האַלט דאָס פאַר אַ חוב פון דער גערעכטיקייט, גיב איך אייך צו וויסן, אַז איר דאַרפט איינשטעלן אַ פולשטענדיקן אונטערשיד און באַקאַנט מאַכן דידאָזיקע אידן, אַז עס האָבן קיין שום שייכות נישט די פאַרברעכער, וואָס זייערע אַטענטאַטן מיר האַלטן נאָך אין אונטערדריקן, מיט די פרידלעכע און אַרבעטזאַמע מיטגלידער פון דער אידישער קאָלעקטיווויטעט, וואָס שטייערן מיט אויף יעדן אופן צום פּראָגרעס און גרויסקייט פון דער רעפּובליק" — אונטערגעשריבן: גענעראַל דעלעפּיאַנע.

(איבערגעזעצט פונעם טעקסט לויט „ווידאַ נועסטראַ" פון פעברואַר 1919).

אין זיין ענטפער אויף דער אַנקעטע, וואָס דער זשורנאַל „ווידאַ נועסטראַ", אונטער דער רעדאַקציע פון לעאָן קיבריק, האָט נאָך דער געשעעניש פונאַנדערגעשיקט, האָט דער גענעראַל דעלעפּיאַנע צווישן אַלע אַנדערע זאַכן, געזאָגט, אַז ער איז צופרידן מיט די דערקלערונגען פון דער דעלעגאַציע וואָס איז ביי אים געווען פון די אידן און ער

בעט זיי טאקע, אז „די קאלעקטיוויטעט זאל ענערגיש פארשטויסן פון איר שוים יענע אוואנטוריסטן, וואס ווילן זיך אינפילטרירן אין איר און וואקסן אונטערן שוץ פון גוטמוטיקער טאלעראנץ, וואס לאזט זיך אויס צו איר אייגענעם שאדן".

צווישן די וואס „זייערע אטענטאטן די פאליציי האט נאך גע־האלטן אין אונטערדריקן" איז נאך אלץ געווען פ. וואלד און מען האט אים נאך אלץ געברענט די שפיץ פינגער מיט שוועבעלעך און נאך אלץ געשלאגן ביז באוואוסטלאזיקייט ער זאל זיך „מודה זיין", אז ער איז דער פרעזידענט פון דער באלשעוויסטישער רעפובליק אין ארגענטינע. און דאס אייגענע מיט זיין „אינערן מיניסטער", אן אוקראינער אנאל־פאבעט, וועלכן מען האט ערגעץ געכאפט, מיינענדיק, אז ער איז א איד.

די צייטונגען האבן דעמאלט געשריבן, אז די אונטערדריקונג האט געקאסט די אויפשטענדלער 700 טויטע און 4.000 פארוואונדעטע און אז אויסגעשאסן האט די פאליציי 100.000 קוילן. מוז מען דא זאגן, אז בלויז די לעצטע ציפער זעט אונדז אויס צו זיין אמת. ווערליק דער שיסעריי אין דער נאכט פון 9טן אויפן 10טן יאנואר, איז 100.000 קוילן נישט קיין גוזמא. וואס שייך די טויטע און פארוואונדעטע פון דער דאזיקער שיסעריי, האבן דאס געקענט זיין בלויז שאטנס, ווארום קיינער האט זיך אקעגן דער פאליציי נישט געשטעלט און אחוץ דער הפקרות, וואס איז באגאנגען געווארן פון אייגענע אונטערגעשטעלטע לייט, וואס די פאליציי האט געהאט א באפעל צו פארקוקן, זיינען קיין שום גוואלד־אקטן מצד אנארכיסטן און קיין אנדערע ארבעטער נישט באגאנגען געווארן. אויך דאס „אונטערצינדן" דעם קלויסטער אדער דעם אזיל אויף קאריענטעס, איז געווען א היימישע אינסצעניזירונג, ווי די גאנצע אינסצעניזירונג פון דער „באלשעוויסטישער רעוואלוציע" און קיינער פון די ארבעטער איז שפעט אין אוונט נישט געגאנגען אויף דער גאס אחוץ דער פאליציי און די „ווייסגווארדייער". די ציפערן פון די הונדערטער טויטע און טויזנטער פארוואונדעטע זיינען אנגעגעבן גע־ווארן בלויז כדי צו בארעכטיקן די אומזיסט אויסגעשאסענע הונדערט טויזנט קוילן און על פי טעות אויסגעשאסענע פאליציילייט, ווי דעם גאנצן טומעל מיט דער „אונטערדריקונג", וואס מען האט בא־דארפט אויף צו בארויקן דעם מיסטער רעדזשינאלד טאוער, געזאנד־

טער פון זיין מאיעסטעט דעם ענגלישן קעניג און פון די ענגלישע קאפיטאליסטן, וואס די באלשעוויסטישע רעוואלוציע אין רוסלאנד האט זיי ארייננעווארפן אין א מורא אויך פאר ארגענטינע, און צו שטארקן די הענט פון די אייגענע אינדוסטריעלער.

עס בלייבט נאר צו דערציילן דעם אידישן סוף פון דער מעשה: נאכדעם ווי דער קאמיטעט מיט דעם ראבינער אין דער שפיץ האט אפגעטון זיין הויכווירדיקע ארבעט צו שטעלן זיך פארן פאליציי־שעף און נאכדעם ווי זיי האבן אויף זיך גענומען אזא בכבודיקע ארבעט ווי „צו העלפן דער פאליציי אויסראטן די שעדלעכע עלעמענטן פון דער אידישער קאלעקטיוויטעט", האט ער פארופן די אידישע אינסטיטוציעס אין טעמפל אריין און זיי געמאלדן, אז דער יושר איז, ער זאל אויף וייטער פארבלייבן דאס מויל פון די ארגענטינער אידן פארן מלכות. קיין סך חוצפהניקעס קעגן דעם יושר האבן זיך נישט געפונען, נאר עס איז גענוג געווען איין שארף ווארט פון א זשורנאליסט, וואס האט געפרעגט: ווער האט אייך אויסגעקליבן? און דער בישוף פונעם יושר האט זיך אפגעטון פון דער פארזאמלונג.

מיר דערציילן דאס דא אקעגן דעם וואס מען מוז זיך דערמאנען פון צייט צו צייט אין משך פון אונדזער געשיכטע, אן איינער א מאניע וואס פארפאלגט די כלל־טוער אונדזערע זייט די ערשטע שריט פונעם ישוב ביז היינטיקן טאג און שווימט ארויף ביי יעדער אידישער צרה: די אידישע רעפרעזענטאנץ. די פראגע איז שוין עטלעכע מאל גע־שטאנען אויפן טאג־ארדענונג נאך ביזן אידישן קאנגרעס און איז שטענדיק אראפ מיט בזיוגות. עס האבן זיך אנגעשטויסן די פרעטענ־זיעס פון דער קאנגרעגאציע מיט די פרעטענזיעס פון דעם ציוניזם. נאכן קאנגרעס, דארף מען נישט פארגעסן, איז פארבליבן א שטודיר־קאמיסיע פון זעקס און דרייסיק פאר דער „אליאנץ", וואס זאל ווערן די רעפרעזענטאנץ. אבער ערשט דא איז דער ענין נאך שווערער גע־ווארן. די ציוניסטן מיט דער קאנגרעגאציע וואלטן שוין אפשר דורכ־געקומען צווישן זיך, סוף כל סוף האבן ציוניסטן שוין אנגעהויבן גיין דאווענען אין טעמפל און קאנגרעגאציע־אידן גיבן שוין געלט אויף ציון; די גרעסטע פרייד מיט די אידישע לעגיאנערן קיין פאלעסטינע, האבן ארויסגעוויזן די טעמפל־אידן און האבן געמאכט פאר זיי אן אפשייד

מיט טענץ ביי איינעם פון זיי, אין זיין פאלאץ. נאר וואס טוט מען מיט דער חברה קדישא, וואס וויל נישט אנדערש, נאר ווערן די קהילה פון ב. איירעס און קיין איינע פון די קאמיסיאנען פון די אנדערע אינס־טיטוציעס וויל נישט מותר זיין אויף איר סואווערעניטעט און אויף איר אומאפהענגיקייט. און דא קומען נאך אנדערע און פאדערן דעמאק־ראטיע, וואלן און ווילן זיך אריינרייסן דורך דער אליאנץ אין דער קהילה אריין און אין דער רעפרעזענטאנץ.

און אט איינער פון די קאמישע צוזאמענשטויסן אויף דעם גע־ביט, איז עס פארגעקומען אין פעברואר 1919, נאך דער טראגישער וואך.

דא איז אויך כדאי אומצוקערן זיך ווידער צום ענין באציאונג צו אידן מצד דער ארגענטינישער אינטעליגענץ און אין די הויכע פענצ־טער. אינעם פאלק האט מען נישט געוואוסט, וואס אזוינס די „טרא־גישע וואך" האט מיט זיך פארגעשטעלט און אז די „רוסאס" האט מען אומשולדיקערהייט אריינגעשלעפט, מחמת מען האט זיי באדארפט האבן אויף צו באפארבן מיט זייער בלוט דעם אלגעמיינעם שטרייק קעגן דער שחיטה אויף די מענער און פרויען פון וואסענאס מעטאל פאבריק, אלס באלשעוויסטיש. עס האט אויך קיינעם נישט איבעראשט דער שפעטערדיקער סימולאקר פון אן אויספארשונגס־קאמיסיע, וואס דער פארלאמענט האט באשטימט ער זאל אויפקלערן וואס עס האט פאסירט און די קאמיסיע האט אנשטאט אויפצוקלערן דעם ענין, אים פאריבן. אין דער ארגענטינישער פרעסע אבער, האבן זיך גענומען באווייזן ארטיקלען קעגן דער איינוואנדערונג פון אידן, פארשטעלנדיק די אידישע איינוואנדערונג אלס שעדלעכע, אלס די וואס ברענגט אריין די באלשעוויסטישע באצילן אין לאנד און דערביי שוין אויסגערעכנט אלע אנדערע אנטיסעמיטישע טענות: פאראזיטיזם א. א. וו. אז היינ־טער דער פרעסע שטייט שטענדיק א געוויסער פאליטישער כוח, וואס דיקטירט איר, איז באקאנט און אז די פרעסע שאפט געזעלשאפטלעכע מיינונג איז אויך באקאנט און דאס לעצטע האט זיך אויך באוויזן.

צווישן די ענטפערס אויף דער פריער שוין דערמאָנטער אַנקעטע פון „ווידאַ נועסטראַ”, וואָס איז צעשיקט געוואָרן, נאַטירלעך, צו דער אַר־גענטינישער אינטעליגענץ און נאָך מער ווי נאַטירלעך, צו דער ליבע־ראַלער אינטעליגענץ, און צווישן זיי געפינען מיר די מיינונג פון איינעם אַ גאָר אָנגעזעענעם אינטעלעקטואַל און געוועזענעם שטאַטס־מאַן, וואָס צו זיין וואָרט פלעגט מען זיך צוהערן ווי צום וואָרט פון אַן אָראַקול, איבערהויפט, ווען ער איז דעמאָלט געשטאַנען וייט פון דער פּאָליטיק, דער שוין פאַרשטאָרבענער דר. אָסוואַלדאָ מאַגנאַסקאָ, וועלכער דערקלערט דאָרטן: „די אייראָפּעישע מלחמה האָט געבראַכט מיט זיך צעטרייסלונגען, וואָס פאַר זייערע שלעכטע ווירקונגען דאַרף מען זיך היטן. אמת אַז אויך צוליב אַנדערע סיבות, נאָר איינגעשלאָסן די סיבה וואָס איך ווייז אָן, האַלט די אַמעריקאַנישע פאַרייניקונג ביי סאַנקציאָנירן אַ געזעץ, וואָס זאָל פאַרבאָטן די איינוואַנדערונג בכלל אויף אַ צייט פון פיר יאָר”.

צווישן די אַלע אַנדערע ענטפערס, וואָס האָבן אונדז געטרייסט מיט דער גוטער מיינונג וועגן אידן, וועגן אונדזערע גוטע מידות און גרויסע גייסטער, וועגן אונדזער ביישטייער צום פּראָגרעס פונעם לאַנד, האָט דער דאָזיקער אָנזאָג פון דעם אינטעלעקטועלן מאַגנאַט מאַגנאַס־קאָ אונדז שטאַרק געשראָקן. מיר האָבן זיך שוין געריכט אויף די ערשטע שוואַלבן פון דער נייער איינוואַנדערונג פון נאָך דער מלחמה. פאַר דער צייט פון די העכער פיר יאָר מלחמה האָבן זיך דערשלאָגן צו די אַרגענטינישע ברעגעס אַ קליינע צאָל אידן, אַזעלכע וואָס די מלחמה האָט זיי פאַרכאַפּט אינמיטן וועג אָדער האָט זיי אַרויסגע־שטויסן אַלס פּרעמדע פון די מלחמה־לענדער. מיר האָבן זיך געריכט אויף די פּליטים פון אוקראַינע, וואָס זיינען בעת די פּאָגראָמען אַרי־בער קיין פּוילן, קיין גאַליציע, קיין רומעניע און ווערן פון דאָרט גע־טריבן און מיר האָבן שוין אפילו געטראַכט וועגן דער הילף אין וועל־כער זיי וועלן זיך נויטיקן. און דאָ אַזאַ שלעכטע בשורה.

אין יאָר 1921 חזרט זיך איבער אין מיניאַטור די טראַגישע יאַנואַר־וואָך, ווען אפילו נישט אין יאַנואַר נאָר אין פעברואַר און נישט אין בוענאָס איירעס נאָר אין דעם ענטרע ריאָסער שטעטל וויזשאַגוויי. אינעם סאַמע האַרץ פון די ענטרע ריאָסער אידישע קאָלאָניעס, אין דאָמינגעז, האָט דער דאָרטיקער „פּראָפּעסיאָנעלער פאַריין פון אַלערליי פאַכן", ווי מען רופט די אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס אין די קליינע ישובים, אָנגעפירט אַן אַקציע פאַר לוין־העכערונג. געווען איז סעקרעטאַר פון דעם פאַריין יוסף אַקסענצאָוו, אַליין קאַנדידאַט אויף קאָלאָניסט — דעמאָלט קאָרעספּאָנדענט פון „די פּרעסע" אין דאָמינגעז. אָפּגעזוכט האָבן זיך שוין קאָלאָניסטן, וואָס האָבן געזען אַז מען זאָל דעם חבר אַקסענצאָוו — אַגב אַ פירנדיקער מיטגליד אין דער קאָלאָניסטישער קאָאָפּעראַטיווע — אַרעסטירן. מען האָט אים אַרעסטירט און געשלאָגן אַ מינוט ביז צום טויט, ווי עס פירט זיך אין דער פּראָווינץ און אַוועקגעפירט אינעם קרייז־שטעטל וויזשאַגוויי. די דאָרטיקע אַרבעטער, אין זייער גרעסטן טייל „קריאָזשאָס", האָבן קעגן דעם אַרעסט אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט־מיטינג און אַראָפּגעבראַכט אַ רעדנער, אַ סאָציאַליסט פון קאָנקאָרדיאַ. אין וויזשאַגוויי, ווי אין אַלע פּראָווינץ־שטעטלעך, איז געווען אַ „בריגאַדע" פון דער פּאַטריאָטישער ליגע, אָנגעפירט פון דעם דאָרטיקן פּריצס זינדלעך, די מאָנטיעלס, און די בריגאַדע איז באַפאַלן דעם מיטינג מיט אַ האָגל קוילן. צווישן די קרבנות פון דער שיסעריי איז געווען אַ קינד פון זעקס חדשים טויט און די מוטער, אַן אַרבעטער פרוי, פאַרוואונדעט, אָבער אויך איינער פון די אָנגרייפער, דעם פּריצס אַ זינדל, איז געפאַלן טויט פון אַ קויל.

אין דער אַרגענטינישער פּרעסע איז די זאַך פאַרגעשטעלט געוואָרן גאָר אַנדערש. אין איינער פון די בוענאָס איירעסער פרימאָרגן־צייטונגען, אין „לאַ נאַסיאָן", האָט זיך דערציילט, אַז צווישן די קריאָזשעס מיט די אידן האָט זיך צעפלאַקערט אַ מלחמה, אויף דער זייט פון די אידן שטייען די אַנאַרכיסטן און די „אויסלענדישע אַגיטאַטאָרס" און אויף דער זייט פון די קריאָזשאָס שטייט די פּאַטריאָטישע ליגע. אַוועקגעשיקט האָט פון דאַנען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי אירן אַ דעפּוטאַט, דעם שפּעטער „אומאָפּהענגיקן סאָציאַליסט" ד. דע אַנדרעיס, אויסצופאָרשן דעם ענין, אָבער די פּראָווינץ רעגירונג האָט

אים געשטערט אין זיין אַרבעט און ווען די זאַך איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן אין פּאַרלאַמענט, האָט דער אירינאַזשעניסטישער דעפּוטאַט פון ענטרע ריאָס, מועסקאַ, איבערגעחזרט די דאָזיקע ווערסיע און געמאַכט פון דער גאַנצער פּאַסירונג אַ אידן־פּראָבלעם. „די ענטרע ריאָסער אידן — האָט ער געזאָגט — זיינען מענטשן נישט קיין איינגעוואָרצלטע און נישט פאַרבונדענע מיטן לאַנד", קורץ, זיי זיינען געקומען צונעמען ביי די ענטרע ריאָסער קריאָזשאָס זייער באָדן...

געוועזן איז די רעדע פון דעם דעפּוטאַט, אַ באַלוינונג יענע ענטרע ריאָסער אידישע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן פאַרמסורט און איבערגעגעבן צו דער פּאָליציי און צו די שלעגער פון דער „בריגאַדע" יוסף אַקסענצאָוון אַלס אַנאַרכיסט און מאַקסימאַליסט.

וועלכע איז געווען די באַלוינונג פון די אידישע קאָלאָניסטן דעם דעפּוטאַט מועסקאַ פאַר זיין אַנטיסעמיטישער און פאַרלוימדערישער רעדע אין פּאַרלאַמענט, וואָס האָט זיי אַרויסגעשטעלט אַלס פרעמדע, אַריינגעריסענע און אומגעבעטענע?

אַלס באַלוינונג דעם אַנטיסעמיט און פאַרלוימדער און דירעקט אַלס באַלוינונג דער שלעגערישער „בריגאַדע" פאַר זייער „פּאַרטיידיקן די אינטערעסן פון דער אידישער קאָלאָניע", האָט אַ געוויסער אַבראַמאָוויטש, אַ תבואה־סוחר, צוזאַמענגעקליבן אונטערשריפטן ביי די קאָלאָניסטן אויף אַ קאָלעקטיוון אָנשלוס פון די אַרומיקע אידישע קאָלאָניעס אין דער „פּאַטריאָטישער ליגע", וואָס ער האָט אַריינגעשיקט דעם אָנפירער אירן, דעם דר. מאַנועל קאַרלעס.

און אָט איז נאָך איין קאָנסעקווענץ, אַ זייער ביטערע, פון דער קאָמיש־טראַגישער וואָך אין יאַנואַר פון דעם יאָר 1919. קליינע קייען וואָס גרויסע שפּייען. די דיסקוסיעס וועגן די „רוסן" וואָס ווילן מאַכן פון אַרגענטינע אַ באָלשעוויסטיש לאַנד און אומבייטן די אַרגענטינישע פאָן אויף דער פאָן פונעם סאָוועט, כאַפּט זיך אַריין אין די שולן און דאָרט ווערן דערפירט די זאַכן צום אַבסורד, צו פּרימיטיווער עקסטרעמקייט. זאָגט איין אינגל, אַ „פּאַטריאָט", אַז די רוסישע פאָן

איז א שמאטע, ענטפערט אים א אידיש אינגל, גראד פון גאליציאנער עלטערן, אז אויב די רוסישע איז א שמאטע, איז די ארגענטינישע אויך א שמאטע און צוויי אידישע שילער פון א מיטלשול טרייבט מען דערפאר ארויס פונעם 4טן יאר. און די אבליגאטארישע טעמע פאר די רעדעס פון די לערער אין די שולן צום יום־טוב פון 25טן מאי, ווערט דער קאמף קעגן באלשעוויזם און קעגן די „רוסן" אין ארגענ־טינע.

די יוגנט גייט צו אידיש

אלץ, ווי שוין פארשטענדלעך, איז געצילט צו איין זאך, אפצו־שוואכן די ווירקונג פון דער רוסישער רעוואלוציע אויף דער ארגענ־טינישער ארבעטערשאפט און אויף דער ארגענטינישער יוגנט; דאס מיטל אבער ווירקט פונקט פארקערט. אלס אויסדרוק פון רעאקציע, פארשארפט דאס מיטל דעם ווידערשטאנד, די קעגנווירקונג, און די אידישע יוגנט, די דירעקט געליטענע, פארשאנצט זיך אין די פעסטונ־גען פון די רעוואלוציאנערע אידייען אדער זי אנטלויפט צום ציוניזם. טייל שטעלן זיך מיט איין פוס אין דער רעוואלוציע און מיט דעם צווייטן אינעם ציוניזם און פון דער מאדנער לאגע קומט ארויס א מאדנע מין אידישע יוגנט, טאקע נאר אזא ווי עס קען ארויסגעבן א מיטלשטאנד, וואס ווערט פארפאלגט און באליידיקט און מען מישט אים אויס, מיט גאנץ אפענע הינטער־כוונות אין איין יודעא־באלשע־וויסטישער קאשע מיט דעם ארבעטער קלאס.

די אידישע הי געבוירענע יוגנט גיט זיך דעמאלט אויך א רוק צו דער אלגעמיינער אידישער געזעלשאפט און צו אידישער קולטור, באזונדערס צו דער אידישער ליטעראטור; אויב נישט אין אידיש — וואס איז דער יוגנט באקאנט בלויז אלס די שפראך פון קוענטעניקס און פון דער אידישער קיך, פון „טשוועקעס"*, קרעפלעך, בארשטש און

*) א ווארט מיט וועלכן קוענטעניקעס באצייכענען א קונד וואס צאלט נים.

זשארקוי, אָבער נישט אַלס קולטורשפּראַך — איז אין שפּאַניש. פון זאַנגוויל און הייגע, גיט מען זיך אַ רוק צו פּרץ און שלום עליכם. זיי ווערן געוואָר, אַדאַנק צוערשט דעם טויט פון פּרץ, שלום עליכם און מענדעלע, וואָס זיינען דאָ געזעלשאַפטלעך באַווייזנט געוואָרן, אַז אַ י־ד י ש איז אויך אַ קולטור־שפּראַדאון אַ ליטעראַטור־שפּראַך, אַז אויף אידיש קען מען דענקען הויכע געדאַנקען און אַרויסברענגען קונסט־עמאָציעס.

נאָכן טויט פון י. ל. פּרץ, אין 1915, האָט דער זשורנאַל „כואַ־ווענטור", וואָס די „אַסאָסיאַציאָן כואַווענטור איזראַעליטאַ" האָט אַרויסגעגעבן, געדרוקט אַן אַרטיקל איבער דעם פאַרשטאָרבענעם, גע־שריבן פון דעם שרייבער פון די שורות, און געווען זיינען אין דעם זשורנאַל אויך נעקראָלאָגן נאָך שלום עליכם און מענדעלע; נאָר דער אייגנטלעכער אונטערפירער פון דער היגער אידישער יוגנט צו דער ליטעראַטור פון אידיש פאַר אידן, צו די אידישע קלאַסיקער, צו די אידישע מאָדערניסטן, צו די פּובליציסטן און דענקער, וואָס האָבן גע־שריבן אידיש און אינזינען געהאַט די אידישע מאַסן, איז געווען שכנא רעזניק.

אינעם זעלבן יאָר טאַקע, אין 1919, האָט ער געמאַכט דעם אָנ־הויב דערצו מיט זיינע איבערזעצונגען פון י. ל. פּרצעס דערציילונגען, וואָס ער האָט געדרוקט אין אַ ריי היגע זשורנאַלן און מיט זיין בוך דערציילונגען פון י. ל. פּרץ, וואָס ער האָט אין יענעם יאָר אַרויסגע־געבן אונטער נאָמען „לאָס קאַבאַליסטאַס" (די מקובלים). דאָס בוך האָט אפשר נישט אַזוי פיל אינזינען געהאַט די אידישע יוגנט, ווי דעם אַלגעמיינעם שפּאַנישן לייענער און איז דערום באַזאָנדערס געווען מיט אַ פאָרעדע פון אַלבערטאָ גערשונאָוו, ווי מיט אַ לאַנגער אינטראָדוקציע פונעם איבערזעצער אַליין, איבער דער שפּראַך וואָס רופט זיך „אי־דיש", נאָר מער ווי אַלץ האָבן דערפון גענאָסן די אידישע יונגעלייט, וואָס האָבן דורך די איבערזעצונגען פון י. ל. פּרץ, שלום עליכם, מענ־דעלע, ווי פון נאָמבערג, רייזן, שלום אַש, און שפּעטער פון בערגעל־סאָן, אָפּאַטאָשו א. א., זיך באַקענט מיט דעם סאָציאַלן ווי מיט דעם פּסיכישן לעבן פון די אידישע מאַסן ישובים.

אין איר ערשטן גלגול, זעען מיר בלויז די אידישע יוגנט אין אַר־

גענטינע אָנכאַפּן זיך אָן יעדן גרויסן אידן וואָס אַקטואירט צווישן גישט־אידן, אַלס איר פּאַן אָדער זי שטרייכט זיך אינעם יחוס פון די אַלטע אידיש־שפּאַנישע פּאָעטן, ווי זיי וואָלטן זיך געזוכט מיט עפּעס צו כשרן, עפּעס אַ זכות צו מעגן לעבן אויף דער וועלט; איצט, אין 1919, זעען מיר זי שוין אויך, אַפילו נאָר אין שפּאַניש, אָנקניפּן זיך צו היינטצייטיקן אידישן לעבן איבער גאָר דער וועלט און צו די קול־טור־ווערטן וואָס דאָס דאָזיקע לעבן גיט אַרויס.

דאָס צווייטע בוך דערציילונגען איבערגעזעצטע דורך ש. רעזניק, מוסטערן פון מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, דוד פּינסקי, שלום אַש, נאָמבערג, אברהם רייזן, ש. אַנ—סקי, יהואש, ל. שאַפּיראָ, ז. שניאור, י. מ. וויסענבערג, אנכי און י. ד. בערקאָוויטש, דערשינען אין 1920, איז שוין אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דער „אַסאָסיאַסיאָן כואוועגטוד איז־ראַעליטאַ", וואָס האָט דאָס אַרויסגעבן אַזעלכע ביכער אַריינגענומען אַלס טייל פון איר טעטיקייט־פּראָגראַם.

און כאַראַקטעריסטיש איז, אַז ווען קאַרלאָס גרינבערג, איינער פון די אַרויסגעשטויסענע פון דער מיטלשול אידישע יונגעלייט, וואָס האָבן נישט געקענט פאַרשווייגן די באַליידיקונג אויף די „רוסאָס", נעמט זיך דערנאָך צו דער פּען, שרייבט ער שוין אויף אידישע מאָטיוון, אויף די מאָטיוון פון זיין אייגענער אידישער באַזונדערקייט און ווערט אַ אי־דיש־אַרגענטינער ליריקער. און צו אים ביבערמאַן און נאָך אַזעלכע. צעזאַר טיעמפּאָ, דער ליריקער פון דער אידישקייט אין דער אַרגענטי־נישער געטאָ, איז אַ פּראָדוקט פון אָט די שטימונגען.

אין איין צייט מיט דער אַרבעט וואָס האָט זיך געפירט צווישן דער שפּראַכלעך־אַסימילירטער יוגנט און דער אַרבעט פונעם ציוניזם, איז אָנגעגאַנגען צווישן אַ באַדייטנדיקער טייל יוגנט שוין אויך אָן אַר־בעט אויף אידיש. געשטאַנען איז די יוגנט אונטער דער ווירקונג פון די פּועלי ציון און האָט באַקומען אַחוץ אַ צוגרייטונג אין די טעאָרע־טישע פראַגן פון אידישן סאָציאַליזם, אויך די מעגלעכקייט צו לייענען די אידישע ליטעראַטור אינעם אָריגינאַל. באַדינט האָט זיי די ביב־ליאָטעק „משה העס", וואָס איז אין דער טראַגישער וואָך צעפּליקט גע־וואָרן און אָוועקגעלאָזט מיטן ווינט. די ווירקונג אָבער וואָס אָט די אידישע הי־געבוירענע יוגנט האָט געהאַט פון איר דירעקטן קאָנטאַקט

מיט דער אידישער ליטעראַטור, ווי מיט דער שפּראַך פון די ברייטע אידישע מאַסן און מיט זייערע סאָציאַלע פּראָבלעמען, איז מיטן ווינט נישט אַוועק. זיי, ווי בכלל די יוגנט, וואָס איז אין שטאָט, ווי אין דער פּראָווינץ געשטאַנען אין קאָנטאַקט מיט די אידישע ביבליאָטעקן און געלייענט אידיש, זיינען די ערשטע פון אַ נייעם דור אידישע יוגנט אין אַרגענטינע, וואָס זיין אויפקום און דערציאונג הויבט זיך אָן מיט דער גרינדונג פון די וועלטלעכע אידישע שולן אין אַרגענטינע.

אין מאַי 1921 ווערט געעפנט אין בוענאָס איירעס דער אידישער שפּיטאָל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין 1916 און פאַרטראַכט געוואָרן איז ער נאָך אין 1906, זעקס יאָר נאָך דער גרינדונג פון דער „עזרה", וואָס האָט אונטערגענומען זיין בויאונג און פאַרוואַלטעט מיט אים. דעם לאָזונג פון אַ אידישן שפּיטאָל האָט געוואָרפן מ. פּאָלאַק אין די „נאַכריכטן", וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן און די „עזרה" האָט דעם לאָזונג אויפגענומען און צו דער פייערונג פון די הונדערט יאָר אַרגענטינישע פרייהייט, האָט די פאַרוואַלטונג פון „עזרה" באַשטימט אַ נאָמען צו געבן דעם ערשטן אויסגעבויטן פּאַוויליאָן אויפן נאָמען פונעם „סענטענאַריום". דער געוואָרפענער לאָזונג איז געווען באַגרינדעט מיט דער אומבאַקוועמלעכקייט פאַרן אידישן אימיגראַנט, וואָס קען נישט די לאַנד־שפּראַך, צו באַנוצן זיך מיט די אַלגעמיינע שפּיטעלער, און פּונקט ווי די איטאַליענער און ווי די דייטשן און פראַנצויזן, וואָס האָבן זייערע שפּיטעלער צוליב דער זעלבער סיבה, אַזוי מוזן אויך די אידן האָבן זייער שפּיטאָל. די שמחה ביי דער דערעפנונג פונעם שפּיטאָל איז געווען גרויס, די ליטונג האָט געטיילט כבוד די איינגעלאַדענע הויכע מאַכט, די מוניציפּאַלע פאַרטרעטער און האָט זיך אַליין אויך גענומען כבוד; אידן האָבן זיך געלאָזט קאָסטן ביי דער קערמעסע און די ציימונגען האָבן געמוטיקט, אונטערגעשטראָכן די פרייד מיט דעם וואוקס וואָס מיר האָבן צוגעקריגן און דער עיקר באַטאָנט ווי נויטיק דער שפּיטאָל איז, ספּעציעל פאַר די ניי אָנגעקומענע אימיגראַנטן, וואָס זיינען אין די אַלגעמיינע שפּיטעלער אָן לשון. און

נאָך איין גרויסן נוצן האָט דער אידישער שפּיטאָל געבראַכט, וואָס ער האָט אים גאָר פון אָנהויב אפשר נישט פאָרויסגעזען: ער האָט געמאַכט פּלאַץ פאַר פּראַקטיק און רעקלאַמע אַ היפּשע צאָל אידישע מעדיצינער, וואָס דער אידישער ישוב האָט שוין פון זיך געהאַט ארויסגעגעבן. איין זאַך נאָר, די הויפּט־זאַך, צוליב וועלכער דער אידישער שפּיטאָל האָט זיך געגרינדעט, דאָס אידישע לשון, צוליב וועלכן דער אידישער חולה איז געגאַנגען אין אידישן שפּיטאָל, האָט ער דאָרט נישט געפונען. די אַרגענטינישע אידישע דאָקטוירים האָבן קיין אידיש נישט גערעדט, עס האָט זיך זיי די צונג נישט געלייגט דערצו און אויך קראַנקנוועכטער און קראַנקנוועכטערנס אידישע האָט מען נישט אינזינען געהאַט אָנצושטעלן און אַנשטאָט דעם האָט מען אָנגעשטעלט שפּאַנישע. ס'איז אַן איראָניע, האָבן אידן געשריגן. און ס'איז באמת געווען אַן איראָניע, אַן איראָניע פון דער געשיכטע. ביז די אידישע אימיגראַנטן האָבן זיך דערוואַרט אויף די אידישע דאָקטוירים, האָבן די אידישע דאָקטורים דערווייל פאַרגעסן דאָס אידישע לשון.

און אָט קומען מיר צו אַ נייעם פאַקטאָר פון אידישיזירונג. אונדזערע אידישע דאָקטוירים אין אַרגענטינע האָבן זיך געמוזט דערמאָנען די פאַרגעסענע שפּראַך פון זייערע „ווייבאָס", כדי צו קענען ריידן מיט זייערע פּאַציענטן און האָבן שוין פּראַקטיצירט נישט בלויז אויף די קראַנקהייטן זייערע, נאָר אויך אויף זייער שפּראַך. מיט דער צייט האָבן זיך שוין אָפּגעזוכט אויך קראַנקנוועכטער און קראַנקנשוועסטער אידישע און דער אידישער שפּיטאָל וועט נאָך מיט דער צייט אפשר האָבן אידישע אָפּעראַטאָרס־פּראָפעסאָרן, וואָס זאָלן נישט קוקן אַזוי ווי די נישט־אידישע, פון אויבן אַראָפּ אויף זייערע אידישע קאָלעגן, ווי דאָס פּירט זיך איצט.

אין 1928 איז אונטערן נאָמען „2טער נאָוועמבער", לכבוד דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס איז דערשינען אין דעם דאַטום פון 1917, דערעפנט געוואָרן אַ צווייטער פּאַוועליאָן און עס וועט זיך זיכער נויטיקן אַ דריטער, סיי צוליבן וואוקס פון דער אידישער באַפעלקערונג, סיי צוליב דעם אַנטיסעמיטישן קורס פון דער לעצטער צייט, וואָס רייסט זיך אַריין אַלץ מער אין די שטאָטישע שפּיטעלער און ממש ער טרייבט פון דאָרט סיי די אידישע חולאים, סיי די אידישע דאָקטוירים.

דער צווייטער פאקטאר פון אידישיזירונג צווישן די אידשע דאקטוי־רים איז זייער נישט קיין אנגענעמער און מיר זיינען אים גאר נישט גערן. דערצו האלטן מיר אז מיט דעם ערשטן פאקטאר איז גענוג. מיר האבן שוין געזען ווי די אסימילירטע אידישע יוגנט פון „העב־ראיקא" — א ווייטערדיקע פארזעצונג פון „אסאסיאסיאן כואווענטוד איזראעליטא" און פון אנדערע ענלעכע יוגנט אינסטיטוציעס, וואס האבן זיך פארייניקט — האט איינגעארדנט ביי זיך ספעציעלע קורסן פון אידיש. און מיר מיינען, אז דערין ליגט נישט בלויז דער באגער צו קענען די אידישע ליטעראטור אין איר אריגינאל, נאר אויך די נויטווענדיקייט צו קענען די שפראך פון די אידישע מאסן, מיט וועלכע מען מוז קומען אין בארירונג צוליב פראפעסיאנעלע און געזעלשאפט־לעכע אינטערעסן.

פארוועלטלעכונג פון דער אידישער שול

די אידישע ארבעטערשאפט אין ארגענטינע, האבנדיק פאר זיך דעם ביישפיל פון די וועלטלעכע אידישע שולן אין פוילן און דעם גרויסן פארנעם פון דער אידישער שול־בויאונג אינעם ראטנפארבאנד, האט זיך ארומגעזען, אז דא אין ארגענטינע, וואו זי איז די הויפט־טרעגערן פון דער מאדערנער אידישער קולטור, פונקט ווי זי איז עס אומעטום, האט זי ממש פארברעכעריש פארנאכלעסיגט אזא הויפט וויכטיקן געביט פון אידישער קולטור ווי די אידישע שול, גלייך זי וואלט מפקיר געווען אירע קינדער אויפן באראט פון דער הערשנדיקער דערציאונג, דער מלוכהשער ווי דער אידישער. גענומען האט זיך עס דערפון, וואס אויך די ארגענטינישע ארבעטערשאפט און אירע ארגאנ־ניזאציעס, מיט דעם קליינעם אויסנאם פון די אנארכיסטן, וואס האבן פאר זיך געהאט דעם ביישפיל פון די „פערער־שולן" אין שפאניע, האבן זיך מיט דער פראבלעם נישט פארנומען און דער כלל, אז „ווי עס קריסטלט זיך, אזוי אידלט זיך", איז דא זייער שטארק אנגעגאנגען. אין דער אמתן איז די פראבלעם געווען זייער א שארפע: די ארגענ־

טינישע מלוכה־שול איז טאַקע אין פּרינציפּ אַ וועלטלעכע, נאָר זי איז דאָך דער עיקר אַ מלוכהשע און אַז די מלוכה איז קאַטויליש און איז אין נאָענטער באַציאונג מיט דעם קלויסטער און דער לעבנסשטייגער און די לערער און לערערקעס, וואָס דער לעבנסשטייגער גיט אַרויס, זיינען קאַטויליש, רוקט זיך אַריין דער קאַטאָליציזם אין דער שולעס וועלטלעכקייט אַריין אָן איבעריקער באַמיאונג אַפילו מצד דער קאַטויּלישער קירכע. וואָס שייך אידישן אונטעריכט, האָבן אידישע אַרבעטער געשיקט זייערע קינדער אין די תלמוד תורות, וואו עס קאָסט נישט טייער, אַ פּעזע אַ חודש, אָדער צוויי פּעזעס פאַר אַ קינד, אָדער מען לערנט דאָרט גאָר אומזיסט, פאַר מצוה. דעם לערער אָדער דעם מלמד, וואָס איז אויך בעל שחרית אין שילכל, צאָלט מען אַ קליניקייט. די הכנסות נעמט מען פון די עליות און אַביסל אויך סובסידיע פון די „רעליגיעזע קורסן". אַנדערע טאַטעס אַרבעטער האָבן אפשר גאָרנישט געשיקט זייערע קינדער לערנען אידיש. זיי האַלטן דאָך נישט פון סידור און קדיש און אויך נישט פון העברעיש. און דאָס איז דאָך געווען דער לימוד, אמת, מיט אַביסל אידיש צוגעשמאָלצן, כדי דאָס קינד זאָל קענען שרייבן אַ בריוו צו דער באָבען.

דער צייט־גייסט טוט זיך פונדעסטוועגן זיינס און אין אַ פּאָר פון די אידישע שולן פון אַלטן שניט קומען אַריין אין דער פּאַרוואַל־טונג עטלעכע מאָדערנע טאַטעס. זיי וואַרפן צוערשט אַראָפּ פון דער שול דעם נאָמען תלמוד תורה, גיבן איר אַ נאָמען פאָלקס־שול און דערצו אַ נאָמען פון אַ אידישן קלאַסיקער: מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, אָדער גאָר שלום אַש, טוען אויס ביי די קינדער די היטלען ביים לערנען און מען הויבט אָן אַריינברענגען אין די שולן די קינדער־ליטעראַטור און די נייע שול־טעקסטן וואָס קומען פון ניו יאָרק, יואל ענטינס א. א., וואָס זוכן צו מאָדערניזירן און אַרויפציען נייעם גלאַנץ אויף די אי־דישע טראַדיציעס, אין דעם גייסט ווי דר. חיים זשיטלאָווסקי האָט דאָס פאַרלאַנגט און בכלל אינעם גייסט פון די אידישע שריפטשטעלער אין אַמעריקע, וואָס האָבן געשוועבט צווישן אַלט און ניי.

אין 1917 ווערט געמאַכט אַן איניציאַטיוו פאַר אַ וועלטלעכער אידישער שול פון דער אַרבעטער ביבליאָטעק אין ווישאַ קרעספּאָ און ווערט געשטיצט פון די זשורנאַליסטן, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער

„אידישער צייטונג": דער שרייבער פון די שורות און י. העלפמאַן, וועלכע שטעלן זיך בראש פון דער שול. נאָך אייניקע חדשים שליסט זי זיך צוליב מאַנגל אין מיטלען.

אין 1918 אָרגאַניזירן זיך די אידישע לערער אין בוענאָס איירעס, שטעלן ארויס צו די פאַרוואַלטונגען אַ ריי עקאָנאָמישע פאָדערונגען און אַנגערעגט פון דעם גייסט, וואָס יענע שולן האָבן אַריינגעבראַכט, שטעלן זיי ארויס אויך די פאָדערונג, מען זאָל זיי נישט צווינגען צו טראָגן דאָס היטל אויפן קאָפּ ביים לערנען, אַלנפאַלס ביי די נישט רעליגיעזע לימודים. וואו די לערער האָבן געוואונען די פאָדערונגען און וואו נישט, נאָר ארויסגעקומען איז פון דעם לערער־שטרייק אַ נייע באַוועגונג, אַנגעפירט פון אייניקע פּראָגרעסיווע לערער: דער פאַרשטאַנד־בענער שריפטשטעלער חבר י. העלפמאַן, י. גלאַזמאַן, פעלדמאַן און טאַטעס און כלל־טוער, ווי עוזר בומאַזשני, פּ. וואַלד און מ. כיטער־מאַן, וועלכע האָבן געגרינדעט צוליב דעם צוועק אַ שול־ראַט, וואָס זאָל ווירקן אויף די אידישע שולן אין דערמאָנטן זין. אונטער זייער ווירקונג ווערן די שולן: שלום עליכם אין דער געגנט פון מערקאַדאָ אבאַס־טאָ, י. ל. פּרץ אין דער געגנט פון קאַבאַזשיטאָ און מענדעלע, ארום קאָנסטיטוציאָן, אַלץ מער מאָדערניזירט, נאָר פולשטענדיק פאַרוועלט־לעכט ווערן זיי נישט: מען לערנט נישט אום שבת, מען היט אָפּ די אידישע יום טובים, מען טייטשט זיי בלויז אויס מער נאַציאָנאַל.

אינעם יאָר 1919 פאַרצייכנט דער אידישער ישוב אין בוענאָס איירעס די גרינדונג פון דער וועלטלעכער שול אויפן נאָמען פון ב. באָרוכאָוו אין צענטער, געגרינדעט פון דער פועלי ציון פּאַרטיי. דער לערן־פּראָגראַם איז נאָך נישט אויסגעקריסטאַליזירט. די לערער טאַפּן נאָך דעם וועג, דער לימוד פון אידישער געשיכטע איז נאָך אַלץ ביב־לישע כראָניק; בכלל זיינען נאָך קיין לערער פאַר וועלטלעכע שולן נישט געווען און די אַנגעשטעלטע לערער האָבן אימפּראָוויזירט; נאָר איין זאַך איז געווען קלאָר, אַז די קינדער דאַרפן זיין היימיש מיט דער אידישער ליטעראַטור און זי קענען לייענען אינעם אָריגינאַל און אַז די שול דאַרף זיין אין פולן הסכם מיט דער וועלטלעכער היים פון די עלטערן און קינדער. אין 1920 ווערט שוין געגרינדעט די צווייטע באָרוכאָוו שול אין ווילאַ קרעספּאָ און ווערט אויסגעהאַלטן אַדאַנק די

איבערגעגעבענע טוער, וואָס קאָנצענטרירן זיך אַרום זיי. עס אַרבעטן איצט שוין פאַרן אויסהאַלט פון די שולן שילער פון יענע ערשטע באַרוכאָוו־שולן מיט דער זעלבער איבערגעבנקייט ווי זייערע גרינדער. שפּעטער זעען מיר ווי די גרינדונג פון וועלטלעכע שולן ווערט די וויכטיקסטע קולטור־אַרבעט אין אַרגענטינע און דער הויפּט־אינטערעס פון די פאַרשידענע אידעאָלאָגישע ריכטונגען אין דער אידישער אַרבעטער באַוועגונג.

די נאָך - מלחמה - איינוואַנדערונג

די אידישע איינוואַנדערונג אויף וועלכער מען האָט זיך גערעכנט באַלד נאָך דעם וואָפנשטילשטאַנד, האָט געלאָזט אַביסל וואַרטן אויף זיך. איינצלנע אימיגראַנטן האָבן זיך דורכגעריסן אין 1919, אַ גרעסערע צאָל אין 1920 און ערשט אין 1921 און 1922 האָט זיך דער שטראָם פאַרשטאַרקט. דער שטראָם איז געווען אַ דאָפּלטער, ער איז געגאַנגען פאַר אַרגענטינע און פאַר די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט שטרענג אָנגעהאַלטן איר קוואָטע־סיסטעם און האָט געגעבן אַ פּריווילעגיע די וואָס געפינען זיך שוין אין וועג. דער צווייטער מין וואַנדערער האָט געהאַט אַן אויסקוק צו קענען אַריינכאַפּן זיך אין די פאַראייניקטע שטאַטן איבער דער גרעניץ פון מעקסיקע אָדער קובאַ, וועלכע זיינען געווען האַלב־אָפן פאַר פּראָהיבישאָן־געסט, וואוהין זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט פון דאַנען, אָדער אויספּועלן אַ דערלויבעניש אויף אַריינצופאָרן דורך דעם אַמעריקאַנער קאָנסולאַט אין בוענאָס איירעס, אויף דער פּוילישער קוואָטע.

די מורא, אַז מען וועט שטעלן גרויסע שוועריקייטן דער אידישער איינוואַנדערונג, האָט זיך אויסגעלאָזט פאַר אַן אומזיסטער. אין דער זעלבער צייט ווי די באַלעבאַטים פון די פעלדער און פון דער אויסגעוואַקסענער אינדוסטריע, האָבן זיך געשראָקן פאַר דעם באָלשעוויסטישן באַציל, וואָס די אימיגראַנטן ברענגען מיט זיך פון מזרח־אייראָפּע, האָבן זיי זיך אָבער אויך גענויטיקט אין הענט, וואָס זאָלן אַראָפּ־

זעצן מיט זייער קאָנקורענץ די לוינען, וואָס זיינען קאָנטראָלירט גע־וואָרן פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען; און גראָד האָט איטאַליע פאַר־האַלטן דעם שטראָם פון איר אויסוואַנדערונג צוליב מוסאָלינים מי־ליטערישע צילן; טייל אייראָפּעיִשע לענדער, ווי פראַנקרייך, בעלגיע, זיינען געוואָרן איינוואַנדערונגס לענדער, צוליב דער אויפבויאונג פון זייערע חורבות און האָבן אָפּגעצויגן אַ טייל פון דער מזרחדיקער וואַנ־דערונג צו זיך, און מען איז דעריבער דאָ, פאַרקערט, נאָך געווען גערן די איינוואַנדערונג פון די אידן, וואָס זיינען דאָך סוף כל סוף אַרבעט־זאַמע מענטשן און האָבן פיינט אומצוגיין ליידיק.

אין דער אידישער געזעלשאַפט, האָט די פאַרשטאַרקטע איינוואַנ־דערונג סוף 1921 און אָנהויב 1922 אַרויסגערופן אַ גרויסע זאָרג פאַר זיי און אין דער זעלבער צייט אַן אינערלעכן ספסוך איבער דעם ווער עס זאָל זיין דער אַפּוטרופּס אויף די איינגעוואַנדערטע. דער צ. ק. ווי מען האָט גערופן פאַרקירצט דעם צענטראַלן הילפס קאָמיטעט פאַר די מלחמה־ און פּאָגראָם־געליטענע, וואָס זיין באַשטאַנד איז געוואָרן כמעט דורכויס אַ ציוניסטישער נאָך דעם צוזאַמענפאָר, וואָס ער האָט אָפּגעהאַלטן אין 1920 מיט אַ גרויסער צאָל דעלעגאַטן פון דער פּראָ־ווינץ, איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט אַ פאַריזער גרופּע ציוניס־טישע כלל־טוער, וואָס האָט זיך גערופן מיט דעם קלינגענדיקן נאָמען „ווערעליעף" (וועלט הילפס קאָנפערענץ), וואָס איר גאַנצע „וועלט" איז באַשטאַנען פון איין אַרגענטינע און האָט אין פּאַריז נישט מער ווי געלעבט און געצאָלט דירה־געלט און געשריבן בריוולעך פאַר דעם געלט, וואָס זי האָט באַקומען פון דעם בוענאָס איירעסער צ. ק. און אָט דער „ווערעליעף" האָט זיך געזוכט אַ באַשעפטיקונג און האָט זיך אָנגעשלאָגן צו זיין דער אַגענט פאַר דער עמיגראַציע קיין אַר־גענטינע אונטער דער אַפּוטרופּסות פון דעם צ. ק. אין בוענאָס איירעס. דער צ. ק. האָט דעריבער נאָך פון פריער געהאַט צווישן זיינע אויפ־גאַבן די אימיגראַנטן הילף. דער צ. ק. האָט געהאַט אין זיינע הענט דעם „אַפּאַראַט" פון דער הילפס־אַקציע איבערן גאַנצן לאַנד און האָט געהאַט ביי זיך געזאַמלטע סומעס געלט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין אַ היגער באַנק אַ יאָר צייט און דער קאַסיר זיינער האָט זיך מיט זיי גענוצט צו זיינע פריוואַטע געשעפטן. דער צ. ק. האָט אַזוי אַרום גע־

האט אלע מעגלעכקייטן צו זיין דער אפוטרופס איבער די אימיגראנטן, טאן אבער פאר זיי האט ער נישט געקענט, צו אזא ארבעט האט ער שוין קיין „אפאראט" נישט געהאט. און עס האבן זיך דעריבער גע־נומען שדכנען צו אים צוויי שותפים, וואס יעדער פון זיי האט גע־וואלט נעמען די ארבעט אויף זיך.ביידע האבן זיי זיך דעמאלט גע־האט געגרינדעט: דער אימיגראנטן שוץ פאריין און דער הכנסת אורחים, ביידע מיט מעלות אבער אויך מיט חסרונות. דער ערשטער איז א פעיקער, האט ארגאניזאטארישע כוחות, האט די שטיצע פון איקא, וואס קען פאר א נויט באשטאטן די אימיגראנטן אין די קאלאניעס, אבער איין גרויסן חסרון האט ער, ער איז א קרוב מיט דער קאנגרע־גאציע. און די „פעדעראציע" מיט דער קאנגרעגאציע זיינען ווי פייער מיט וואסער. זיי פארלויפן זיך שטענדיק דעם וועג, כאפן אויס איינע ביי דער צווייטער דעם כבוד און דעם פרעסטיזש, די „רעפרעזענטאנץ". און ערשט נישט לאנג האט זיך געמאכט א מעשה, אז די קאנגרעגא־ציע מיט דער פעדעראציע האבן זיך צוזאמענגעטראפן ביידע ביים מלוכה־פרעזידענט, איריגאזשען, ווען זיי זיינען געגאנגען אים דאנקען אין נאמען פון דער אידישער קאלעקטיוויטעט... דער הכנסת אורחים איז א גאנץ אומשולדיקע אינסטיטוציע, געגרינדעט פון פשוטע, וואוילע אידן, וואס האבן דרך ארץ פאר ציוניסטן, נאר צו אזא ארבעט ווי אימיגראנטן שוץ, טויגן זיי נישט. זיי קענען געבן די אימיגראנטן אפצועסן א מיטיק, אבער נישט מער. איבערגעוואויגן האט סוף כל סוף דער אימיגראנטן־שוץ. דער צ. ק. האט מפייס געווען דעם הכנסת אורחים מיט 2.000 פעזעס ער זאל פראווען א סדר פאר די אימיג־ראנטן און פאר א שותף האט ער ארייגענומען דעם אימיגראנטן־שוץ. נאר אז מען איז פארט שונאים, האט דער שותפות לאנג נישט אנגע־האלטן און דער אימיגראנטן־שוץ איז געווארן זעלבסטשטענדיק. דער צ. ק. איז געבליבן ביי זיין ארבעט פון געלט־איבערווייזונגען פון קרובים קיין פוילן און אויך האט ער זיך דערמאנט אן זיינעם א באשלום אראפצוברענגען פון אוקראינע קיין ארגענטינע א פאר הונדערט יתומים אויף דערציאונג און דער אימיגראנטן־שוץ האט ערשט באוויזן וואס ער קען אויפטון. ער האט איינגעארדנט א פאבריק צו נייען וועש, ביי וועלכער ער האט באשעפטיקט די פרויען אימיגראנטקעס און פאר די

מענער האָט ער געזאָרגט אויף אַן אַנדער אופן. ער האָט זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַ ריי עקספּאָרט־הייזער, אָנגעשלאָסענע אין דער באַרימטער שוין פון פריער „אַסאָסיאַסיאָן דעל טראַבאַכאָ", וואָס האָט געהאַט אַזאַ וויכטיקע האַנט ווי די „בריגאַדעס" פון דער „פּאַטריאָ־טישער ליגע" אין דער טראַגישער יאַנואַר־וואָך און אָנגעבאָטן זיי אַר־בעטער, לייען שטרייקברעכער. דאָס אייגענע האָט באַלד נאָכגעטון דער צ. ק., וועלכער האָט די אימיגראַנטן־באַזאָרגונג נישט געוואָלט אַרויס־לאָזן פון האַנט.

דאָס האָבן שוין נישט געקענט פאַרליידן די אַרבעטער און זיי האָבן פּראָטעסטירט און האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף אַ דעלעגאַטן־קאָנ־פערענץ און געשאַפן אַן אַרבעטער אימיגראַנטן קאָמיטעט. די אַרבעט פון דעם אַרבעטער אימיגראַנטן קאָמיטעט איז געווען צו וואָרענען דעם „אידישן עמיגראַציע פאַרבאַנד אין פּוילן", קעגן זיינע באַציאונגען מיט דעם צ. ק. און איינאָרדענען אַ מין קלוב פאַר עמיגראַנטן אַרבעטער, וואו זיי זאָלן באַקומען ידיעות וועגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און דורך זיי באַקומען אַרבעט. די באַציאונגען פונעם „אידישן אַרבעטער עמיגראַציע פאַרבאַנד אין פּוילן" מיט דעם צ. ק., דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, זיינען איינגעשטעלט געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן שליח פון יענעם פאַרבאַנד, אַ געוויסער פּינעס, וואָס האָט נישט געוואָלט וואַרטן אויף דער אָרגאַניזירונג פון דעם אַרבעטער אימיגראַנטן קאָמיטעט און עס האָט זיך איינגעשטעלט אַן אומצוטרוי צווישן אים און די אידישע אַרבעטער. מען מוז אויך מודה זיין, אַז נישט אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען האָבן גערן אויפגענומען ביי זיך די איינגעוואַנדערטע פאַכ־לייט, זיי צו געבן אַ פּלאַץ אין די הייזער, ווערקשטאַטן, וואו זיי האָבן געהאַט דעם קאָנטראָל.

אידישע איינוואַנדערער האָבן אויך אָנגעהויבן פליסן מיט אַ גרע־סערן שטראָם פון אוקראַינע, פון די פאַרוויסטע שטעט און שטעטלעך נאָך די פּאָגראָמען פון דער היידאַמאַטשינע, אונטער דער פירונג פון די אַלערליי אַטאַמאַנען און גענעראַלן, פון די וואָס האָבן געשאָכטן אידן אויפן מזבח פון זייער נאַציאָנאַליסטישן אידעאַל פון אַ „זעלבסט־שטענדיקער" אוקראַינע אונטער דייטשלאַנד אָדער פּוילן און מיט דייטשן און פּוילישן געווער און פון די וואָס האָבן געשאָכטן אידן אין

נאָמען פון דער „גאַנצער, נישט צעטיילבאַרער היילִיקער רוסלאַנד״, אונטער ענגלישע און פראַנצויזישע קאַפּיטאַלן און מיט דער הילף פון זייער געווער. אידן זיינען אויך געלאָפן פון די באָלשעוויקעס אויס מורא פאַר דאָס נייע וואָס איז זיי אומפאַרשטענדלעך געווען; זיי האָבן געזען די קרעמעריי און די מעקלעריי, דעם תבואה־האַנדל און דאָס קצבה־לעבן אונטערגיין און די ערד און די אַרבעט האָט נישט אַלע אידן געלאָקט און זיי זיינען געלאָפן אַריבער דעם דניעסטער קיין בע־סאַראַביע און אַריבער דער וואָלינער און דער ווייסרוסישער גרעניץ קיין פּוילן, און פון דאָרט, צוזאַמען מיט בעסאַראַבער, וואָלינער און ווייסרוסישע אידן, וואָס זיינען אַרונטערגעפאַלן אונטער דער רומע־נישער און פּוילישער שטיוול־הערשאַפט און אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק, געלאָפן קיין אַמעריקע, קיין אַרגענטינע און בראַזיל.

עס קומען צו אונדז די פּראָסקוראָווער פּליטים, פון דער גרויסער אידישער שטאָט אין אוקראַינע, וואָס איז ממש אָפּגעגאַנגען מיטן בלוט אונטער דער הערשאַפט פון פּעטליורא און סקאָראָפּאַדסקי, די צוויי אַגענטן פון די דייטשע אַמביציעס אויף אוקראַינע. עס ווערן צו אונדז געבראַכט הונדערט יתומים און יתומות פון אוקראַינע. עס גרינדעט זיך אין 1921 דער פּראָסקוראָווער לאַנדסלייט פאַראיין, וואָס לאָזט נישט פאַרגעסן ביז היינטיקן טאָג נאָך, די אוקראַינישע פּאָגראָמען, דורך אזכרות און דורך דערמאָנען מיט פאַרערונג שלום שוואַרצבארד, דעם נקמה־נעמער פון פּעטליורא אין 1926.

דערמאָנענדיק די אוקראַינער יתומים, מוז מען דערמאָנען דעם ויכוח וואָס האָט זיך דאָ געפירט אַרום זיי צווישן דעם „צ. ק. פאַר הילף די מלחמה און פּאָגראָם געליטענע״, וואָס האָט זיי אַראָפּגע־בראַכט, מיט דעם בית יתומים, וואָס האָט זיי געפאָדערט פאַר זיך. געגאַנגען איז עס זיי, נאַטירלעך, נישט אַזוי אין דער מצוה, ווי אין דער רעקלאַמע, וואָס זיי זיינען געווען פאַר די צוויי אינסטיטוציעס. דער עיקר אָבער, דערמאָנען מיר דאָ דעם ויכוח צוליב די אַרגומענטן, וואָס ביידע צדדים האָבן דערביי באַנוצט. דער „צ. ק.״ האָט אויפגענומען

אַן איניציאַטיווע פון אַ קאָלאָניסטישן טוער, אגב אַ איקאַ־אַדמיניס־טראַטאָר, וועגן אויסבויען אַ יתומים־קאָלאָניע, וואָס זאָל אַריינברענגען פריש בלוט אין דער אידישער קאָלאָניזאַציע, וואָס איז פאַר דער צייט פון דער מלחמה פּאַראַליזירט געווען און זאָלן אויך אויספּילן דעם בלויז פון די קאָלאָניסטישע קינדער, וואָס פאַרלאָזן די קאָלאָניעס און פאָרן אין די שטעט שטודירן אָדער זיך אָנשטעלן ביים מסחר. די טוער פונעם בית יתומים האָבן געטענהט, אַז אויב קאָלאָניזאַציע איז אַזאַ באַשעפטיקונג וואָס די קאָלאָניסטישע קינדער צעלויפן זיך פון איר, איז עס נישט אנשטענדיק, אַז מיר זאָלן די יתומים, וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט אָנגעטרויט דעם אַרגענטינער אידנטום, פאַרשיקן אויף קאָ־לאָניזאַציע; מירן זיי בעסער מאַכן פאַר מענטשן, מירן זיי שיקן בילדן אין שטאָט, פונקט ווי עס שיקן די קאָלאָניסטן בילדן זייערע קינ־דער... געזיגט האָט דער בית יתומים, וואָרום, ערשטנס, האָט דער צ. ק. נאָר גערעדט וועגן אַ קאָלאָניע און ביים ריידן איז ער געבליבן און צווייטנס, איז אין בית יתומים שוין געווען צוגעגרייט פאַר זיי אַן אָרט אין דעם פּראָוויזאָרישן בנין וואָס ער האָט אויפגעשטעלט אויף דעם געקויפטן פּלאַץ אין געגנט פון בעלגראַנאָ. דער בית יתומים, דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, האָט באמת געשיקט אַ פּאָר יתומים לערנען אין אַ מיטל־שול; נאָר אַלע אַנדערע האָבן בלויז דורכגעמאַכט די אָבלי־גאַטאָרישע אָנפאַנג־שול אין בית יתומים גופא אָדער אין אַ דערביי־איקער רעגירונגס־שול, גלייך מיט די היגע יתומים. אידיש האָבן זיי מיטגעבראַכט פון דער היים און ווייטער געלערנט אין בית יתומים, אונטער דער השגחה פון פרומע אידן. באַקומען האָבן זיי אין דעם אנשטאַלט אויך אַ געוויסע מוזיקאַלישע דערציאונג דורך אַן אייגנע־אָרדנטן בלאָז־אָרקעסטער און דער עיקר האָבן זיי געלערנט אַ פאַך: דרוקעריי און איינבינדעריי אינעם אנשטאַלט גופא.

אין 1922 דערמאָנט זיך אויך איקאַ אויף אירע אַרגענטינישע קאָלאָניעס, וואָס זיינען שטיין געבליבן אין זייער וואוקס אויף דעם זעלבן אָרט ווי מיר זעען זיי אין 1912. פאַר דער צייט פון די צען יאָר האָט די איקאַ בלויז אויסגעפּילט מיט נייע קאָלאָניסטן די לעבער

וואס האבן זיך געשאפן אין די קאלאניעס אדאנק איר קאלאניזאציע און פארוואלטונגס סיסטעם, זי האט באזעצט בלויז די „טשאקרעס" פון די „דעסלאכירטע" (אראפגעטריבענע) אדער פון די וואס האבן אליין פארלאזט זייערע נחלות אויף די זאמדיקע ערדן פון דער פאמפא אדער אויף די סאליטרע־ערדן ביי די גרעניצן פון סאנטא פע און סאנטיאגא דעל עסטערא. ווי גרויס עס איז געווען דער דראנג פון די אזוי גערופענע „קאנדידאטן" וועגן וועלכע מיר האבן פריער דער־מאנט זיך צו באזעצן אויף ערד, האבן זיך מער נישט געפונען קיין בעלנים צו פארנעמען די ליידיק געווארענע ערד אין די קאלאניעס בערנאסקאני, מאנטעפיארע און דארא, און די איקא האט אראפגע־בראכט, ספעציעל ווידער צו באפעלקערן מאנטעפיארע און דארא א גרופע פון עטלעכע און זעכציק משפחות אידישע ערד ארבעטער פון גאליציע. דערצו האט די איקא געווארפן אן אויג אויף א נייעם שטח לאנד אין טשאקא, וואס האט באלאנגט צו דער רעגירונג און וואו עס האט זיך אנגעהויבן א גייעג אויף צו פארכאפן די ערד אויף וואטע־פלאנטאציע און זי האט באדארפט באווייזן, אז זי פירט באמת א קאלאניזאציע ארבעט. אין 1923 האט די איקא צוליב דעם צוועק צו־געשטעלט דער ארגענטינישער רעגירונג א מעמאראנדום וועגן איר קא־לאניזאציע ארבעט און דארט גיט זי אן די צאל קאלאניזירטע אין 2588, פון זיי אייגנטימער 391, וואס דאס באווייזט א פארקלענע־רונג לגבי איר סטאטיסטיק פון 1916, א חשבון פון 21 קאלאניסטן. אויך איר קאלאניזירטער שטח איז פאר דער צייט פארקלענערט גע־ווארן מיט 7664 העקטאר.

די פרוכט פון דער נייער קאלאניזאציע האט זיך באלד געלאזט הערן אין שטאט דורך א הילפס־געשריי פון די קאלאניזירטע, מיט א מעלדונג צו די שטאטישע אינסטיטוציעס זיי זאלן אינטערווענירן ביי דער איקא זי זאל זען דערפילן דאס וואס זי האט זיי צוגעזאגט און זיי לאזן באפעסטיקן זייער ווירטשאפט. די אידישע געזעלשאפט איז נאך דעמאלט אונטערן איינדרוק פון א ווענדונג וואס איז צו איר גע־מאכט געווארן אין 1922 פון די בערנאסקאניער קאלאניסטן, וועלכע מען האט געצוואונגען, אונטער דער דראונג פון עקסמיסיע, אונטער־צושרייבן נייע קאנטראקטן מיט פשוט פארשקלאפנדיקע פונקטן, און

די אָרגאַניזירונג פון די קאָלאָניסטן צו אַ קאַמף קעגן די איקאַ־מע־טאָדן ווערט אַ שאַרפע נויטווענדיקייט. אַ גרויסן חלק אין דער געזעל־שאַפטלעכער אויפרודערונג קעגן דעם מין איקאַ קאָלאָניזאַציע האָט געהאַט, אחוץ דער אידישער פּרעסע, אויך ה. ד. נאָמבערג, וועלכער איז דעמאָלט געווען אויף אַ רייזע איבער אַרגענטינע.

אָט די פאַקטן, ווי דער פאַרשאַרפטער דרוק אויף די קאָלאָניסטן אין די אַנדערע קאָלאָניעס, דורך וועלכן איקאַ האָט געוואָלט צווינגען די אידישע קאָלאָניסטן אין אַרגענטינע זיי זאָלן אריבערגיין אויף אינטענסיווער אגראַר־ווירטשאַפט, אָנוועגדנדיק דערצו די מיטלען פון אָפּשניידן ביי זיי שטיקער פעלד פאַר די חובות, נישט קאָלאָניזירן די זין מיט די אַרבעט־מכשירים, צודרינגלעכער מאָנען די חובות אָן איינ־זעעניש אויף די שלעכטע יאָרן און אומגערעטעניש, האָבן ארויסגע־רופן די קאָלאָניסטן צו אָרגאַניזאַציע און אין 1925 איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין דער הויפּט־שטאָט דער צווייטער קאָלאָניסטישער קאָנ־גרעס, וואָס האָט געגרינדעט די אידישע אַגראַר־פעדעראַציע. אירע גלגולים ביז היינטיקן טאָג זיינען אַ קאַפּיטל פאַר זיך.

1925 ברענגט אַ געוויסן שטילשטאַנד אין דער איינוואַנדערונג. פון איין זייט האָט אוקראַינע אויפגעהערט צו זיין אַן אויסוואַנדערונגס־לאַנד. אידן האָבן אויפגעהערט לויפן אריבער דער גרעניץ, עס האָבן זיך פאַר זיי געעפנט נייע אינערלעכע איבערוואַנדערונגס־פּונקטן: אין קרים, אין דער אמאָליקער טאַוריע, קאַטערינאָסלאַווער גובערניע, אַדע־סער קרייז, די נייע מאָלדאַוויע ביים דניעסטער און אפילו אינעם גע־דיכטן פּאָדאָליע זיינען אויפגעקומען צענטערן פון אידישער ערד־אַרבעט, באַלמעלאָכישע אַרטעלן, ניי־פאַבריקן און שוך־פאַבריקן, טריקאָטאַזש־קאָאָפּעראַטיוועס; די אַלטע אידישע קאָלאָניעס פון כערסאָנער, קרי־וואָראָגער, ניקאָפּאָליער, הוליאַיפּאָלער געגנט האָבן אויפגעלעבט, זיך אויסגעברייטערט, צובאַקומען נייע און זיך פאַרוואַנדלט אין אידישע ראַיאָנען. פון דער אַנדער זייט, האָט מען אין אַרגענטינע אָנגעהויבן שמעלן שוועריקייטן דער אימיגראַציע, ספּעציעל דער אידישער. מען האָט איבערהויפּט פאַרבאָטן יעדע אַנדערע איינוואַנדערונג אחוץ דער קרובים־איינוואַנדערונג.

געזעסן אויפן פּרעזידענטן־שטול איז דעמאָלט אַלוועאַר, איריגאָ־

זשענם נאכפאלגער, אבער מיט א נטיה צו די גרויסע פריצים, צו די לאטיפונדיסטן, וואס האבן זיך געזען אפגענארט פון דער נייער איינוואנדערונג. געמיינט האבן זיי, אז די איינגעוואנדערטע נאך דער מלחמה וועלן זיך א לאז טאן אויף אלע פוסטע און וויסטע פעלדער זיי צו באלעבן און צו וואלאריזירן: ערשט, ניין, די איינגעוואנדערטע זיינען גאר פארבליבן אין שטאט, זיי גייען גאר אום איבער די גאסן פאר־קויפן פאסקעס און בייטעלעך, זאקן מיט קראוואטן... די וועבער און שטריקער, די שניידער און די בייטלמאכער, האבן זיי, נאטירלעך, נישט געזען און עס איז זיי אויך נישט אינטערעסאנט געווען צו זען ווי פאבריקאנטן און טאנדעט־סוחרים ווערן רייך. כדי צו זוכן בעלנים אויף ערד, האט מען געמוזט שיקן אגענטן אזש קיין בולגאריע און דערצו נאך בולגארן מיט געלט פאר די פארקויפטע נחלות אין דער היים און ערשט, זיינען זיי פון די פעלדער אנטלאפן אין שטאט אריין און דא אנגעמאכט אזא סקאנדאל, אז מען האט זיי געמוזט אהיימשיקן. איז אויב נישט אויף די פעלדער, טא צו וואס דארף מען די איינוואנדע־רונג? און מען האט זי גענומען באשרענקען, ווי שוין געזאגט.

די אפיציעלע ציפערן, אויף וויפיל מען קאן זיך אויף זיי שטיצן בנוגע דעם עטנישן כאראקטער פון דער איינוואנדערונג, גיבן אן פאלגנ־דע צאלן, וואס באווייזן דאס שטייגן און פאלן פון דער אידישער איינוואנדערונג אין דידאזיקע ערשטע יארן: אין 1920 זיינען אריינגעקומען דורכן בוענאס איירעסער האפן 2071 אידן. אין 1921, איז שוין די צאל אריינגעקומענע 4095, אין 1922 — 7198, אין 1923 — 13.700; אבער שוין אין 1924 פאלט די צאל אויף 7.800 און אין 1925 אויף 6.900.

א טאבעלע צוזאמענגעשטעלט פונעם אידישן אימיגראנטן־שוץ פאר־ריין וועגן די אידישע איינוואנדערער, וואס האבן זיך אין דעם פאריין רעגיסטרירט, מיט א באצייכענונג פון די לענדער פון וואנען די אימיג־ראנטן זיינען געקומען, קלערט אויף די דערשיינונג אין דעם זין ווי מיר האבן זי אויבן אויסגעטייטשט.

בעת אין 1922 איז די צאל רעגיסטרירטע פון פוילן 640 און פון רוסלאנד און אוקראינע 540; אין 1923 פון פוילן 950 און פון רוס־לאנד און אוקראינע 666, איז זי אין 1924 — דאס ערשטע יאר פון

דער אידישער ערד־איינאָרדענונג אין אוקראַינע — פון פוילן 818, פון רוסלאַנד 161 און פון אוקראַינע — נול.

אין 1925 און 1926, גיט ווידער אָן די טאַבעלע רעגיסטרירטע פון אוקראַינע, 21 און 77 לויטן סדר, אָבער דאָס זיינען געווען, ווי עס איז צו זען פונעם באַריכט, וואו די טאַבעלע איז אָנגעגעבן, אַ רעזול־טאַט פון אַן אָפּמאַך צווישן איקאַ און דער אַרגענטינישער רעגירונג אַריינצולאָזן אויף דער איקאַס אחריות די אַזוי גערופענע „געשטראַנ־דעטע" עמיגראַנטן, אוקראַינער און רוסישע פּליטים אָן דאָקומענטן, וואָס האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין דאַנציג, אין בעסאַראַביע און אין די אייראָפּעישע האַפן־שטעט אַלס קרבנות פון דער נ. אַמעריקאַנער „קוואָטע". אין 1927 איז שוין די צאָל איינגע־וואַנדערטע אוקראַינער אידן ווידער נול.

פאַרוואָס דאָרט אין אוקראַינע באַזעצן זיך שטאָטישע אידן אויף ערד און דאָ אין אַרגענטינע אַנטלויפן דאָרפישע בולגאַרן אין שטאָט אַריין, איז אַן ענין מיט וועלכן די פּריצים האָב זיך נישט באַשעפטיקט. געווען איז דאָס די פראַגע מיט וועלכער עס האָט זיך באַשעפטיקט די אידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין אַרגענטינע און האָט פון דעם אַרויס־געטראָגן, אַז דער גרויסער אידישער אידעאַל פון אַגראַריזאַציע, וואָס האָט באַשאַפן גרויסע אידישע באַוועגונגען, דעם ציוניזם, די באַראָן הירש קאָלאָניזאַציע, דעם טעריטאָריאַליזם און אַלע אַנדערע פּרואוון פון אידישער קאָלאָניזאַציע, קען פאַרווירקלעכט ווערן נאָר ביי די באַדינ־גונגען, וואָס הערשן אינעם ראַטנפאַרבאַנד.

ווען דער גרויס פון דעם פּראָצענט פּאַבלאָזע, צווישן די איינ־געוואַנדערטע אידן אין יענער צייט, וואָס האָט אַרויסגערופן די באַאומ־רויקונג פון דער רעגירונג, לאָזט זיך שטאַרק דיסקוטירן. אַ טאַבעלע פונעם אימיגראַנטן שוץ פאַריין פאַר די יאָרן 1922-1927 רעגיסטרירטע איינוואַנדערער לויט די פּראָפעסיעס, גיט אָן אויף 1498 רעגיסטרירטע אין 1922 — 717 פּאַבלאָזע; גייען אריין אין דער צאָל 223 מינדער־יעריקע און 385 פרויען, וואָס 93 פון זיי האָבן אַ פּראָפעסיע און עס בלייבט שוין פּאַבלאָזע נישט מער ווי 200 אויף 1498, וואָס דאָס באַ־טרעפט נישט מער פון 13 פּראָצענט. דער דורכשניט פון די אָנגעגע־בענע זעקס יאָר באַווייזט אויף 7816 רעגיסטרירטע 4291 פּאַבלאָזע,

נאָר אַז מען רעכנט פון זיי אַראָפּ די 999 מינדעריעריקע און די 1607 פּאַכלאָזע פרויען, וועלכע זיינען הויז־באַלעבאָסטעס, בלייבט שוין פון זיי נישט מער ווי 1689 און דאָ טראָגט שוין אויס דער פּראָצענט 21 מיט אַ האַלבן. ס'איז אָבער גענוג צו וויסן אַז לויט די אָפיציעלע דאַטן האָבן איינגעוואַנדערט אין די זעקס יאָר 48.682 אידן, דאָס הייסט, אַז 40.886 האָבן נישט געהאַט קיין נויט זיך צו רעגיסטרירן, אַלס פּאַכמענער, און דער פּראָצענט פּאַכלאָזע פאַלט אַרונטער נידעריקער פון איינס. ווען מיר זעען דאָך אין דער הויפּט־שטאָט אימיגראַנטן הענדלער אַמבולאַנטן, איז עס שוין דעריבער נישט אינגאַנצן זייער שולד, נאָר אויך די נישט צוגעגרייטקייט פונעם לאַנד צו געבן זיי באַ־שעפטיקונג ביי זייערע פאַכן. אינטערסעאַנט איז צו וויסן, אַז צווישן דער צאָל פאַרעגיסטרירטע אין משך פון די זעקס יאָר, פיגורירט אַ צאָל פון 1011 אַגריקולטאָרן, צווישן זיי 3 אַגראָנאָמען. און מיר זיינען נישט ערוב צי נישט גראָד אַ גרויסער טייל פון די איינגעוואַנדערטע אַגריקולטאָרן, האָט זיך געמוזט נעמען צו דער דאָזיקער שטאָטישער פּרנסה, מחמת די באַלעבאַטים פון די אַרגענטינישע שטרעקעס לאַנד האָבן זיך ווייניקער ווי אַלץ געקימערט, אַז זייער באָדן זאָלן די אַגרי־קולטאָרן קענען האַלטן אויף זיך.

דער אימיגראַנטן שוץ פאַריין האָט אַ סך געטון פאַר די איינגע־וואַנדערטע, ער האָט פאַר זיי דורכגעפירט די פּראָצעדור פון די „זשאַ־מאַדאָס", (אַרויסרופונג דורך די קרובים), וואָס אָן זיי האָבן זיי זיך נישט געקענט רירן פון די ערטער, ער האָט זיי געדינט מיט אָנוויי־זונגען דורך די פאַרבינדעטע אינסטיטוציעס אין די אויסוואַנדערונגס און דורכוואַנדערונגס־לענדער, דורך היאַס, עמיגדירעקט און איקאַ, שפּעטער פאַראייניקטע אינעם „היצעם". ער האָט באַזייטיקט מיספאַר־שטענדענישן ביים וויזירן פּאַספּאָרטן אין די אויסלענדישע קאָנסו־לאַטן; ער האָט זיי אַרויסגעהאָלפן און באַזייטיקט שוועריקייטן ביים אָפּשטייגן, האָט פאַרהיט פרויען פון אַריינפאַלן אין דער נעץ פון פרויענהענדלער, אַרבעטנדיק צוליב דעם אין קאָנטאַקט מיט דעם פרויען

שויץ פאריין „עזרת נשים" (אן אפטיילונג פון דער לאנדאנער אידישער געזעלשאפט צו שיצן פרויען און מיידלעך און לעצטנס אנגעשלאסן אן דעם ביורא צו באקעמפן פרויען־האנדל ביי דער פעלקער־ליגע); ער האט זיי געדינט מיט אינפארמאציעס, מיט ארבעטס נאכווייז און טייל אויך באזארגט מיט ארבעט און מיט ערשטער געלט־הילף; מער נאך אבער ווי דער אימיגראנטן שויץ האבן פאר די איינגעוואנדערטע געטאן די לאנדסלייט פאריינען.

דער פויליש־אידישער אגודת אחים, דער בעסאראבער לאנדסלייט פאריין און דערנאך דער רומעגישער „אזשוטארול" האבן דורך דעם פוילישן און רומעגישן קאנסולאט געבראכט אין ארדענונג פאפירן, גע־מאכט „זשאמאדעס" און דער עיקר, געהאלפן די איינגעוואנדערטע דא זיך איינארדענען, געגעבן זיי הלוואות, געשאפן פאר זיי א היימישע סביבה. דאס איז אויך געווען דער אנהויב פון דער ברייט צעוואקסע־נער קעגנזייטיקער הילף דורך ליי־קאסעס. צוליב קעגנזייטיקער הילף נעמען זיך דעמאלט גרינדן לאנדסלייט פאריינען פון געגנטן, פון שטעט און אפילו פון שטעטלעך, וואס ארדענען באלד איין ביי זיך ליי־קאַ־סעס און גלאט הילף און צוזאמען דערמיט קולטור־טעטיקייט, ווי קעסטל־אוונטן, ליטעראַרישע און געזעלשאפטלעכע משפטים, טאנץ־אוונטן אום ווינטער און פיקניקס און אויספלוגן אום זומער.

צוליב די אלגעמיינע ארבעטן, ווי די דערמאנטע אזוי גערופענע „קאנסולארע" ארבעט, זאמלונגען ביי יעדן רוף נאך הילף וואס קומט פון דער אלטער היים, קומען זיי זיך צוזאמען און אזוים ארום איז דער פויליש־אידישער „אגודת אחים" פארוואנדלט געווארן אין א „פויליש־אידישן פארבאנד".

אין 1922 גרינדעט זיך צוליב די צילן דער פארבאנד פון די גאליציאנער אידן, וואס אנטוויקלט א באזונדערס אקטיווע אידישע קולטור ארבעט, האט א דראמאטישן קרייז, א ביבליאטעק, ארדנט איין קאנפערענצן, נעמט אויף ליטעראטן און טעאטער־געסט, באערט שריי־בער צו זייערע יובילעאומס און צום דערשיינען פון זייערע ביכער און שאפט אזוי ארום א דערנענטערונג צווישן שרייבער און לייענער.

בכלל איז דער מענטש פון די לאנדסלייט פאריינען א פאלקס־מענטש אינעם בעסטן זין פון דעםווארט. ער טראגט אריין אין דער

געזעלשאַפטלעכער און קולטור־אַרבעט דאָס פאַמיליערע און דאָס געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אין זיין פאַמיליע.

צווישן 1921 און 1930 פאַלט אויס די גרינדונג פון דער גרעסטער צאָל לאַנדסלייט פאַריינען אין דער הויפּט־שטאָט: דער פּראָסקוראָווער, דער פּערוואָמאַיסקער (קריוואָזער), דער ראָוונער, דער קאַמענעץ־פּאָדאָלסקער, דער קאָרווער, דער וועגגראָווער (אַ צווייטער, דער ערשטער געגרינדעט אין 1906, האָט זיך אויפגעלייזט אינעם פּויליש־אידישן אגודת אחים), דער אָסטראָגער, דער אַנטאָפּאָליער, דער ווירוסישער, דער לעטלענדישער, דער לובלינער, דער ראַדאָמער, דער באָהאָפּאָלגאָלטע־אָרעלער, די לאָמזער לײַ־קאַסע, די פּרושענער קראַנקן־קאַסע, די נעמיראָווער אַקציען־געזעלשאַפט, דערנאָך קומט דער ביאַליסטאָקער, דער קלעצקער, דער קאָוולער, דער ווילנער, דער פּולטוסקער, דער מיעכאָווער, דער וולאָדאַווער, דער בעלעמער, דער מעזריטשער, דער פּויליש־אידישער פאַרבאַנד אין טוקומאַן און ראָזאַריאָ א. א.

די איינגעוואַנדערטע אַרבעטערשאַפט באַפרידיקט איר געזעלשאַפטלעך און קולטור־לעבן אין די אַלגעמיינע קולטור־צענטערן און ביבליאָטעקן, וואָס זיי באַטראַכטן פאַר אידעאָלאָגישע פּאָזיציעס און קעמפן צווישן זיך אָפט פאַר דער העגעמאָניע אין די קולטור־צענטערן.

צו יענער צייט גרינדן זיך אַלץ נייע אַזעלכע קולטור־צענטערן אין שטאָט ווי אין די פאַרשידנסטע געגנטן, וואו עס וואוינען גרויסע גרופּעס אידישע אַרבעטער: אין ווייזשאַ דעוואָטאָ, אין וואַלענטין אַלסינאַ, אין בעלגראַנאָ און אין ליניערס; טייל קולטור־צענטערן בייטן אונטערן איינפלוס פון די ניי־צוגעקומענע מיטגלידער זייער אידעאָלאָגישע באַפאַרבונג און אין טייל קומט עס צו סקאַנדאַלן אַפילו.

אין 1927 גרינדן זיך אין פאַרשידענע געגנטן פון שטאָט אַרבעטער־קלובן, וואָס פילן אויס דאָס גאַנצע קולטור־לעבן פונעם אידישן אַרבעטער און פירן איין אַחוץ דראַמאַטישע קרייזן, כאָרן, מאַנדאָלין־סעקציעס און שאַך־סעקציעס, אויך פיזישע קולטור: גימנאַסטישע איבונגען און ספּאָרט.

דער אימיגראַנטן־שוץ פאַריין, וועלכער איז, אַלס קאָנטראָלירטער פון איקא, אַריינגעטראָטן 1927 צוזאַמען מיט איר אין דער קאָמבי־נירטער אייראָפּעישער עמיגראַציע־געזעלשאַפט „היצעם" (היאַס־איקאַ־עמיגדירעקט), האָט אין דעם יאָר באַשלאָסן צו פאַרופן אַ אידישן אימיגראַציע־קאָנגרעס אין אַרגענטינע אין מאַי 1928, וואָס זאָל דורכ־געפירט ווערן מיט דער אָנוועזנהייט פון היצעם־טוער פון אייראָפּע. אויף דעם קאָנגרעס האָבן זיך געזאָלט פאַרהאַנדלען פאָלגנדע פּונקטן וואָס שייך אימיגראַנטן־הילף: 1) אויספאָרשן דעם אַרבעטס מאַרק; 2) פּראָפעסיאָנעלע צוגרייטן דעם אימיגראַנט; 3) קרעדיט פאַר באַלמע־לאָכעס און סוחרים; 4) נאַטוראַליזאַציע און שפּאַנישע קורסן; 5) שאַפן פינאַנציעלע מיטלען אויף דורכפירן די אָנגענומענע פּלענער.

דער קאָנגרעס איז צו דער באַשטימטער דאַטע פאָרגעקומען. פון היצעם איז געקומען אַלס דעלעגאַט קריינין און פון איקא — ספּעציעל ל. אונגרע. דעלעגאַטן פון די סוב־קאָמיטעטן אין די קאָלאָניעס האָבן צוגעגעבן נאָך שאַרפע דעבאַטן נאָך איין פּונקט — קאָלאָניזאַ־ציע און נישט גראָד פון אימיגראַנטן, נאָר פון קאָלאָניסטישע זין. ל. אונגרע האָט דעמאָלט באַליידיקט די קאָלאָניסטן, אַז זיי טויגן נישט צו דער אַרבעט, מען האָט פּראָטעסטירט, דער פּרעזידיום האָט גע־בעטן די צייטונגען זיי זאָלן דעם סקאַנדאַל פאַרשווייגן („די פּרעסע" האָט דאָס גראָד נישט פאַרשוויגן). נאָר אַרויסגעקומען איז פון דעם קאָנגרעס בלויז איין זאַך: אַ באַשטימונג צו שאַפן אַ סומע פון 75 טויזנט פּעזעס פאַרן היצעם און זיי זיינען געשאַפן געוואָרן דורך אַ קאַמפּיין איבערן לאַנד. אַלע איבעריקע אָנגעמערקטע אַרבעטן זיינען אויך געטון געוואָרן, אָבער נישט פונעם אימיגראַנטן שוץ פאַריין, נאָר סטיכייאיש פון די אימיגראַנטן גופא מיט דער הילף פון די לענגער איינגעזעסענע. דעם אַרבעטס־מאַרק האָט געפאָרשט יעדער אימיגראַנט באַזונדער דורך די אַנאָנסן פון אַרבעטער־פאָדערונג אין די צייטונגען, דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אָדער דורך פּריוואַטע רעקאָמענ־דאַציעס; פּראָפעסיאָנעלע צוגרייטונג האָבן זיי באַקומען אַלס „לערנ־אינגלעך" אין די ווערקשטאַטן; קרעדיט האָבן זיי באַקומען פון די איינגן געגרינדעטע לייַ־קאַסעס און בענקלעך ביי די לאַנדסלייט פאַריי־נען; נאַטוראַליזירט האָבן זיי זיך נישט, מחמת די שוועריקייטן וואָס

די מאַכט האָט געשטעלט דערצו, זיינען אַלץ גרעסער געוואָרן, ביז אומעגלעכקייט; שפּאַנישע קורסן האָט מען גראָד געגרינדעט, איינע אַן אָוונט־שולע אין ווילשאַ קרעספּאָ, אויף יוצא זיין, וואָס האָט פונקציאָנירט צוויי ווינטער־סעזאָנען, 1929 און 1930; דער פּונקט „קאָלאָניזאַציע" האָט מער ווי בייז בלוט נישט אַרויסגערופן.

דער אימיגראַנטן שוץ פאַריין איז געבליבן ביי זיין אַרבעט אונטערצוקומען ביים מאַכן „זשאַמאַדעס" און ביי יעדן שווערן פאַל אָדער אויסנאַמלאַגע אין דער איינוואַנדערונג פּראַקטיק און דאָס טוט ער מיט דער געהעריקער אויפמערקזאַמקייט און דערפאָלג זינט זיין גרינדונג ביז היינטיקן טאָג, ספּעציעל אין די לעצטע יאָרן, ווען עס האָט זיך פאַרשטאַרקט די איינוואַנדערונג פון דייטשלאַנד, אַ דאַנק דעם נאַצי־רעזשים.

דער הויפּט־כאַראַקטער פון דער איינוואַנדערונג איז באַשטאַנען גראָד אין דער גרויסער צאָל פאַבליים, וואָס זי האָט מיט זיך געבראַכט פון פּוילן, דערין פון צוויי פאַכן, וואָס האָבן ביז דעמאָלט נישט געוואַנדערט, אַלנפאַלס, נישט קיין אַרגענטינע. דאָס זיינען געוועזן וועבער פון לאָדזש און פון ביאַליסטאָק און שטריקער, מערסטנס וואַרשעווער.

נייע אינדוסטריע-צווייגן אין אַרגענטינע

פון דעמאָלט, דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, צעוואַקסט זיך אין אַרגענטינע מיט אַ שנעלן טעמפּ און אימפּעט די וועבער־אינדוסטריע און די שטריקעריי. די וועבערייען באַקומען נישט נאָר ביליקע נאָר אויך געניטע אַרבעטער און עס באַווייזן זיך שוין אויפן היגן מאַרק וועב־שטאָפן, וואָס קאָנקורירן מיט די אייראָפּעישע, אויב נישט מיט די ענגלישע, איז מיט די דייטשע און איטאַליענישע. אַדאַנק דער דאָזיקער קאָנקורענץ און דער פאַרביליקטער פּרייז פון די שטאָפן, צעוואַקסט זיך

אויך די באַקלייד־אינדוסטריע צו אַזאַ גרויס, וואָס מען האָט זיך פריער גאָר נישט געקענט פאָרשטעלן. טריקאָטאַזש — סוועטערס, זאָקן — וואָס פלעגט פריער כמעט אינגאַנצן אימפּאָרטירט ווערן, שטויסט ארויס אינגאַנצן דעם אימפּאָרט און מאַכט די אַרטיקלען פאַר אַן אַלגעמיינעם געברויך, באַרייכערט מיט אַלץ נייע מוסטערן. קינסטלעכע זייד־אויס־אַרבעט שטויסט אויך אַרויס אַדאַנק די אידישע זיידוועבער פון לאָדזש און ביאַליסטאָק דעם גרעסטן טייל אימפּאָרט, און די נייע אינדוסט־ריעס, ווי די פריערדיקע, וואָס זיינען אַ דאַנק די נייע אויסגעוואַקסן, באַשעפטיקן שוין נישט בלויז איינגעוואַנדערטע פאַכלייט, נאָר אויך מאַסן פרויען און אַפילו קינדער פון פאָרשטאָטישער אָרעמקייט. עס וואַקסן אויס נייע פאָרשטעטישע ישובים אַרום די וועב־פאַבריקן, די אַלטע ווערן געדיכטער באַפעלקערט און באַלעבט, יעדע געגנט מיט אירע צענטראַלע גאַסן, מיט אירע ווערקשטאַטן, קראָמען, קאַפע־הייזער און פאַרוויילונגס־פּלעצער, מיט אַ געדיכטן גאַסן־פאַרקער. עס וואַקסן דעמאָלט אויס די צוויי וויכטיקע צענטערן פון אידישן שטאָפן און באַקלייד־האַנדל: אָנסע און קאַנינג, עס צעוואַקסן זיך די אידישע קרע־דיט־אַנשטאַלטן און דערגרייכן צו זייער איצטיקן פיל מיליאָניקן אומזאַץ.

דאָס אַלץ, דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, איז דערגרייכט געוואָרן, נישט געקוקט אויף דער גלייכגילטיקייט און אַפילו נישט גערנקייט, וואָס די רעגירער פונעם לאַנד האָבן אַרויסגעוויזן צו דער אַנטוויקלונג פון דער אייגענער אינדוסטריע, האַלטנדיק, אַז אַרגענטינע מוז פאַרבלייבן ביי איר ראָל אַלס ליפעראַנטקע פון רוי־שטאָפן פאַר די גרויסע אינ־דוסטריע־לענדער און אַלס מאַרק פאַר זייערע סחורות.

זאָל אונדז דאָ דערלויבט זיין צו ברענגען אַ פאַקט פון מיינער אַן אינטערווענץ ביים מיניסטעריום פון אַגריקולטור אין 1926, לטובת אַ פאָרשלאַג פון אַן איינגעוואַנדערטן פּאָדים־פאַבריקאַנט פון קאַליש, ה׳ חיים אַלטער בערקאָוויטש, דעמאָלט איין יאָר אין לאַנד, אויסצו־נוצן די אַרגענטינישע וואַטע, וואָס ווערט פאַרקויפט פאַר אַ מיזערנעם פרייז, אויף אויסצואַרבעטן פון איר פּאָדים. די ביטע איז געווען מען זאָל אים דערלויבן אַריינפירן זיינע מאַשינען פון דער היים אָן אַפּצאָל און מאַכן געוויסע אַנדערע פאַרלייכטערונגען ביים אינסטאַלירן דאָ

די פאַבריק. און נאָכדעם ווי מען האָט דעם ה׳ בערקאָוויטש לאַנג גע־לאָזט וואַרטן אויף אַן ענטפער, האָט מען אים ערשט געענטפערט, אַז ערשטנס טויג נישט דערצו די אַרגענטינישע וואַטע און צווייטנס איז עס נישט די אויפגאַבע פון דער רעגירונג זיך צו פאַרנעמען מיט דער פאַבריקאַציע פון פאָדים. דער ה׳ בערקאָוויטש האָט אָבער נישט פאַר־וואָרפן זיין געדאַנק און נישט אָפּגעלאָזט זיינע באַמיאונגען. און ערשט די אוריבורו־רעגירונג — האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט בערקאָווי־טשעס פּלאַן, האָט פאַראינטערעסירט מיט אים דעם פּרעזידענט אורי־בורו גופא, וועלכער איז צוגעגאַנגען צו דעם ענין פון זיין שטאַנדפּונקט, אַלס אָנהענגער פון „זעלבסטבאַזאָרגונגס" ווירטשאַפט און אַזוי אַרום ווערט איצט אַרגענטינישע וואַטע אינדוסטריאַליזירט אין לאַנד און טויג זיך גראָד דערצו, אָפּגערעדט, וואָס דאָס מאַכט חשובער אויך די פּרייז פון דער אַרגענטינישער וואַטע אויפן וועלט־מאַרק.

ווי נאָר די אוריבורו רעגירונג איז אַוועק, איז צוריקגעקומען דער פריערדיקער שטאַנדפּונקט. זי איז אייגנטלעך צוליב דעם אַוועק, כדי נישט צו שטערן דעם האַנדלס־אָפּמאַך מיט ענגלאַנד, וואָס האָט זיך געלוינט די פּיציכטער און דעמאָלט זיינען אויך געקומען די פאַרשטאַרק־טע באַשרענקונגען פון דער איינוואַנדערונג. נאָר דאָס קער זיך שוין אָן מיט אַ ווייטערדיקן עטאַפּ אינעם אידישן ישוב.

געבראַכט האָט, ווי שוין געזאָגט, די נאָך־מלחמהדיקע איינוואַנ־דערונג אויך אַ געוויסע צאָל פאַכלאָזע אידן און דאָס לאָזט זיך אויך באַלד דערקענען נישט בלויז אָן די שמאָלע שפּיציקע קאַפּעליושלעך און אויסגעצויגענע פּנימער ביים אַריינגאַנג אין הכנסת אורחים, אין די אידישע רעסטאָראַנען, אינעם צ. ק. אָדער אין די אידישע צייטונ־גען, וואָס ווערן די פאַסטרעסטאַנט פון די אימיגראַנטן, נאָר אויך אָן דער גרויסער צאָל גאַסן־פאַרקויפער: הימל און ערד און קראַוואַטן, הימל און ערד און לעדערנע פאַסקעס און בייטעלעך און ציגאַרן־טאַשן, אָנגעהאַנגען אויף אידן מיט אויסגעצערטע פּנימער און פאַרלוירענע

בליקן, שמייענדיקע מנחם מענדלס אָדער פאַרחלומטע שלימזלס אָדער גאָר קינדער, בלייכע, מיט זשוואַווע אויגן אָדער דערשלאָגענע.

אָבער אויך זיי, אַט די פּאַכלאָזע און דערשלאָגענע, זיינען בלויז די שלאָג־אַרמיי פון נייע אינדוסטריעס, וואָס ווערן געבוירן און אַנט־וויקלען זיך אינעם הינטערלאַנד: די מאַראָקינעריי מיט אַלע אירע אָפּ־צווייגונגען, וואָס האָט צווישן די איינוואַנדערער גענומען אירע מייס־טערס און אַ גרויסן טייל פון אירע ביליקע הענט.

אויך די קאָלאָניעס האָבן גענאָסן פון די איינגעוואַנדערטע פּאַכ־לאָזע. די איקאָ האָט, אַזוי צו זאָגן, צו הילף דער אַרבעט פונעם אי־מיגראַנטן שוץ פאַריין, אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן פון אַ נייעם מין קאָ־לאָניזאַציע, אַ פינף אָדער צען־העקטאַריקע, אַנשטאָט דער 150 העק־טאַריקער, ווי די געוויינלעכע, מיט אינסטרוקציעס צו פאַרזעצן נאָענט פון די קאָלניעס גרינסן אָדער מאַיס אויף צו האָדעווען עופות און די קאָלאָניסטישע סוב־קאָמיטעטן פונעם אימיגראַנטן־שוץ פאַריין זאָלן די קאָלאָניזירטע פאַמיליעס סובסידירן אָדער זוכן פאַר זיי זייטיקע פּרנ־סות. ביי זייערע ערד־חלקים זיינען נישט קיין סך פאַרבליבן, אפילו נישט אַזעלכע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר גוטע ערד־אַרבעטער און מען האָט צוגעשניטן נאָך אַ חלק אָדער צוויי פון די באַצייטנס פאַרלאָזטע חלקים, נאָר אין די קאָלאָניעס זיינען זיי פאַרבליבן, אַלס נוצלעכע האַרעפּאַשניקעס.

אידישע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע

מיר זאָגן אידישע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע, און נישט אָר־גאַניזאַציעס, מחמת פאַרמעל זיינען אַזעלכע אין אַרגענטינע נישטאָ. אידישע פּראָלעטאַרישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, „בונד", פּועלי ציון, וואָס זייערע חברים אין מזרח־אייראָפּע האָבן געשטיצט זייער פּאַרטיי־טעטיקייט אויף אידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אָנהויבנדיק מיט דעם בערשטער־בונד און די סמאָרגאָנער גאַרבער, די שניידער, קאַ־

מאשנמאכער, סטאליארעס. די האנדלס אנגעשטעלטע, די שטריקער, די זאקנמאכערס, די העקער, בעקער און טרעגער פון די שטעט און שטעטלעך, די האנטוועבער פון דער לאדזשער און ביאליסטאקער וועב־אינדוסטריע, די אידישע דרוקער און איינבינדער פון ווילנע און ווארשע — האבן דא העכסטנס געקענט אגיטירן די אידישע ארבעטער פאר פראפעסיאנעלער ארגאניזאציע און זוכן צו האבן א ווירקונג אין די פראפעסיאנעלע פאריינען, וואס דא זיינען זיי געווען אומפארטייאישע, אלס אנארכא־סינדיקאליסטישע אין די ערשטע צייטן און שפעטער, צוליב מאטיוון פון גאנצקייט און איינקייט.

צוליב אט דער גאנצקייט און איינקייט, האט די סאציאליסטישע פארטיי דערקלערט איר נייטראליטעט צו די פראפעסיאנעלע פאריינען און ערשט די לעצטע צוויי צענדליק יאר האט זי געשאפן סאציאליסטישע פאך־גרופעס, וואס זאלן ווירקן סאציאליסטיש אין די פראפעסיאנעלע פאריינען, און אויף דעם וועג האבן זיך געלאזט גיין אויך די אידישע פארטיי־גרופירונגען. די לעצטע אבער האבן דערין קיין דערפאלג נישט געהאט. דער סאציאליסטישער פארטיי איז געלונגען אין געוויסע פאכן דורכצופירן אירע מענטשן אין דער לייטונג, ווי אינעם דרוקער־פאך און ביי די באן־ארבעטער; שפעטער האבן אירע מענטשן ארגאניזירט די מוניציפאלע ארבעטער און האלטן אן זייער ווירקונג אויף דער ארגאניזאציע א. א. און אט די פאכן האבן, שטארק צוגעהאלפן דער סאציאליסטישער פארטיי אין איר פארלאמענטארישער אקציע פאר דער ארבעטער־געזעצגעבונג. די אידישע פארטיי־ארגאניזאציעס האבן, אלס אזעלכע, גארנישט געקענט געבן די אזוי גערופענע אידישע פאכן, וועלכע האבן זיך, גראד פארקערט, גענויטיקט אינעם שוץ פון די אלגעמיינע.

איינער אזא פאך איז די טאנדעטנע שניידעריי. מען קען אים באצייכענען אלס אידישן, ווען מען זאל רעכענען בלויז די רעקל־נייער, די פרעסער און די לעבערשלייפער און נישט נעמען אין אכט די הויזן און זשילעטן נייערקעס. אט דער גאנצער פאך איז א היים־פאך. ער האט נישט קיין פאבריקן, דאס געניי ווערט ארויסגעגעבן פון די געשעפטן אויף אהיים, די רעקלעך באזונדער און די הויזן און זשילעטן

באזונדער. די רעקלעך־נייער זיינען כמעט דורכוים אידן — פאראן א קלענערע צאָל גױיכן און ארמענער — און אזוי ווי טייל באמיען זיך צוצושטעלן אין די געשעפטן גרעסערע סכומים רעקלעך, אָרדענען זיי איין אין די היימען זייערע ווערקשטאַטן, וואו עס ארבעטן פון איינעם ביז 10 און אפילו ביז 15 שטעפּער, ארבל־נייער, קישעלעך־מאכערקעס, פּרעסערס... און די דאָזיקע שטעפּערס אא״וו זיינען עס די אָרגאַניזירטע שניידער־ארבעטער. זייער פּראָפעסיאָנעלן קאַמף פירן זיי קעגן דידאָזיקע באלעבאטים פון די היימישע ווערקשטאַטן; אין די לעצטע יאָרן אָבער שוין אויך צוזאַמען מיט די באלעבאטים קעגן די געשעפטן, פון זינט די „באלעבאטים" האָבן געשאפן זייערע אן אָרגאַניזאַציע. אלס די וואָס קומען אין דירעקטן קאָנטאַקט מיט די געשעפטן, וועלכע זיינען אייגנטלעך די גרויסע פאבריקאַנטן „אן בויך־ווייטיק", ווי מען קען דאָס אָנרופן אויף א פאָלקסטימלעכן אופן, אָן פאבריק־לאָקאַלן, אָן מאשינען, אָן אריינגעלייגטע קאַפּיטאַלן, אָן שטייער צאָלונגען, אָן פארפּליכטונגען צו די איינגעשטעלטע ארבעטס־נאָרמען, ליגט אייגנטלעך אויף די „באלעבאטים" היים־שניידער די גאַנצע פליכט אָנצוהאַלטן דעם ניוואָ פון דעם לעבנס־שטאַנדאַרט פאר די ארבעטער פון דעם פאך. די געזעצגעבונג, א דאַנק דער סאָציאַליסטישער פאר־לאַמענטאַרישער אַקציע. האָט גראָד באשיצט דאָס פאך פון צו גרויסער עקספּלואַטאַציע דורך א רעגלאַמענט, וואָס שטעלט פעסט די טאַריפן פאר די פארשידענע מינים בגדים און האָט אים איבערגעגעבן דער אויפזיכט פון דעם מלוכהשן ארבעטס דעפּאַרטאַמענט. אין דער אמתן אָבער זיינען די טאַריפן אראָפּגעזעצט ביז א דריטל און מער פון זייער הויך און די עקספּלואַטאַציע וואָס הערשט אין דעם פאך האָט צו זיך קיין ביישפיל נישט. נעמען נעמט זיך עס דערפון, וואָס ביז די „באלעבאטים" האָבן געשאפן זייער אָרגאַניזאַציע, זיינען זיי געווען — און זיינען עס טיילווייז נאָך איצט — נישט מער ווי „איינרייסער"; באַלמעלאָכעס וואָס זיינען, אויפן אַלטן שטייגער, געוואָרן „פאר זיך" נאָך דער חתונה און צוזאַמען מיטן ווייב און העכסטנס איינעם א געהילף אָדער א מיידל אן ארויסהעלפערקע, געארבעט דורך די טעג און דורך די נעכט כדי זיך „ארויפצוארבעטן" און זיי האָבן אזוי לאַנג קאָנקורירט צווישן זיך אין די געשעפטן אויפן חשבון פון נאָך א שעה

אַרבעט אין דער נאַכט אַריין, ביז עס האָט שוין ווייטער נישט גע־קענט גיין. דער דאָזיקער מענטשן־שטאָף, פון וועלכן די אָרגאַניזאַציע איז געוועבט, איז אַ שוואַכער און רייסט זיך אָפט און די געשעפטן נוצן דאָס אויס. די געשעפטן נוצן זיך אויך אויס קעגן זיי מיט די אינגאַנצן נישט אָרגאַניזירטע נישט־אידישע נייטאָרקעס, צעוואָרפענע איבער אַלע עקן שטאָט, יעדע ביי איר ניי־מאַשינדל, דורך די טעג און דורך די נעכט. די רפואה צו דעם אַלעמען וואָלט געווען, ווען מען קען צווינגען די געשעפטסלייט איינצואָרדענען פאַבריקן און דער פּראָפע־סיאָנעלער שניידער ארבייטער פאַריין האָט שוין אפילו געפּרואווט ריכטן זיין קאַמף אין דער זייט, דורך הויכע און שטרענגע פאָדע־רונגען צו די „באַלעבאָטים", כדי די קליינע זאָלן מוזן אויפגעבן זייערע ווערקשטאַטלעך און בלייבן זאָלן בלויז די גרעסערע אָדער די געשעפטן גופא זאָלן איינאָרדענען ווערקשטאַטן. עס האָט אים אָבער אויסגע־פעלט האַרץ אויף אַזאַ „גרויזאַמער" אָפּעראַציע און אפשר אויך כוח און אויסדויער. דער איצטיקער קורס פונעם פּראָפעסיאָנעלן שניידער ארבעטער פאַריין גייט אויף מיטאַרבעט מיט די „באַלעבאָטים", אויף דער אָרגאַניזירונג פון די נישט־אידישע נייטאָרקעס און אויף ענגן צוזאַמענשלוס מיט די אַרבעטער פונעם גאַנצן נאָדל־פאַך, כדי צו צווינ־גען די געשעפטסלייט זיי זאָלן רעספּעקטירן די טאַריפן פונעם געזעצ־לעכן רעגלאַמענט. עס זעט אויס, אַז דאָס מיטל ווירקט, מחמת די געשעפטסלייט האָבן שוין אָנגעהויבן אַ באַוועגונג פאַר אַ געזעצלע־כער רעפאָרמע אין די טאַריפן, זיי צו רעדוצירן.

ווי עס איז צו זען דערפון, קען דאָ קיין רייד נישט זיין פון אַ ריין אידישן פּראָפעסיאָנעלן שניידער־פאַריין, ווי אין וואַרשע אָדער ווילנע, וואָס זאָל זיין אַ באַזע פאַר אַ אידישער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע. אידיש קען ער זיין בלויז אויף וויפל ער באַנוצט זיך מיט דער אידי־שער שפּראַך פאַר זיין אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבעט און אין געוויסע פאַלן, מיט דער אידישער געזעלשאַפטלעכער מיינונג.

אין די זעלבע פאַרהעלטענישן האָבן זיך געפונען די אידישע מעבל אַרבעטער, וואָס זיינען אַ דאַנק דער אויסבילדונג פון אַ ספּעציפישער אידישער מעבל־אינדוסטריע, וואָס האָט באַדינט דעם ביליקערן מאַרק,

געשטעלט געוואָרן אין אַנדערע באַדינגונגען ווי די נישט־אידישע, וואָס האָבן געאַרבעט אין די גרויסע טראַדיציאָנעלע מעבל־פאַבריקן פאַר די רייכע קליענטן. די מעבל־מאָדעס האָבן די ביידע מאַרקן שוין כמעט אויסגעגלייכט און האָבן שוין אָפּגעשאַפט יעדן חילוק אין די אַרבעטס באַדינגונגען צווישן די אידישע און די נישט־אידישע אַרבעטער. די אויסגלייכונג איז געגאַנגען דערצו, אַז אַ שטיק צייט איז ביים אַלגעמיינעם פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די מעבל־אַרבעטער געווען אַ אידישע ביבליאָטעק, איינע פון די רייכסטע אידישע ביבליאָטעקן, אַ אידישע וואָכנשריפט פאַר די אינטערעסן פון די האָלץ־אַרבעטער און צוריק מיט אַ פּאָר יאָר האָט דער אַלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער פאַריין פון די מעבל־אַרבעטער געשיקט זיינעם אַ פאָרשטייער אין אַ אידישער דעלעגאַציע קיין בירעבידזשאַן.

נאָך ענלעכער צו די פאַרהעלטענישן אינעם שניידער־פאַך, זיינען די פאַרהעלטענישן אינעם שטריקער־פאַך און אינעם פאַך פון דער זיידוועבריי, פאַכן פון אידן אַריינגעפירטע, וועלכע זיינען אַוועק באַלד פון אָנהויב אויף דעם וועג פון שוויץ־אַרבעט און כדי אַרויסצופירן די אינדוסטריע פון דעם סיסטעם, מוזן זיך די אידישע אַרבעטער פון די פאַכן אָנשפאַרן אין זייער אָרגאַניזירונג אויף די נישט־אידישע, פון דער אַלגעמיינער טעקסטיל־אינדוסטריע. אויף אַזאַ אופן איז פאַראַן אַן אויסזיכט נישט נאָר אַרויסצופירן די דאָזיקע אינדוסטריעס פון דעם שוויץ־סיסטעם, נאָר אויך אַריינפירן זיי אין דעם קרייז פון דער מלוכהשער אויפמערקזאַמקייט און אַזוי אַרום פאַרהיטן זיי פון אומזיסטע קריזיסן, וואָס קומען פון נישט רעגולירטער אַרבעט און נישט רעגולירטן מאַרק. ערגער איז יענע אַזוי גערופענע אידישע פאַכן, וואָס האָבן נישט קיין אָנשפאַר אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. אַזאַ, למשל, איז די מאַראָקינעריי, וואָס האָט קיין אויסזיכטן נישט אַרויסצורייסן זיך פון דער שוויץ־סיסטעם.

קאָלאָניסטישע אָרגאַניזאַציע

אין 1926 ווערט אָפּגעהאַלטן אַ צווייטער אידישער קאָלאָניסטן־קאָנגרעס, אָדער דער פּערטער, אויב מען זאָל רעכענען פאַר קאָנגרעסן דעם צוזאַמענפאַר פון 1910 אין בוענאָס איירעס, וואָס איז געווען אַן אויסדרוק פון אונטערטעניקייט דער איקאַ און האָט געשאַפן די „קאָנפעדעראַציע" פון די אידישע קאָלאָניסטישע קאָאָפּעראַטיוועס אַלס אַ קעגנווירקונג דעם קאַמפּס גייסט, וואָס האָט געהערשט צווישן די קאָלאָניסטן קעגן דער איקאַ, און דעם „קאָנגרעס" פון 1916, וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון אַנטוישונג אין דער „קאָנפעדעראַציע" און איז בלויז געווען אַ מין אַראָפּריידן זיך פון הארצן. דער קאָנגרעס אין בוענאָס איירעס 1925 איז שוין אָפּגעהאַלטן געוואָרן אונטערן צייכן פון קאַמף און האָט געפּרואווט געבן אַ לייזונג די פונדאַמענטאַלע פּראָבלעמען פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַלס רעזולטאַט פון דער ביז דעמאָלטיקער קאָלאָניזאַציע: אַראָפּנעמען די פּראָצענטער פון די הינטערשטעליקע צאָלונגען, איינפירן אַ יושרדיקן מאָדוס ביי די וויטערדיקע צאָלונגען, קאָלאָניזירן די זין און איידעמס, בייטן דעם שלעכטן באָדן אָדער פאַרגרעסערן דעם שטח פון די ווייניקער שלעכטע, איינפירן אַ געמישטע פאַרוואַלטונג פון דער איקאַ־דירעקציע מיט די קאָלאָניסטישע אָרגאַניזאַציעס און וועגן דעם אַלעמען מיט אַ שטודיום פון די אַלע פּראָבלעמען און מיט אַ באַגרינדונג פון די פאָדערונגען, אריינגעשיקט אַ מעמאָראַנדום דער איקאַ־דירעקציע, וועלכע האָט אים איבערגעשיקט קיין פּאַריז. דער עיקר אָבער איז געווען די גרינדונג פון דער אידישער אַגראַר־פעדעראַציע. דער קאָנגרעס פון 1926 האָט שוין געגעבן אַן אינהאַלט דער פעדעראַציע און האָט אָנגעוויזן די אידישע קאָלאָניסטן אַ נייעם וועג אין זייער קאַמף. ער האָט זיי אָנגעוויזן, אַז זיי זיינען אַחוץ דער איקאַס קאָלאָניסטן, ריכטיקער אונטערטאַנען, אויך אַרגענטינישע בירגער אָדער איינוואוינער, וואָס זייערע אינטערעסן זיינען פאַרבונדן מיט די אַלגעמיינע אינטערעסן פונעם לאַנד און אַז אַלס ערד־אַרבעטער דאַרפן זיי זוכן די לייזונג פון זייערע פּראָבלעמען מיט דער אַלגעמיינער לייזונג פון די אַרגענטינישע אַגראַר־פראַגן. די אידישע אַגראַר־פעדעראַציע ווערט דעמאָלט שוין ניט בלויז אַ פעדעראַציע פון אַגראַר־קאָאָפּעראַ־

טיוועס, נאָר אויך פון אגרארע פאַך־אָרגאַניזאַציעס. און דאָס דאַרף באַטראַכט ווערן פאַר אַ גרויסער דערגרייכונג אין דער געשיכטע פון דער אידישער קאָלאָניזאַציע.

עס דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז אין דער פעדעראַציע איז אָנגעגאַנגען אַ פאַרביטערטער קאַמף אַרום דער פראַגע. די רייכערע קאָלאָניסטן — און די זיינען געווען די וואָרט־זאָגער פון די מער אָדער ווייניקער גוטשטייענדיקע קאָלניעס, ווי מאָזעסוויל (ס. פע), ליוסענוויל און טיילווייז קלאַראַ (ע. ריאָס) און אויך אַ טייל פון באַראָן הירש (ב. איירעס און פאַמפּאַ), וועלכע איז געווען אין אַ פּריווילעגירטער לאַגע ־לגבי נאַרסים לעווען, זיינען געווען קעגן אַריינעמען אין דער פעדעראַציע די פאַך־אינטערעסן וואָס דאָס האָט געמיינט: קאַמף קעגן דער איקאַ און צוזאַמענאַרבעט מיט נישט־אידישע אַגראַר־אינסטיטוציעס פאַר די געמיינזאַמע אַגראַר־אינטערעסן; זיי האָבן געפאָדערט אַז די פעדעראַציע זאָל זיך אָפּגעבן אויסשליסלעך מיט קאָאָפּעראַטיווע, זי זאָל ווערן אַ קויף און איינקויף שטעלע פאַר די קאָאָפּעראַטיוועס. עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך געווען די דאָזיקע קעגנערשאַפט: ערשטנס פלעגן זיי זייער גוט אויסקומען מיט דער איקאַ, ווען אַפילו זיי זיינען געווען הינטערשטעליק מיט די צאָלונגען צוליב דער ביליקייט פון דעם איקאַ־קרעדיט לעגנאיבער דעם געוויינלעכן, וואָס זיי האָבן גענוצט אויף האַנדל מיט פי און מיט תבואה; צווייטנס, האָבן פאַך־אינטערעסן גערעניצט זיך מיט פּאָליטיק און אין פּאָליטיק האָבן זיי געהאַט אַנדערע וועגן ווי עפנטלעכע פאָדערונגען אַרויסגעשטעלטע צו דער פעדעראַלער רעגירונג אָדער צו די פּראָווינץ־רעגירונגען; זייער פּאָליטישער וועג איז געווען גוטברודערשאַפט מיט באַאַמטע אָדער וואַל־מאַכינאַציעס לטובת דעם אָדער יענעם קאַנדידאַט אויף גובערנאַטאָר. מען דאַרף פונדעסטוועגן נישט נעמען אין ערנסט זייער פאָדערונג, אַז די פעדעראַציע זאָל זיין אַ פאַרקויף און איינקויף שטעלע פאַר די קאָאָפּעראַטיוועס. שוין ביים קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען 1930 אין מאָזעסוויל, האָבן דיזעלבע אָנגעוויזן, אַז די פעדעראַציע קען נישט דינען צו דעם צוועק, מחמת נישט אַלע קאָאָפּעראַטיוועס לוינט זיך צו האָבן זייער פאַרקויף און איינקויף־שטעלע אין בוענאָס איירעס; פאַר מאָזעסוויל לוינט זיך בעסער די האַפּן־שטאָט סאַנטאַ פע, וועלכע איז נעענטער, און פאַר רי־

ווערא און בערנאסקאני — באהיא בלאנקא. געהאלטן האט זיי ביי דער פעדעראציע איין פאדערונג, וואס זיי האבן געהאט צו דער איקא: די קאלאניזירונג פון די זין. אויך צוליב אט דער פראגע, דארף געזאגט ווערן, האבן א סך רייכע קאלאניסטן נישט געוואלט זיך עמאנציפירן פון דער איקא, ווען אפילו זיי האבן דאס געקענט טון צו יעדער מינוט.

דער קאנגרעס אין 1926 האט גראד געלייגט זייער וויניק האפענונג אין דער הינזיכט אויף דער איקא און האט באשטימט צו שאפן א קאלאניזיר־פאנד, וואס זאל פארלייכטערן די זין פון די פעדערירטע קאלאניסטן צוקומען צו ערד. צו דער כאראקטעריסטיק פון דעם קאנגרעס, וואס איז געווען אן אויסדרוק פון רייפן פאליטשן באוואוסטזיין ביי דעם איינגערן עלעמענט אין די אידישע קאלאניעס, וואס האט זיך דעמאלט אימפאנירט אין די פארוואלטונגען פון טייל קאאפעראטיוועס און דורך זיי אין דער קאלאניסטישער פעדעראציע, ברענגען מיר דא אן אויסצוג פון די סטאטוטן פון דער דעמאלט געגרינדעטער פעדעראציע, דעם ארטיקל 5, וואס רעדט וועגן אירע צילן און אויפגאבן:

א) זוכן מיט אלע מעגלעכע מיטלען אויפצוהויבן דעם מאטעריעלן, מאראלן און סאציאלן ניוואו פונעם ערד־ארבעטער פאך.

ב) פראפאגאנדירן דורך קאנפערענצן, צייטונגען, בלעטער, קינאמאטאגראף־בילדער א. א. דעם אגראר־קאאפעראטיוויזם און פאך־פארטיידיקונג.

ג) שאפן אגרארע קאאפעראטיוועס און פאדארגאניזאציעס דארט וואו עס זיינען פאראן גענוגנדיקע אגראר־קיבוצים.

ד) שאפן א קאלאניזאציאס־פאנד אויף צו פארלייכטערן די זין פון די מיטגלידער צוצוקומען צו דער ערד. דער פאנד זאל געפירט ווערן לויט א ספעציעל דיקטירטן רעגלאמענט.

ה) איינפירן קעגנזייטיקע פארזיכערונג פון אגריקולטור־געפארן און אקצידענטן ביי דער ארבעט.

ו) איינפירן דעם ארביטראזש אלס מיטל צו לייזן די קאנפליקטן וואס קענען ארויסקומען צווישן מיטגלידער אדער אגראר־אינסטיטוציעס.

ז) ארבעטן עס זאָלן סאַנקציאָנירט ווערן אזעלכע געזעצן, ווי: פּראָגרעסיווער לאַנד־שטייער, און שטייער אויף מער־ווערט פון ערד, וואָס ווערט נישט באַארבעט, וואָס פירן צו דער פונאַנדערטיילונג פון לאַטיפונדיסטישן באָדן.

ח) זען צו צענטראַליזירן ווי ווייט מעגלעך דעם פּראָדוקטן־פאַר־קויף און איינקויף פון געברויכס־ארטיקלען פאַר דער ארבעט, שאַפנ־דיק, אויב די אומשטענדן וועלן דאָס פאָדערן, אַ ספּעציעלע ביוראָ פאַר דעם צוועק אין דער הויפּט־שטאָט.

ט) אָנשליסן זיך צו ענלעכע אינסטיטוציעס און שליסן קעגנזיי־טיקע אָפּמאַכן מיט קרובהשע אינסטיטוציעס.

י) מאַכן און שטיצן פּאַרלאַמענטאַרישע אָדער רעגירונגס־איני־ציאַטיוועס, וואָס זיינען געווענדט אויסצובעסערן די עקאָנאָמישע לאַגע פון די ערד־ארבעטער.

אַז די נייע ווענדונג אין דער קאָלאָניסטישער אָרגאַניזאַציע האָט זיך נישט געלוינט, נישט דער איקאַ, נישט די רייכע קאָלאָניסטן, איז נישט נויטיק צו זאָגן און עס הויבן זיך אָן אינטריגעס קעגן איר פוןביידע זייטן. די איקאַ גיט צו וויסן, אַז זי וואָלט איינגעגאַנגען אויף הנחות די קאָלאָניסטן, נאָר זי וועט בשום אופן נישט פאַרהאַנדלען מיט קיין „רעוואָלוציאָנערן" און די פאָרשטייער פון די רייכע קאָלאָניסטן הויבן אויף אַן אַגיטאַציע אין די אידישע אויסגאַבן וואָס שטייען זיי צו דינסט, אַז די יונגע ווילן אָפּווישן פון דער אידישער אַגראַר־פעדע־ראַציע איר אידישן אינהאַלט. דאָס ווירקט אויף די וואַקלדיקע און שוין אין 1930 ווערט אָפּגעשוואַכט אין דער פעדעראַציע די ווירקונג פון די יונגע און פּראָגרעסיווע לטובת די עלטערע און קאָנסערוואַטיווע קאָלאָניסטן. די יונגע פאַרבלייבן אין דער פעדעראַציע בלויז דערפאַר וואָס די אַלטע האָבן נישט געקענט אויסקומען צווישן זיך איבערן כבוד; נאָר ביים שפּעטערדיקן קאָנגרעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַסאַ־ווילבאַסאָ, קומען די אַלטע צוריק צו דער מאַכט. די נייע פאַרוואַלטונג בייט דעם נאָמען פון דער „אידישער אַגראַר־פעדעראַציע" אויף „פּראַ־טערנידאַד אַגראַריאַ", זיי נעמען פון איר אַראָפּ דעם אידישן נאָמען, אמת צוליב „לעגאַלע" טעמים, מחמת אַלס „קאָאָפּעראַטיווע פון קאָאָ־פּעראַטיוועס" טאָר זי נישט האָבן, לויטן אַרגענטינישן געזעץ פון קאָ־

אַפּעראַטיוועס, קיין רעליגיעזע צוועקן און נישט טראָגן קיין רעלי־גיעזן נאָמען, נאָר דערפאַר ווערט זי לויטן אינהאַלט דורכויס אַן ענג „אידישע": זי ווערט בכלל אויסגעלייזדיקט פון יעדער טעטיקייט, זי ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ביורא, וואָס גייט פון צייט צו צייט מיט אַ שתדלנות צו דער איקאַ אָדער צו אַ הויכגעשטעלטן באַאַמטן און פי־גורירט דאָרט וואו עס לוינט זיך, אַלס די פאַרטרעטערן פון די אידישע ערד אַרבעטער אין אַרגענטינע. קיין קאָנגרעסן ווערן שוין נישט אָפּ־געהאַלטן, נאָר שטילע באַראַטונגען פון די קאָפּעראַטיווע־פאַרטרעטער.

איין זאָרג נאָר אַ גרויסע באַלעבט זי: די זאָרג פאַר די זין און — אין די לעצטע פאַר יאָר אַ צווייטע זאָרג: פאַר די אומאָפּהענגיק געוואָרענע קאָלאָניסטן, וואָס זייערע נחלות שטייען אין געפאַר פאַר־קויפט צו ווערן אונטערן האַמער, אַלס רעזולטאַט פון נישט געצאָלטע היפּאָטעקעס. צוליב דעם ערשטן צוועק ווערט אויפגעהאַלטן דער „קאָ־לאָניזיר־פאָנד", וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט באַוויזן רעאַליזירט צו ווערן און עפּעס צו טאָן פאַר דעם צוועק צוליב וועלכן מען האָט אים געשאַפן, און פאַר דעם צווייטן צוועק, איז ביי דער „פראַטערני־דאַד" געשאַפן געוואָרן אַן „אַגראַר־באַנק", מיט דער הילף פון עטלעכע רייכע אידן, וואָס האָט שוין גראָד באַוויזן אין עטלעכע אַזעלכע פאַלן אַרויסצוהעלפן. וואָס שייך די אַנדערע קאָלאָניסטישע אינטערעסן, האָט זי זיי געלאָזן אויף דער איקאַס באַראָט.

צום גליק פאַר די אידישע קאָלאָניסטן, האָט דער אַגראַר־קריזיס פון די לעצטע יאָרן געבראַכט מיט זיך אַ מין שטילע מאָראַטאָריע פאַר די פּויערים בכלל, כדי די „דעסאַלאָכאָס" (עקסמיסיעס) זאָלן נישט אַנטוועלטיקן דעם באַדן און אויך די איקאַ האַלט זיך מער אָדער ווייניקער ביי דער זעלבער טאַקטיק פון שטילער מאָראַטאָריע און עס קומען פאָר ווייניקער „דעסאַלאָכאָס" פון אידישע קאָלאָניסטן.

אויב עס פאַלן נישט אָפּ פאַר דער צייט קיין אידישע קאָלאָניסטן, מחמת די איקאַ איז ווייניקער שטרענג צו די צאָלונגען, קומען אָבער אויך נישט צו קיין נייע, און ערשט אין 1934 גרינדעט די איקאַ אַ נייע קאָלאָניע אין ענטרע ריאָס פון אידישע פּליטים פון דייטשלאַנד — די קאָלאָניע „אַביגדור". און שוין אויף נייע באַדינגונגען, אויף קלע־נערע שטחים, אויף 50 העקטאַר אַנשטאָט אויף 150, אָבער מיט אַלע

נויטיקע מכשירים און צוגעגרייטע פון פריער וואוינונגען. אין יאָר 1937 הויבט זי אויך אָן קאָלאָניזירן מיט די פּליטים פון דייטשלאַנד איר ליידיקן באָדן אין נארסים לעוועז (פּאַמפּאַ) און שוין גראַד אויף גרעסרע שטחים ווי זי האָט קאָלאָניזירט די פריערדיקע, אויף 300 העקטאַר אַנשטאָט אויף 150. דאָס איז דערפאַר, וואָס אין ענטרע ריאָס זעצט זי דורך דעם פּרינציפּ פון אינטענסיווער ווירטשאַפט, בעת אין דער פּאַמפּאַ פּרוואוט זי איבערגיין אויף פיצוכט.

סוף חודש מאַי היינטיקס יאָר איז פון אַ שטילער באַראַטונג אין דער „פּראַטערנידאַד" צעטראָגן געוואָרן אַ קלאַנג, אַז די איקאַ האָט בדעה צו קאָלאָניזירן קאָלאָניסטישע זין און אַז ארויסגעזאָגט האָט זי דאָס דורך אירע פאָרשטייער ביי דער באַראַטונג, צו וועלכער די קאָ־לאָניסטישע פירער האָבן זי איינגעלאַדן און זי האָט די איינלאַדונג אָנגענומען, וואָס דאָס אַליין, דאָס צוזאַמענזיצן, ווערט באַטראַכט פאַר אַן ענדערונג אין דער באַציאונג פון דער איקאַ צו אירע קאָלאָניסטן.

פאַראַן אַ גרונט צו דענקען, אַז די לעצטנס געשאַפענע לאַגע אין די איקאַ־קאָלאָניעס פון איין זייט און אין דער הויפּט־שטאָט פון דער אַנדערער זייט זאָל האָבן געבראַכט די איקאַ־פאַרוואַלטונג צו דעם שריט. אויף אָנצויאָגן די הינטערשטעליקע צאָלונגען נאָך דער שטי־לער מאַראַטאָריע, וואָלט די איקאַ געמוזט אָנווענדן אזעלכע „הערא־שע" מיטלען, וואָס וואָלטן געקענט אַ סוף מאַכן צו דעם גאַנצן קאָ־לאָניזאַציע־ווערק אין אַרגענטינע. אַזאַ מורא באַהערשט נישט נאָר די איקאַ־פאַרוואַלטונג, נאָר בכלל די גוטבאַזיצער פונעם לאַנד, וואָס זיי־נען געצוואונגען געווען אָפּצושטעלן צייטווייליק דאָס איינקאַסירן ביי די פויערים די חובות פאַר אַרענדע זייט די לעצטע עטלעכע יאָר, וואָס אויף דעם גרונט האָבן זיי דורכגעפירט אַ מאַראַטאָריע־געזעץ פאַר היפּאָטעקירטע גיטער, וואָס זיי פאַרלענגערן פון איין פאַרלאַמענט־פעריאָד צום צווייטן. ווען דאָס מאַראַטאָריע־געזעץ וועט סוף כל סוף אָפּגעשאַפט ווערן און די גוטבאַזיצער וועלן מוזן איינמאָנען די הינ־טערשטעליקע חובות אויף דער אַרענדע, כדי צו דעקן זייערע היפּאָטע־קעס, וועלן די פויערים נישט קענען נאָכקומען און עס וועט זיך אָנ־הויבן אַ מהומה פון אָפּשרייבן באַלעבאַטישקייטן, אַראָפּטרייבן פון די פעלדער און אין בעסטן פאַל אַן איבערוואַנדערונג פון איין אַרענדירטן

פעלד אויפן צווייטן. פאר די פויערים וועט דאס זיין א חורבן, אבער אויך די גוטבאזיצער וועט אזא אויסוועג נישט ברענגען קיין גליקן. נאך ערגער וואלט זיך אזא הערלישער וועג געענדיקט פאר די איקא־קאלאניסטן און פאר דער איקא גופא. כדי אויסצומיידן די מהומה און דעם חורבן פארביידע צדדים, קומט אויפן זינען ביי די גוטבאזיצער און אויך ביי די איקא־פארוואלטער די אידייע פון איינפארשטעלנדעניש.

וואס שייך דער מעגלעכקייט, אז די איקא זאל זיך אנטשליסן אויף דער קאלאניזירונג פון קאלאניסטישע זין, דערקלערט זיך דאס מיט דעם גרויסן איבערפלוס אין די פרייע פראפעסיעס פון דער הויפט־שטאט, און וועלכע די קאלאניסטישע זין זיינען זייער שטארק פאר־טראטן. אחוץ דעם וואס דער איבערפלוס איז איינע פון די סיבות וואס רופן ארויס דעם אנטיסעמיטיזם ביי דער נישט־אידישער סטודענטנ־שאפט, איז א גרויסע טייל קאלאניסטישע יוגנט אדאנק אים פאר־בליבן אין די לעצטע יארן אין קאלאניע: א יוגנט וואס איז געוואוינט צו דער ערד־ארבעט, צום פערד און צום אקער, אבער אויך רעבעליש, שוין נישט ערגער פונעם קרעאל, און דערצו, סאציאל מער באוואוסט־זיניק; און די דאזיקע יוגנט אן א תכלית, אן אומצופרידענע, איז נישט קיין גאראנטיע פאר גוטע באציאונגען מיט דער קאלאניזיר געזעלשאפט. דאס אלץ צוזאמען, זעט אויס, האט געצוואונגען די איקא־פארוואל־טער זיך פארטראכטן צי לוינט זיך נישט בייטן דעם אלטן איקא־פרינציפ נישט צו קאלאניזירן קיין קאלאניסטישע זין, א פרינציפ, וואס איז באזירט געווען אויף דעם ווילן צו צווינגען זיי ארבעטן אויף דעם פאטערס פעלד און אויך נישט צו דערלאזן עס זאלן זיך בילדן, ווי די איקא האט דאס פארזיכערט, קיין לאטיפונדיעס אין די אידישע קאלאניעס.

דאס זיינען אבער אלץ השערות דערווייל און מיר מערקן זיי אן, כדי צו באצייכענען מיט זיי די טענדענצן וואס ווייזן זיך אין דער איקא קאלאניזאציע-נאך קנאפע פופציק יאר גערייען אין ארגענטינע.

נייע געזעלשאַפטלעכקייט

דאַס אידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן אין שטאַט נעמט אָן זינט 1922 א נייע ווענדונג. ה. ד. נאָמבערג, וואָס האָט דעמאָלט פארווילט אין ארגענטינע, הויבט אויף אן אַקציע, באַלד ווי ער קומט אָן, פאר די וועלטלעכע אידישע שולן, וואָס האָט די שטיצע פון דער „פּרעסע", ווי פון דעם אידישן געדרוקטן וואָרט בכלל, פון אַלע פּראָגרעסיווע אידישע פאריינען, ווי פון די לאַנדסלייט־פאריינען, באַזונדערס פון דעם פּויליש־אידישן „אגודת אחים", וואָס האָט אויפגענומען ה. ד. נאָמבערגן פאר זיין גאַסט. דער קאָמיטעט וואָס האָט זיך צוליב דער אַקציע געשאַפן, האָט זיך געווענדעט מיט א פאָדערונג צום „צ. ק. פאר הילף די מלחמה און פּאָגראָם געליטענע" ער זאָל שטיצן די אַק־ציע. דער „צ. ק." האָט די ביטע אָפּגעזאָגט און דאָס האָט ארויסגע־רופן גרויס פארביטערונג און האָט געקאָסט דעם „צ. ק." זיין ווייטער־דיקע עקזיסטענץ. די אַרבעט פונעם צ. ק. איז פאַראַליזירט געוואָרן.

בכלל פארנעמט זיך דעמאָלט די הילפס־אַרבעט אויף א נייעם וועג, אויף דעם וועג פון איבערשיקן די געליטענע אין אוקראַינע פּעק־לעך שפּייז און קליידונג און די אַרבעט פירט אויס דער „אוקראַינער פאַרבאַנד", וואָס האָט זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט דעם „איד־געזקאָם" אינעם ראַטנפאַרבאַנד. דורך דעם „אידגעזקאָם" איז אויך באַקאַנט געוואָרן די אַרבעט פון דער ראַטן־מלוכה צו פּראָדוקטיוויזירן דורך ערד־אַרבעט און אינדוסטריע די אידישע דעקלאַסירטע מאַסן פון די שטעט און שטעטלעך און די מיטהילף וואָס זי באַקומט פון די אידישע אויסלענדישע אָרגאַניזאַציעס „דזשאָינט", איקא און „אָרט". דער צ. ק. אין ארגענטינע האָט פון אַזאַ הילף אַפילו נישט געוואָלט הערן. ער איז געוואָרן דורכויס א ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. שפּעטער האָט דער צ. ק. איינגעזען זיין פעלער, וואָס האָט אים געקאָסט זיין פּרעסטיזשביים ברייטן עולם און ער האָט אוועקגעשיקט דורך דעם „ווערעליעף" צען טויזענט פּעזעס פאר הילף די אוקראַינישע אידן. ער האָט אויך אַראָפּגעבראַכט אויף צו שטאַרקן זיין אַרבעט, אַלס דע־לעגאַט פון „ווערעליעף" אָדער „וועלט הילפס קאָנפערענץ", לאַצקי בערטאָלדי. אָבער, אנשטאָט צו פאַריכטן, האָט דער דעלעגאַט נאָך

מער קאַליע געמאַכט. ער איז געקומען מיט זיין שם אַלס געוועזענער פּעטליורעס אַ מיניסטער און אַלס אונטערשרייבער פון אַ פּראָקלאַמאַציע צו די אידן אין רוסלאַנד זיי זאָלן זיך גרייטן אויפצונעמען מיט אָפענע אָרעמס די פּאַרטריבענע צארישע גענעראַלן, וואָס גייען מיט אַ נייער אָפענסיווע אויף „באָלשעוויע", ווי עס רופט זיך אין דער פּראָקלאַמאַציע דער ראַטנפאַרבאַנד. דאָס האָט קעגן אים ארויסגעשטעלט נישט בלויז די פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכקייט, נאָר אויך אַ טייל פונעם „צ. ק.", וואָס האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך מיטצוארבעטן מיט פּעטליורעס אַ מענטשן, און דער סענטימענט פון דער אידישער באַפעלקערונג גיט זיך אַ רוק אריבער אויף דער זייט פון אַ נייער הילפס ארבעט, וואָס הויבט זיך דעמאָלט אָן. צוערשט איז עס אַ קאָמיטעט צו העלפן די הונגער־ליידנדע נאָך דער גרויסער טריקעניש אין 1921 און די פאַרוואָרלאָזטע וואָס זיינען געבליבן נאָכן בירגערקריג, דערנאָך איז עס די הילף פאַר די אידישע איבערוואַנדערער אינעם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס באַקומט איר אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם אינעם „פּראָקאָר" (געגרינדעט 22טן נאָוועמבער 1924 און רעאָרגאַניזירט דעם 5טן פעברואַר 1927), איצט — הילפס־געזעלשאַפט פאַר בירעבידזשאַן. אויך וועגן דער אַרבעט וועלן מירריידן באַזונדער.

מיט דער מיטווירקונג פון ה. ד. נאָמבערג ווערט אין 1922 געגרינדעט דער אידישער ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין און אין 1923 דער אַקטיאָרן פאַריין און שוין אָן זיין מיטווירקונג, אָבער אונטער דער מיטווירקונג פון דער קאָמפּאַניע, וואָס ער האָט דאָ אויפגעהויבן פאַר די וועלטלעכע אידישע שולן אין פוילן, ווערט דאָ פאַרשטאַרקט די אַרבעט פאַר דער גרינדונג פון אידישע וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע.

וועגן דער גרינדונג פונעם אידישן ליטעראַטן פאַריין, דאַרף דאָ געזאָגט ווערן, אַז אַזאַ איניציאַטיוו איז שוין איינמאָל געווען. אָנהויב 1918 האָט ש. רעזניק געמאַכט אַ פּרואוו צו פאַראייניקן די אידישע שרייבער און באַזונדערס די אידשע זשורנאַליסטן אין אַ מין אידישן

זשורנאליסטן־קרייז אדער אידישן שרייבער פאריין. דעם שטוים צו דער גרינדונג האבן געגעבן א פאר פאלן, וואס האבן באוויזן, אז די אידישע זשורנאליסטיק אין ארגענטינע ליידט פון ירושה־קראנקהייטן, וואס קענען אויסגעווארצלט ווערן נאך דורך א פאריין, וואס זאל אריינברענגען אינעם פאך די נארמען פון געזעלשאפטלעכער עטיק און פון הברישער סאלידאריטעט. פון איין זייט האט געטראפן, אז א רעדאקטאר פון א אידישן זשורנאל אין שפאניש, איינער א ספרדישער איד, האט זיך ארויסגעשטעלט אלס אידישער רעפרעזענטאנט און איז געגאנגען צו דער מאכט ריידן אינעם נאמען פון כלל ישראל; פון דער אנדער זייט, האבן אידישע אינסטיטוציעס נישט ארויסגעוויזן דעם געהעריקן רעספעקט צו דער אידישער פרעסע, זייענדיק געוואוינט נאך פון ווערמאנטס צייטן צו באטראכטן דעם צייטונגס שרייבער פאר א מענטשן וואס כאפט א פינפערל און שרייבט וואס דער אדער יענער אינסטיטוציע געפעלט. א פאל מיט דער ציוניסטישער פעדעראציע, וואס האט צו איר קאנגרעס נישט צוגעלאזן א פארטרעטער פון א אידישער אויסגאבע, האט איבערגעפולט די מאס און אויס סאלידאריטעט צו דער אויסגאבע ווי כדי צו פארמיידן ווייטערדיקע אידישע רעפרעזענטאנצן פון דעם מין ווי פון דעם ספרדישן רעדאקטאר, האט געבראכט דערצו, אז שרייבער פון די „אידישע צייטונג" זאלן זיך זעצן ביי איין טיש מיט די רעדאקטארן פון „די פרעסע", וואס האט זיך נישט לאנג ערשט געהאט געגרינדעט און וואס ס'האט זיך צווישן זיי געפירט א שארפע פאלעמיק און נאכמער א ביטערער פארדרוס, און צוזאמען אפילו רעדאקטירט סטאטוטן פאר דעם פאריין. דער פאריין האט אחוץ דעם געהאט אלס אויפגאבע צו שאפן אן ארכיוו פון די דערשינענע אידישע אויסגאבן און אנדערע דרוק־זאכן אין ארגענטינע. דער פאריין האט אבער נישט באוויזן אפילו די סטאטוטן אנצונעמען און איז זיך צעשוואומען אין דער שנאה צווישן דער „אידישער צייטונג" מיט דער „פרעסע", וואס האט גובר געווען אלע גוטע כוונות פונעם איניציאטאר.

ה. ד. נאמבערג האט געטראפן די ארגענטינישע אידישע שרייבער־משפחה א צעריסענע. צו זיין אויפנאמע, וואס איז ארגאניזירט געווארן פון א נייטראלן קאמיטעט, זיינען אבער אלע אידישע שריי־

בער געקומען און ער האט דאס אויסגענוצט אויף צו אייניקן זיי אין דעם ליטעראטן און זשורנאליסטן פאריין, וואס טראגט זיין נאמען און עקזיסטירט ביז היינטיקן טאג, דורכמאכנדיק פארשידענע רעארגאני־זאציעס, שטילשטאנדן און אויפשוואונגען.

צווישן זיינע וויכטיקסטע אויפטואונגען ביז היינט איז כדאי אונ־טערצושטרייכן דאס ארויסגעבן אין 1928 צום צוואנציק יעריקן שרייבער־יובילעי פון זיינע מיטגלידער פ. קאץ, פ. וואלד און י. העלפמאן (געשטארבן אין 1934) זייערע ביכער „צו דער געשיכטע פון דער אידישער זשורנאליסטיק אין ארגענטינע, „בלעטלעך" און „פון מיין גע־מיט"; דאס פארופן די אויסלייג־קאנפערענץ אנהויב 1930, וואס האט אנגענומען דעם פאנעטישן אויסלייג פון די העברעישע עלעמענטן אין אידיש, וועלכע ווערט באלד איינגעפירט אין „די פרעסע", און צולעצט די גרינדונג פון א פראפעסיאנעלער סעקציע, וואס אינטערווענירט אין די סכסוכים צווישן די שרייבער און די צייטונגס־ארויסגעבער אדער פארלעגער, ווי אויך אין די סכסוכים וועגן טאנטיעמען צווישן שריי־בער און טעאטער־אונטערנעמער.

אויך דער אקטיארן פאריין, וואס איז געגרינדעט געווארן אין 1923 אונטער דער ווירקונג פון ה. ד. נאמבערג, איז נישט דער ערש־טער און איז אויך נישט דער לעצטער, ד. ה. נישט דער וואס עק־זיסטירט איצט און איז געגרינדעט אין 1932. פאר אים האט עקזיס־טירט א אידישער אקטיארן פאריין נאך אין 1907. און נאך אים האט עקזיסטירט א קורצע צייט אן אקטיארן פאריין געגרינדעט אין 1926. נישטא נאך אזא פאך, וואס זאל זיין אזוי עקספלואטירט ווי דער אק־טיארן־פאך און מער ווי אומעטום, דאכט זיך אונדז, דא אין בוענאס איירעס. אט דאס ארימע און פריילעכע אקטיארן־פאלק, די „בלאנ־דזשענדע שטערן" משפחה, מיט שלום עליכמס גאלדשפינער, האט זיך זיינע שוואכקייטן, וואס די עמפרעסארן ווייסן ווי אויסצונוצן; קינסט־לערישע אמביציע, דער געיעג נאך א גרעסערער ראל אויף די ברעט־לעך, נאך א פעטערן שריפט און א גרעסערן קלישע אויפן אפיש, און דאס פירט צו אומאויפהערלעכע אינטריגעס, צו דער הינטערקוליסן־פאליטיק, וואס מען לייט זי אוים זייער אפט ביי די אקטיארן פאר די פאליטיקער. דערפון נעמט זיך עס וואס אקטיארן האלטן זיך נישט

לאַנג אין פּאַריינען און פּאַריינען האַלטן זיך נישט לאַנג ביי אַקטיאָרן.

דער אידישער אַקטיאָרן פאַריין אין 1907 איז געווען אָנגערעגט פון דער אַמעריקאַנער אַקטיאָרן־יוניע, געבראַכט אַהער האָבן די אידייע אַ פּאָר אַקטיאָרן פון אַמעריקע און לאָנדאָן. מען האָט נאָך אָבער דעמאָלט אפנים נישט אָנגעטראָפן אויף די געמיינזאַמע אינטערעסן, וואָס זאָלן נעמען די אויבערהאַנט איבער די שוואַכקייטן ביי די אַקטיאָרן און דער שוואַכער פאַריין האָט זיך אָנגעשלאָגן אויף אַזעלכע שטיינער, וואָס האָבן אים צעקלאַפּט.

דער אַקטיאָרן פאַריין וואָס האָט זיך געגרינדעט אין 1923, האָט אָנגערירט עטלעכע וויטיקלעכע סטרונעס מיטאַמאָל: אַקטיאָרן האָבן זיך געוואָלט רעאַבּיליטירן, קולטורעל און סאָציאַל, און אין דער זעלבער צייט אריינברענגען אַ טאָלק אין זייערע פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן.

געהאַט האָט די אַקטיאָרן־משפחה צווישן זיך מיטגלידער פון „נישט ריינעם יחוס". אין אַנדערע צייטן האָט מען זיך פאַרגונען צו קוקן אויף אַקטיאָרן בכלל ווי אויף אַ מחנה קונצנמאַכער, וואָס קומט אין שטעטל אריין, באַווייזט די קונצן אויפן מאַרק אָדער אין אַ באַלאַגאַן און פאַרשווינדט אַזוי ווי זי איז געקומען און קיינעם קימערט נישט צו וויסן ווער זיי זיינען און ווי אַזוי זיי פירן זיך אויף. האָט מען אָבער ביי אונדז גענומען שטעלן טעאַטער אויף אַ הויכן אָרט, צוזאַמען מיט אַלע הויכע קונסטן און צוזאַמען מיט די אַלע הויכע קונסטן האָט מען אויך דער טעאַטער־קונסט געגעבן די מיסיע פון דערציאונג, נישט נאָר דערציאונג פונעם קונסט־געשמאַק, נאָר אויך פון געזעלשאַפטלעכער מאָראַל און געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין. דערצו זיינען אַרטיסטן געוואָרן תושבים ביי אונדז, גאָרנישט ווי קונצנמאַכער אָדער ציגיינער, נאָר ווי באַזעסענע בירגער. און דער עולם האָט זיך גענומען פרעגן: ווער זיינען עס די קולטור און מאָראַל פּרעדיקער? סיי די אַקטיאָרן, סיי די קולטור־טוער האָבן דעריבער געהאַט אַן אינטערעס אין דער רעאַבּיליטאַציע. וואָס געווען איז געווען, פון היינט און וויטער זיינען אַקטיאָרן אַן אָרגאַניזירטע קערפּערשאַפט צווישן אַלע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע, פּראָפעסיאָנעלע און קולטור־אינסטיטוציעס...

נישט אַזוי גרינג איז די אָרגאַניזאַציע אָנגעקומען: ערשטנס האָבן

זיך דערבײַ אויפגערויעט אַלע פאַרבאָרגענע און אײַנגעהאַלטענע אַק־טיאָרישע אַמביציעס און אינטריגעס און צווייטנס איז אונטערגעקומען די פּראַקטיק פון די פּוילישע חברים־טרופּעס און עס איז שווער געווען צו האַרמאָניזירן די אינטערעסן פון די חברים־טרופּעס מיט די אינטע־רעסן פון די אַקטיאָרן, וואָס אַרבעטן אויף „גאַזשע" בײַ עמפּרעסאַרן. נאָר נישט דאָס איז דאָס ערגסטע געווען.

אין דעם ענין האָט זיך אַרײַנגעמישט די שפּאַניש־ריידנדיקע אי־דישע יוגנט מיט אַ פּאָר אידישע זשורנאַליסטן וואָס שרײַבן שפּאַניש און האָבן גענומען אונטער זייער שוץ דעם פרײַען קינסטלער, וואָס די אידיש־ריידנדיקע שרײַבער און קולטור־טוער ווילן אים צוימען אין די ראַמען פון פאַרײַנען און אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבן שוין פריער אויף אַן אָרט אָנגעוויזן, אַז דאָרט וואו עס קומט צו אידיש טעאַטער, בפרט צו גאַסטראָלירנדיקע אידישע אַקטיאָרן, פאַרגעסן זיך די שפּאַניש־ריידנ־דיקע, ווי די רוסיש־ריידנדיקע אידן אין זייער אַסימילאַציע און טאַנצן אַרום זיי קדוש. געווען איז דאָס מאָל דער וואָס האָט גערופן צו זיך זייער אינטערעס דוד באַראַץ, אַ ג. אַמעריקאַנער אידישער אַקטיאָר פון דער אַלטער גוואַרדיע, וואָס האָט געשפּילט מיט שטורעם שלמהקע שאַרלאַטאַן פון יעקב גאָרדין און ענלעכע ראָלן. דוד באַראַץ האָט נישט געוואָלט אַנערקענען דעם פאַרײַן און נישט זײַנע פאָדערונגען צו אים, ווי צו אַ מיטגליד פון דער ג. אַמעריקאַנער „יוניע". איינער פון די שפּאַניש־ריידנדיקע זשורנאַליסטן, אַ געוויסער דאַנאָן, האָט אין זײַן צײַטונג זיך צעשריבן, אַז דער פאַרײַן איז אַ קאָמוניסטישער, אָנגע־פירט פון באָלשעוויקעס. אויך די „אידישע צײַטונג" האָט זיך אָנגע־נומען די קריוודע פון דער „פרײַער קונסט". און די אַקטיאָרן האָבן זיך גענומען וואַקלען. ה. ד. נאָמבערג האָט דעמאָלט מיט זײַן פּרעסטיזש געראַטעוועט דעם פאַרײַן פון צעפאַלונג. דער באָדן אָבער איז שוין געווען אַן אונטערגעגראָבענער און דער פאַרײַן האָט זיך לאַנג נישט געהאַלטן. כאַראַקטעריסטיש איז דערבײַ, אַז די אַקטיאָרן, וואָס האָבן אים צעבראָכן, האָבן נישט געהאַט דעם מוט אַרויסצוטרעטן אָפן קעגן עצם אַקטיאָרן פאַרײַן, און האָבן דאָס געטאָן מיט דער גרינדונג פון אַ צווייטן פאַרײַן, וואָס האָט אין זײַנע אַרויסגעשטעלטע אויפגאַבן נישט

געגעבן קיין פּלאַץ פאַר קולטור און געזעלשאַפטלעכקייט און אנשטאָט פּראָפעסיאָנעלער פּאַרטיידיקונג ארויסגעשטעלט קעגנזייטיקע הילף.

א דריטן מאָל האָט זיך אַ אידישער אַקטיאָרן פאַריין אָרגאַניזירט שוין צוליב גאָר פאַרקערטע צילן, ווי קולטור, געזעלשאַפטלעכער מאָראַל און דערציאונג, דערפאַר אָבער ספּעציעל צוליב דער פּאַרטיידיקונג פון דער „פרייער קונסט”, וואָס די קולטור און געזעלשאַפטלעכע מיינונג האָבן זי געוואָלט צוימען אין די ראַמען פון דער אָנשטענדיקייט. און מאָדנע, דאָס מאָל זיינען פאַר דעם פאַריין געשטאַנען שטאָל און אייזן און געגאַנגען ביזן האַלדז אין בלאָטע די וואָס האָבן פריער אים באַקעמפט.

געווען איז עס אין 1926, מיט גאַנצע דריי יאָר שפּעטער, אַ סך שפּעטער ווי ה. ד. נאָמבערג איז פון ארגענטינע אוועקגעפאָרן, נאָך דער גייסט פון ה. ד. נאָמבערג האָט געשוועבט איבער די געשעענישן וואָס האָבן די נישט שיינע גרינדונג ארויסגערופן און שטאַרק געווירקט אויפן ארגענטינישן אידישן טעאַטער, ווי אויף דער ארגענטינער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט.

די מעשה הויבט זיך אָן מיט אַ פּיעסע פון דעם פאַרשטאָרבענעם ל. מלאך, אונטערן נאָמען „איבערגוס”, אין וועלכער עס ווערט ארויסגעפירט דער קאַמף, וואָס די אידישע געזעלשאַפט האָט געפירט אין בראַזיל קעגן די אידישע פרויענהענדלער, וואָס האָבן דאָרט, אַזוי ווי אין ארגענטינע, געהאַט זייער אָרגאַניזירטע קהילה און האָבן זיך אריינגעריסן אין דער אידישער געזעלשאַפט דורך צדקה פאַר אידישע אָרימעלייט און דורך זייער נאָענטקייט מיט דעם אידישן טעאַטער. אַ טעאַטער עמפּרעסאַר האָט גענומען די פּיעסע צום אויפירן, אָבער נאָכדעם האָט ער חרטה געהאַט און האָט געשטעלט דעם מחבר אַ באַדינג ער זאָל אויסשטרייכן יענע סצענעס, וואָס ווייזן אָן די נאָענטקייט פון די פרויענהענדלער מיט דעם טעאַטער. דער מחבר האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט און האָט וועגן דעם געגעבן צו וויסן אין „די פּרעסע”. דער עמפּרעסאַר האָט דערויף רעאַגירט מיט אַ דראָונג „דער פּרעסע” צו שיסן אירע רעדאַקטאָרן, אויב זיי וועלן דעם ענין איבערגעבן צו דער עפנטלעכקייט און אַזוי ווי „די פּרעסע” האָט פאַרשטאַנען אַז סיי די פאָדערונג צום מחבר, סיי די דראָונג אירע רעדאַקטאָרן שטעלט אין

געפֿאַר דאָס אידישע טעאַטער און איז אין דערזעלבער צייט אַן אַרויס־רוף דעם געדרוקטן וואָרט, איז דער ענין געקומען צו דער עפֿענטלעכ־קייט און האָט אַרויסגערופֿן אין דער אידישער געזעלשאַפֿט גרויס עמפּערונג. די אַרגענטינער אידישע געזעלשאַפֿטלעכקייט האָט אין דעם פֿאַל דערזען אַ נישט אויסגעלעבטע ירושה פֿון די ערשטע יאָרן אי־דישער איינוואַנדערונג אין לאַנד, ווען דאָס טעאַטער איז געלעגן אין די הענט פֿון די טמאים און אַן אָפּזיכט צו טעראָריזירן דאָס געדרוקטע וואָרט און אימפּאָנירן אויף דעם דעם ווילן פֿון די פּרויענהענדלער.

צוזאַמענגעטראָפֿן האָט זיך דערמיט אַ סקאַנדאַל אין איינעם פֿון די אידישע טעאַטערס אויף דעם זעלבן באָדן. צוויי אָנגעזעענע אידישע געזעלשאַפֿטלעכע טוער האָבן זיך אויפֿגעהויבן אין מיטן דער פֿאָר־שטעלונג און פֿאַרלאָזט דעם זאַל, אָנגעבנדיק, אַז זיי טוען דאָס מחמת זיי ווילן נישט זיצן מיט פֿרויענהענדלער אין איין טעאַטער.

מיט דער מיטווירקונג פֿון „די פּרעסע" האָט זיך דעמאָלט אָנגע־הויבן אַ באַוועגונג פֿאַר אַ ריינעם אידישן טעאַטער, אָן טמאים און אָן זייער ווירקונג.

און דעמאָלט האָבן זיך עם אידישע אַקטיאָרן, אָנגערעדט און גע־שמיצט פֿון די „אידישע ציימונג" און אירע שרייבער, וואָס האָבן פֿאַר־טיידיקט די „פֿרייע קינסטלער" און נאַטירלעך אונטערן דרוק פֿון דעם עמפּרעסאַר, אויס מורא פֿאַר דער פּרנסה, געגרינדעט אַן אַקטיאָרן פֿאַריין.

אַז אַזאַ אַקטיאָרן פֿאַריין האָט לאַנג נישט געקענט לעבן, איז פֿאַרשטענדלעך, ער איז געווען אַן אַנטיגעזעלשאַפֿטלעכער, געבוירן אין אַ מאָמענט פֿון פֿאַרטונקלטן געזעלשאַפֿטלעכן באַוואוסטזיין, אונטער דער ווירקונג פֿון אַטאַוויסטישע רעשטלעך טעאַטער־געשיכטע אין אַר־געטינע און פֿאַרבלענדונג פֿון ציימונגס־קאָנקורענץ.

אַרויסגעקומען איז פֿון דער געשעעניש אַ אידיש פֿאָלקס־טעאַ־טער, וואָס האָט אויפֿגעפֿירט צוזאַמען מיט „איבערגוס" פֿון ל. מלאך, אַ ריי זעלטענע ספּעקטאַקלען אונטער דער לייטונג פֿון דעם פֿאַרשטאָר־בענעם רודאָלף זאַסלאַווסקי, וואָס זיינען געבליבן אַלעמען אין זכרון.

דאָס וועלטלעכע שול-וועזן

דאָס וועלטלעכע שול־וועזן אין בוענאָס איירעס באַשטייט שוין צו יענער צייט פון אַ גאַנצן אָדער קנאַפּן צענדליק שולן. צו די צוויי באָרוכאָוו־שולן און די דריי פאָלקס־שולן, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פונעם פריער דערמאָנטן שול־ראַט, זיינען צוגעקומען צוויי אַרבעטערשולן, איינע אין ווילשאַ קרעספּאָ, די צווייטע — אין פלאָרעסטאַ און צו די צוויי — אַ דריטע אין פּאַטערנאַל, וואָס איז געשטאַנען צווישן אַרבעטער־שול און פאָלקס שול. צוגעקומען איז אויך אַ שול פון אַ נייער געזעלשאַפט, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן פון דעם בונדיסט אינזשעניער ל. אַקון, וועלכער האָט דעמאָלט איינינקע יאָר געלעבט אין בוענאָס איירעס — אונטערן נאָמען „בילדונג און אַרבעט".
עס קומט דעמאָלט אויף אַן איניציאַטיוו פונעם שול־ראַט — אין וועלכן עס האָבן זיך שוין געהאַט געביטן די פריערדיקע פירער צוזאַמען מיט די פריערדיקע ווירקונגען און עס האָבן אין אים געהערשט די נייע שטימונגען, אָנגעוויטע פון סאָוועט־רוסלאַנד — צו פאַרופן אַ שול־קאָנפערענץ, וואָס דער צוועק אירער זאָל זיין צו פאַראייניטלעכן די פּראָגראַם פון אַלע וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע.

ביי היינטיקן טאָג, נאָך אַ ריי נישט געלונגענע פּרואוון פון פאַראיינהייטלעכן די פּראָגראַם פון אַלע וועלטלעכע שולן, רעדט מען שוין בלויז וועגן דער נויטיקייט צו קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט צוליב געמיינזאַמע צילן, — צו פאַרזיכערן זייער עקזיסטענץ און פאַרטיידיקן זיי פון דרויסנדיקע און אינעווייניקסטע שונאים; דעמאָלט אָבער האָט מען געוואָלט אַלץ אָדער גאָרנישט און יעדער פון די צדדים איז געגאַנגען צו דער קאָנפערענץ אימפּאָנירן זיין אמת. ביים ערשטן חלוקי דעות איז מען זיך דעריבער צעגאַנגען און די קאָנפערענץ האָט זיך אויפגעלייזט. עס האָט זיך דאָרט פאַרפירט אַ פּאָלעמיק איבער אידיש אַלס ציל אָדער אַלס מיטל, אַ פּאָלעמיק אונטער וועלכער עס האָט זיך אויסבאַהאַלטן דער קאַמף צווישן אידישיזם און פּראָלעטאַרישער קולטור אין אידיש, וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אין פּוילן און נ. אַמעריקע. דער אמת איז, אַז דאָ איז נאָך קיין פּלאַץ נישט געווען פאַר אַזאַ שאַרפן קאַמף צווישן די צוויי ריכטונגען און פאַר די שול־קינדער וואָלט

עס אַלצאיינס געווען צי מען לערנט זיי אידיש, אידישע ליטעראַטור און אידישע געשיכטע לשם פּראָלעטאַרישער קולטור אָדער לשם אי־דישיזם; נאָר געווען איז, ווי שוין געזאָגט, אַ קאַמף פאַר דער העגע־מאָניע פון די ריכטונגען אין דער אידישער אַרבעטערשאַפט.

אַרויסגעקומען איז פון דער אויפגעלייזטער קאָנפערענץ אַ קאָנ־קורענץ פאַר דער בויאונג פון וועלטלעכע שולן צווישן דער באָרוכאָוו־ריכטונג און דער ריכטונג פון די אַרבעטער־שולן. אַדאַנק אָט דער קאָנ־קורענץ, איז די נעץ פון דיביידע טיפּן שולן געוואַקסן. אין 1927 ציילן זיך שוין פינף באָרוכאָוו־שולן און אַכט אַרבעטער־שולן, אָרגאַניזירטע אין אַן אַלגעמיינער שול־אָרגאַניזאַציע, וואָס טראָגט דעם פאַרקירצטן נאָמען „אַרבשולאָרג". די קאָנקורענץ צווישן די צוויי טיפּן שולן דער־גייט ביז אַבסורדן, ביז גרינדן שולן אויף דער לופט, אָן אַן עקאָנאָ־מישער באַזע אונטער זיי און די פּאָלעמיק דערגייט ביז אָנרופן די באָרוכאָוו־שולן תלמוד תורות און די אַרבעטער־שולן פאַרטיי־קלייזלעך.

אינצווישן ווערן דערווייל אויפגעלייזט די פאָלקס שולן אָדער זיי דערווייטערן זיך פון דער וועלטלעכקייט, פאַלן אַרונטער אונטער ציור־ניסטישער ווירקונג, די נעמען פון די אידישע שרייבער וואָס באַערן זיי, ווערן פאַרביטן אויף ציוניסטישע פּערזענלעכקייטן.

די קאָנקורענץ און די פּאָלעמיק האַלט אָן ביז אַ כוואַליע פון דער רעאַקציע, וואָס איז געקומען אויפן לאַנד אין 1930 ווישט זיי אַלעמען אָפּ אין יאָר 1933 אונטער דער באַשולדיקונג, אַז זיי זיינען קאָמו־ניסטישע.

די וועלטלעכע שולן האָבן נישט אויסגעמיטן דאָס בייזע אויג פון דער רעאַקציע, באַזונדערס די אַרבעטער־שולן, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער לייטונג פון „אַרבשולאָרג" (אַרבעטער שול אָרגאַניזאַציע), וואָס אין זייער פאַרוואַלטונג האָבן געהאַט אַ ווירקונג אידישע קאָמו־ניסטן. „לאַ פּרענסאַ", וועלכע איז געווען מיט דער אוריבורו רעוואָלו־ציע און מיט אירע נאָרד־אַמעריקאַנער פריינט, בראש פון וועלכע עס איז געשטאַנען דער „ניו־יאָרק טיימס", האָט איר אונטערגערוקט אַלץ נייעם ברעון־שטאָף פון די ניו־יאָרקער אַנטיסאָוועטישע צייטונגען און איבערגעדרוקט צווישן אַנדערן ברעון־שטאָף אויך וועגן די אידי־שע אַרבעטער שולן. די פּאָליציי האָט צוגעהאָלפן און אין יאָר 1933

האָט מען די שולן פאַרמאַכט און אין דער זעלבער צייט אויך די באָרוכאָוו־שולן, קענען וועלכע דער „אַרבשולאָרג” האָט געפירט אַזאַ פאַרביסענעם קאַמף. געבליבן איז איין איינציקע וועלט־לעכע שול, אויסגעהאַלטן פון דער „געזעלשאַפט פאַר אידיש־וועלטלעכע שולן”, וואָס איז געגרינדעט געוועזן אין יאָר 1931. עס מוז געזאָגט ווערן, אַז אין דעם „אַרבשולאָרג”, ווי אין אַ ריי אַנדערע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער ווירקונג פון די אידישע קאָמוניסטן אין דעם צייט־אָפּשניט 1930—1933, האָט געהערשט אַ מין היסטעריקע, וואָס איז אומפאַרשטענדלעך ביי מענטשן וואָס גילטן פאַר רעאַל־פּאָ־ליטיקער און קענען אָפּשאַצן סיטואַציעס. די אויסגאַבעס זייערע זיינען פול געוועזן מיט פּראָוואָצירנדיקן שוים: ווער נאָר עס האָט נישט מיט־געטאַנצט אין דער היסטעריקע פון די עטלעכע וצדקתכעס, וואָס האָבן זיך יעדן טאָג געשוואוירן אין קאָמוניזם, איז באַשפּיגן געוואָרן פאַר אַ פאַשיסט, פאַר אַ מחותן מיט דער בלוטיקער רעאַקציע. אַ סך הער־לעכע מי און אָפּפערוויליקייט פון אידישע אַרבעטער איז פאַרלוירן געגאַנגען אַ דאַנק דער רעאַקציע, וואָס האָט זיך געשראָקן פאַר דעם קאָמוניסטישן שאָטן אָדער האָט אים גענומען פאַר אַן אויסרייד; אָבער אויך יענע סעקטאַנטן היסטעריקער און וצדקתכהס האָבן דערין זייער חלק.

קנאַפּע צוויי יאָר איז אויף דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין בוענאָס איירעס געווען איין איינציקע וועלטלעכע שול, די שול פון דער געזעלשאַפט פאַר וועלטלעכע שולן. אַ טרויעריקע פּערספּעק־טיווע איז דעמאָלט געשטאַנען פאַר דער וועלטלעכער אידישער קולטור און פאַר דער אידישער קולטור אין אַרגענטינע בכלל.

ערשט סוף 1934 קומט אויף אַ איניציאַטיוו פון אַ גרופּע פּער־זאָנען, געוועזענע טוער ביי די באָרוכאָוו־שולן, צוזאַמען מיט אַ טייל חברים פון „די פּרעסע” צו פאַרופן אַ שול־קאָנגרעס, וואָס זאָל אויס־אַרבעטן אַ מאָדוס פאַר דער עקזיסטענץ פון וועלטלעכע אידישע שולן, קאָנטראָלירטע פון דער בילדונגס־מאַכט. דער קאָנגרעס איז אָפּגע־האַלטן געוואָרן יאַנואַר 1935. עס זיינען אויף אים פאַרטראָטן געווען אַחוץ שול־טוער און לערער, אויך שולן פון דער שטאָט און פּראָווינץ, וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס אין דער לעגאַליזירונג פון זייער עק־

זיסטענץ ווי אין דער אויסאַרבעטונג פון אַ געמיינזאַמען לערן־פּראָג־ראַם. אויף דער באַזע פון די אָנגענומענע באַשלוסן ביי דעם קאָנגרעס איז געגרינדעט געוואָרן די „צווישאַ" (צענטראַלע וועלטלעכע אידישע שול אָרגאַניזאַציע), וואָס האָט געגרינדעט אַ ריי שולן אויפן נאָמען פון שלום עליכם.

אויפן ביישפּיל פון דער „צווישאַ", האָט זיך באַלד געגרינדעט אַ צווייטע שול־אָרגאַניזאַציע מיט דעם נאָמען „פאַרבאַנד פון אידישע פאָלקס־שולן אין ארגענטינע", וואָס אויך איר ציל איז געווען די עפּע־נונג פון וועלטלעכע אידישע שולן, וואָס זאָלן שטיין אונטער דער אויפ־זיכט פון דער בילדונגס־מאַכט. דער פאָלקספאַרבאַנד, ווי די „צווישאַ" האָבן געגרינדעט זייערע שולן און זיך אָפּט געווענדעט צו דער בילדונגס־מאַכט נאָך רעגיסטרירונג און קאָנטראָל, וועלכע איז זיי צוגעזאָגט גע־וואָרן, נאָר קיינמאָל נישט דורכגעפירט געוואָרן. אין עמיצנס אינטע־רעס איז עס געווען, אַז די אידישע שולן זאָלן שטיין נישט אונטערן קאָנטראָל פון דער בילדונגס־מאַכט, נאָר אונטערן קאָנטראָל אָדער אונ־טערן חשד פון דער פּאָליציי, פון דער ספּעציעלער פּאָליציי־סעקציע קעגן קאָמוניזם. שפּעטער איז עס קלאָר געוואָרן צוליב וואָס און ווער דאָס איז נויטיק געווען. מאַי 1937 זיינען אַכט שולן פון דעם פאַרבאַנד פאַר אידישע פאָלקס־שולן איבערגעפאַלן געוואָרן פון געהיים־פּאָליציי און געשלאָסן געוואָרן. אין איין שול, וואו די פאַרוואַלטונג פונעם פאַרבאַנד האָט אָפּגעהאַלטען אַ זיצונג, האָט מען אַלעמען אַרעסטירט. די קינדער פון די איבערגעפאַלענע שולן האָט מען פאַרהאַלטן ביז די עלטערן זיינען געקומען זיי אָפּנעמען אָדער מען האָט געשיקט די קינ־דער רופן די עלטערן און דאָרט האָט מען זיי געצוואונגען מיט סטראַ־שונגען אונטערצושרייבן אַ וויים פּאַפּיר, אויף וועלכן מען האָט שפּע־טער אָנגעשריבן, אַז די עלטערן באַשטעטיקן, אַז די שולן זיינען קאָ־מוניסטישע און אַז זייערע קינדער באַזוכן נישט קיין רעגירונגס־שול. מען האָט פאַרנומען פון די שולן די קינדערשע העפטן, די טעקסט־ביכלעך, די בילדער פון מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ און ספּעציעלע „איבערזעצער" האָבן אָנגעגעבן די קינדערשע קאָמפּאָזיציעס און די טעקסט־ביכער פאַר קאָמוניסטישע און מענדעלע, שלום עליכם און פּרץ — פאַר קאָמוניסטישע פירער, פאַר לענין און סטאַלין. אפילו חומשים,

וואָס האָבן זיך געפונען אין איינער פון די שול־ביבליאָטעקן, האָט מען אָנגעגעבן פאַר קאָמוניסטישע ליטעראַטור. די לערער און טוער האָט מען אַ לענגערע צייט געהאַלטן אַרעסטירט, ביז... מען האָט די קאָמע־דיע מער נישט באַדאַרפט און מען האָט זיי באַפרייט. און באַדאַרפט האָט מען דאָס אַלץ כדי צו געבן אַ געלעגנהייט דעם פאַשיסטישן סע־נאַטאָר סאַנטשעז סאָראַנדאָ צו דאָקומענטירן מיט דעם פּאָליציייאישן פּראָטאָקאָל זיינע אַ רעדע וועגן דער קאָמוניסטישער געפאַר אין לאַנד און וועגן דעם אידישן אנטייל אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. באַ־דאַרפט האָט מען דאָס כדי צו שטיצן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין לאַנד; כדי צו שטיצן דעם פּאָליצייאישן פאַרבאָט זיך צו באַנוצן מיט אידיש אויף פאַרזאַמלונגען און זיצונגען. דאָס מאָל שוין אָנגעוויעט פון דער דייטשער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע קעגן דעם „יודעאָ־קאָמוניזם", וואָס מיט דעם געשפּענסט רעכנט זי צו געווינען אויף איר זייט דאָס אָנגעשראָקענע בירגערטום.

ביז היינטיקן טאָג איז דאָס פאַרמעגן פון די איבערגעפאַלענע שולן אין די הענט פון דער פּאָליציי און אידישע קינדער פאַרבלייבן אָן אי־דישן אונטעריכט. צוזאַמען מיט דעם פאַרבאַנד פון די אידישע פאָלקס שולן האָט אויך אויפגעהערט דערשיינען די חודשלעכע אויסגאַבע פאַר קינדער, דער „שול־חבר", וואָס איז געווען אַ מין באַוועגלעכע ברעס־טאַמאַטיע פאַר די שולן, אינעם גייסט פון דער מאָדערנער דערציאונג, וואָס האַלט דאָס קינד אין קאָנטאַקט מיט דער צייט און מיט דער אַרו־מיקער געזעלשאַפט, אין האָט באַקאַנט געמאַכט די קינדער מיט אַר־גענטינישער געשיכטע און געאָגראַפיע און מיט דעם לעבן פון קינדער אין אַנדערע לענדער; אויפגעהערט האָט דערשיינען די „קינדער־ביב־ליאָטעק", וואָס האָט אַרויסגעגעבן דערציילונגען פון וועלט־שרייבער, דעריין אַרגענטינישע, פאַר קינדער; דער זשורנאַל „שול־וועגן", וואָס האָט באַהאַנדלט פּעדאַגאָגישע פראַגן און פּראָפּאַגאַנדירט די פאַרייני־קונג פון דעם וועלטלעכן שול־וועזן אין אַרגענטינע צוליב לעגאַליטעט און ווירקזאַמקייט.

וואָס מען קען אויפטון מיט דער פאַרייניקונג פון דעם וועלטלעכן שול־וועזן, האָבן באַוויזן אין לאָקאַלן מאַסשטאַב די שול־טוער אין דער פּראָווינץ־שטאָט לאַ פּלאַטאַ, וואו צוויי שולן,ביידע וועלטלעכע, נאָר

פון צוויי באַזונדערע געזעלשאַפטלעכע לאַגערן אָנגעפירטע, די שול אויפן נאָמען פון אברהם רייזען און די שול אויפן נאָמען פון מאָריס ווינטשעווסקי, האָבן זיך פאַרייניקט און האָבן אויסגעפועלט אויפן ערשטן פלאַן לעגאַליטעט פאַר דער שול און צווייטנס — איינגעאָרדנט מיט די נויטיקע באַקוועמלעכקייטן, אַ געהעריקן לאָקאַל, גענוג לערער און געהעריקע קלאַפיסיצירונג אין גראַדן.

דאָס אידישע שול־וועזן בכלל, סיי דאָס וועלטלעכע, וואָס איז איצט פאַרבאָטן מיט די דריי שולן פון דער „געזעלשאַפט פאַר אידיש־וועלטלעכע שולן" און די איינציק פאַרבליבענע שלום עליכם שול ביי דער „צווישא", ווי די תלמוד תורות, וואָס עקזיסטירן ביי די שילעכלעך אין די פאַרשידענע שטאָטישע געגנטן און באַקומען מיזערנע סובסידיעס פון דער חברה קדישא אָדער די פאָר אידיש־העברעישע, וואָס האָבן זיך לעצטנס געגרינדעט, האָט זיך נאָך ביז איצט, מוז דאָ געזאָגט ווערן, נישט גענומען אין ערנסט. זייער פינאַנצירונג, טעכנישע איינאָרדענונג און פעדאַגאָגישע אַוועקשטעלונג וואַרט אויף אַן ערנסטער געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו.

פאַר דער אידישער ערד־איינאָרדענונג אינעם ראַטנפאַרבאַנד

מען קען מיט פולער זיכערקייט זאָגן, אַז פּראָפּאָרציאָנעל האָט אין קיין שום אַנדער לאַנד נישט געהאַט אַזאַ אָפּקלאַנג און אַזאַ הילף־גרייטקייט מצד די אידישע האָרעפּאַשניקעס די אידישע קאָלאָניזאַציע אינעם ראַטנפאַרבאַנד, ווי ביי אונדז אין אַרגענטינע. עס וואָלט גענוג געווען צו באַרעכטיקן די דאָזיקע מיינונג דער פאַקט, וואָס פון אַרגענטינע זיינען געפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד צוויי דעלעגאַציעס צו באַקענען זיך אויפן אָרט מיט דער אידישער ערד־איינאָרדענונג, איינע אין 1929 אין באַשטאַנד פון פינף פּערזאָן, וואָס האָבן פאַרטראָטן פאַרשידענע שיכטן און אידעאָלאָגישע ריכטונגען, צווישן זיי, דער שרייבער פון די שורות, אַלס רעדאַקטאָר פון „די פּרעסע", וואָס האָט דער

ארבעט אָפּגעגעבן גרויס אויפמערקזאַמקייט, און אַ צווייטע דעלעגאַציע אין 1935. די ערשטע, נאָך אַ באַזוך פון דעם „געזערד"-טוער יאַנקל לעווין און די צווייטע, נאָך דעם פּראָפּאַגאַנדע-טור פון דער „געזערד"-טוערין גינאַ מעדעם. עס וואָלט אויך געגנוג געווען דערצו דער פאַקט, וואָס די אַרגענטינער אידישע באַפעלקערונג, די שטאָטישע און באַזונדערס די קאָלאָניסטישע, האָט געגעבן אַ זייער שעצבאַרן קאָנטינגענט פּיאָנערן פאַר ביראָבידזשאַן, פאַר דעם לאַנד אינעם ווייטן מזרח, וואו עס בויט זיך אַ סאָציאַליסטישע אידישע רעפּובליק איינגעשלאָסן אינעם ראַטנפאַרבאַנד. די אַרגענטינער איבערוואַנדערער קיין ביראָבידזשאַן זיינען אַרויסגעפאָרן פון דאַנען אין 1930. אַ גרויסן חלק האָט אין דער באַוועגונג געהאַט „די פּרעסע", ווי אויך דער וואָכן-זשורנאַל „פאַר גרויס און קליין", וואָס איז צוערשט געווען אַן אויסגאַבע פון „די פּרעסע" און דערנאָך אויך געשטאַנען אַ געוויסע צייט אונטער דער השפעה פון „די פּרעסע"-חברים; דעם גרעסטן חלק אָבער אין דער דערשיינונג האָט דער כאַראַקטער פון אונדזער ישוב, וואָס איז אויפגעקומען פון האַרעפּאַשניקעס און אידעאַליסטן פון דער ערד-אַרבעט. צווישן די אויסגעוואַנדערטע פון אַרגענטינע קיין ביראָבידזשאַן האָבן זיך געפונען שטאָטישע האַרעפּאַשניקעס ווי קאָלאָניסטישע זין און אַזוי גערופענע „קאַנדידאַטן", פעלד-אַרבעטער, וואָס האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן די איקאַ זאָל זיי קאָלאָניזירן.

די ערשטע אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרם, אין וועלכער די באַוועגונג האָט זיך אויסגעגאָסן, איז געווען דער צענטראַלער פּראָלעטאַרישער הילפס קאָמיטעט צו העלפן די אידישע איבערוואַנדערער אין ראַטנפאַרבאַנד, מיט דעם פאַרקירצטן נאָמען „פּראָקאָר", געגרינדעט נאָוועמבער 1924. דער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון דעלעגאַטן געשיקט פון אַ ריי אַרבעטער אָרגאַניזאַציעס: אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער הילפס קאָמיטעט, סטאָליער סינדיקאַט, אידישע קאָמוניסטישע סעקציע, אַרבעטער ביבליאָטעק ווזשאַ קרעספּאָ, שניידער אַרבעטער פאַריין, מאַליער אַרבעטער פאַריין, איד. קאָמ. יוגנט, י. ק. פּ. פּועלי ציון, ביבליאָטעק א. ווייטער, י. ק. פּ. פּועלי ציון יוגנט, טעקסטיל סינדיקאַט, „בונד", צענטראַלע אַרבעטער ביבליאָטעק, אידישע פרייע ביבליאָטעק און אַרבעטער פאַרבאַנד. די באַוועגונג האָט זיך אָבער אַזוי צעוואַקסן,

אין שטאָט ווי איבער דער פּראָווינץ, אַז די דאָזיקע פּרימיטיווע פאָרם איז מער נישט צוגעפּאַסט געווען פאַר איר און אויף אַ קאָנגרעס, אָפּ־געהאַלטן אין דער הויפּט־שטאָט אין פעברואַר 1927, וואו עס זיינען פאַרטראָטן געווען 38 דעלעגאַטן פון 2.500 מיטגלידער, איז דער „פּראָ־קאָר" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרגאַניזאַציע, מיט אַ געוויילטער פאַרוואַלטונג און מיט אַ פּלענום וואָס פאַרטרעט די מיטגלידערשאַפט פון די פאַרשידענע ישובים. צו יענער צייט האָט שוין דער „פּראָקאָר" געהאַט אַכט סוב־קאָמיטעטן אין שטאָט און 16 סוב־קאָמיטעטן אין די קאָלאָניעס און פּראָווינץ־שטעט. אחוץ דעם האָט עקזיסטירט אַ צווייטע געזעלשאַפט צוליב דעם זעלבן צוועק אונטערן נאָמען „געזקאָר", אָנ־געפירט פון די לינקע פּועלי ציון, וועלכע האָבן נישט מסכים געווען צו דער נייער פאָרם אָרגאַניזאַציע.

די רעאַקציע וואָס איז געקומען מיט דער סעפּטעמבער־רעוואָלו־ציע און האָט געזען אין יעדער אָרגאַניזאַציע, וועלכע ווערט געשטיצט און פאַרוואַלטעט פון די אַרבעטער, אַ קאָמוניסטישע פאַרשווערער־נעסט, האָט אויך נישט געשוינט די „פּראָקאָר"־אָרגאַניזאַציע, די באַ־וועגונג ווערט איצט אָנגעפירט פון דער „הילפס געזעלשאַפט פאַר בי־ראָבידזשאַן", וואָס ווארט אויף אַן ענדערונג אין דער וועלט־סיטואַ־ציע, כדי צו קענען דורכפירן אירן אַ פּלאַן צו גרינדן אַ קאָלאָניע פון אַרגענטינער אידן אין דער אידישער אַרבעטער־רעפּובליק.

אונטערן צייכן פון פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם

עס וואָלט געווען אומזיניק צו דענקען, אַז אַרגענטינע זאָל בלייבן אויסער דער ווירקונג פונעם פאַשיזם, וועלכער איז געוואָרן די רעט־טונגס־ברעט פון די אָליגאַרכיעס איבער דער גאַנצער וועלט. ביי אונדז אין אַרגענטינע האָט זיך מיט אים באַנוצט די פּי־אָליגאַרכיע, וואָס איז זינט 1916 געווען באַזייטיקט פון דער מאַכט אַ דאַנק דעם וואַל־געזעץ פון דעם מלוכה־פּרעזידענט ראָקע סאַענז פּעניאַ, וועלכער האָט פאַר־זיכערט דעם נצחון פון דער דעמאָקראַטיע אין דער געשטאַלט פון דער

ראַדיקאַלער פּאַרטיי און אויך דעם וואוקס פון דער סאָציאַליסטישער. אויסגענוצט האָט די פּי־אָליגאַרכיע די אומצופרידנקייט און די נערוועזיטעט, וואָס דער שאַרפער אַגראַר־קריזיס, אָנגעהויבן אין יאָר 1929, האָט אַריינגעבראַכט אינעם פאָלק און, געשטיצט פון דעם נאָרד אַמעריקאַנער נאַפט־קאַפּיטאַל, אין זיין גייעג זיך צו אימפּאָנירן איבער דעם ענגלישן רעלצן־קאַפּיטאַל און צו באַזייטיקן פון די דרום־אַמעריקאַנער לענדער דעם דירעקטן האנדל מיט דעם ראַטנפאַרבאַנד, — האָט דער גענעראַל אוריבורו מיט אַ שטאַטס־קלאַפּ דעם 6טן סעפּטעמבער 1930 אַראָפּגעזועצט פון דער מאַכט דעם פּרעזידענט איריגאָזשען, דעם פירער פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי און האָט איבערגענומען די מאַכט, אַלס דיקטאַטאָר מיט אַ מיניסטאָרן־קאַבינעט פון אייגענע מענטשן.

די מיטלען, וואָס דער דיקטאַטאָר האָט אָנגענומען, סיי אויף צו פּאַרפעסטיקן ביי דער מאַכט די פּי־אָליגאַרכיע, סיי אויף קעגנצעווירקן דעם קריזיס, זיינען געווען קאָפּירט פון די מוסאָלינישע: ער האָט אָפּגעשאַפט דעם פּאַרלאַמענט, געגרינדעט ציווילע לעגיאָנען, געפּרעדיקט די רעגירונג פון די סעלעקציאָנירטע און די אויסבילדונג פון די אינדוסטריעלע קאָרפּאָראַציעס, וואָס זאָלן איבערנעמען די פירונג פונעם לאַנד אין זייערע הענט. די „אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן", וואָס האָבן אנטיילגענומען אינעם „מאַרש" פון 6טן סעפּטעמבער, האָבן אויף זיך גענומען די אַרבעט פון שטעלן צו דינסט דעם נייעם רעזשים פון „דיריזשירטער ווירטשאַפט" די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציע פון די אַרבעטער אין דער געשטאַלט פון דער „סעבעטע" (אַלגעמיינע אַרבעטער קאָנפעדעראַציע), וואו זיי האָבן געהאַט זייערע פּאַרטרעטער אָדער גלאַט פּאַסיקע מענטשן. אָבער, איידער די קאָרפּאָראַציעס זיינען געבילדעט געוואָרן און איידער די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס זיינען איינגעשפּאַנט געוואָרן אין דעם קאָרפּאָראַטיוון רעזשים, מוז מען עפּעס טאָן קעגן דעם קריזיס, און די ערשטע שריט זיינען געווען: פּראָטעזשירן די לאַנד־פּראָדוקציע אָדער, ווי מען האָט עס גערופן, עקאָנאָמישער נאַציאָנאַליזם. אויסגעדריקט האָט זיך דער עקאָנאָמישער נאַציאָנאַליזם אין אַרויפלייגן שווערע שטייערן אויפן אימפּאָרט, כדי די אייגענע פּראָדוקטן זאָלן זיך הויבן אינעם פּרייז. אין דעם פּראָגראַם איז אויפן ערשטן פּלאַן געשטעלט געוואָרן די אָפּשאַפונג פונעם האנדל מיט

דעם ראַטנפאַרבאַנד, וואָס האָט געהאַלטן ביים אונטערשרייבן דורך איר פאַרטרעטערשאַפט אין אַרגענטינע, „יוזשאַמטאָרג", מיט אירינאַזשענס רעגירונג אַן אָפּמאַך וועגן נאַפט־אימפּאָרט און איבערייסן די פאַרהאַנד־לונגען פון אירינאַזשענס רעגירונג מיט דער ענגלישער וועגן אַן הנחה פון 50 פּראָצענט אויף דעם אימפּאָרט־שטייער פאַר ענגלישע סחורות, צוליב וועלכן עס האָט זיך געגרייט אַן ענגלישע אויסשטעלונג, דער־עפנט פון די ענגלישע קרוינפּרינצן.

די דאָזיקע פּאָליטיק האָט זיך פאַרענדיקט זייער שנעל מיט אַ גוואַלטיקן קראַך און מיט אַ ריי סכסוכים צווישן אַרגענטינע מיט די שכנהשע רעגירונגען: מיט בראַזיל, מיט פּאַראַגווײַ, מיט טשילע און מיט אורוגווײַ. איבער דעם שטייער אויף בראַזיליאַנישער קאַווע, זשער־בע און פּרוכטן, האָט בראַזיל אָפּגעשטעלט דעם איינקויף פון מעל און ווייץ ביי אַרגענטינע, וואָס באַטרעפט אַ דריטל פון דער אַרגענטיני־שער ווייץ־פּראָדוקציע; פּאַראַגווײַ האָט צוליב דער זעלבער פּאָליטיק גענומען פירן איר האַנדל מיט בראַזיל, אַנשטאָט, וואָס געוויינלעך איז דער פּאַראַגווייער מאַרק באַהערשט פון די סחורות, וואָס קומען פון אַרגענטינע; איבער דעם שווערן שטייער אויף טשילענישע געמיזע און פּרוכטן, האָט טשילע אַרויפגעלייגט אַ פאַרבאָט־שטייער אויף אַרגענ־טינישן פי און ווייץ און די באַן, וואָס פאַרייניקט אַרגענטינע מיט טשילע האָט געמוזט איבעררייסן איר פאַרקער אויס מאַנגל אין טראַנס־פּאָרט. מיט אורוגווײַ איז עס שוין געקומען צו אַן איבערייס אין די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען איבער דעם צוגאָב־שטייער אויף זאַמד און שטיינער. דער יקרות אין לאַנד איז גוואַלטיק געשטיגן אויף אַלץ, אויף שפּייז, אויף אַרבעט־מכשירים, אויף בוי־מאַטעריאַלן און די אַרבעט האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער איינרייס מיט ענגלאַנד האָט געבראַכט צו שוועריקייטן ביים אָפּזעצן די אַרגענטינישע תבואה און דאָס אַרגענ־טינשע פלייש אויפן וועלט־מאַרק, וואָס ווערט פון ענגלאַנד קאָנטראָ־לירט, און דער אַגראַר־קריזיס, וואָס דער „נייער רעזשים" האָט אים גענומען פאַר אַן אויסרייד אויף צו שטירצן דעם „אַלטן", איז נאָך מער פאַרשאַרפט געוואָרן, אַזוי, אַז די רעגירונג האָט געמוזט ראַטן די פּויערים זיי זאָלן פאַרקלענערן דעם פאַרזיי־שטח; דער פּרייז פון דער תבואה איז געפאַלן אַזוי נידעריק, אַז ער האָט ווייט נישט גע־

דעקט איר קאסט און נאך נידעריקער איז געפאלן דער פרייז פון די בהמות, פון וואל, פון פעל, פון וואטע, פון קעבראטשא. די דאזיקע לעצטע פראדוקטן, פלעגט אויפקויפן דער „יוזשאמטארג" און אריינפירן פלעגט ער מעבל־געהילץ, מינעראלן, פוטערווארג, רוסישע דעליקאטעסן, צעראטע, פלאקס־געוועב, ציגארעטן און שוועבעלעך, וואס דאס האט געהאלטן הויך די פרייזן אויף די ארטיקע פראדוקטן און פארביליקט די אריינגעפירטע. די דאזיקע פאליטיק פון איינרייסן און איבערייסן האט די דיקטאטור געפירט דעמאנסטראטיוו, מיט פויקן און מיט טאצן, אויפן מיליטערישן שטייגער. נאר אויב בנוגע ענגלאנד האט זיך די דעמאסטראציע פון דעם גענעראל אוריבורו אויסגעדריקט נישט מער ווי מיט א קאלטער רעדע און מיט שטעכיקע אנצוהערענישן ביי דער דערעפענונג פון דער ענגלישער אויסשטעלונג, אלס ענטפער אויף דער רעדע פונעם ענגלישן קרוינפרינץ, האט זי זיך בנוגע דעם „יוזשאמטארג" אויסגעדריקט מיט א ספעקטאקולארן איבערפאל אויף זיין לאקאל, וואו מען האט ארעסטירט די אנגעשטעלטע, כלומרשט געפונען דארט א קאנסולארע באדינונג און א... „טשעקא" און מען האט צעקלעפט פלאקאטן אין די גאסן, אז ער האט אנגעפירט און האט פינאנסירט די קאמוניסטישע טעטיקייט אין ארגענטינע און אז ער האט געזאלט איינפירן דא מיט דער הילף פון איריגאזשענס רעגירונג דעם... „סאוועט".

פון דעמאלט אן הויבט זיך אן אין ארגענטינע א שארפע אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע, ספעציעל אריבערגעטראגן אהער פון דער „ניו יארק טיימס" דורך „לא פרענסא", וועלכע האט שוין געמאכט פון איר אויספירונגען פאר די ארגענטינישע פארהעלטענישן און קעגן איר שטענדיקער געוואוינהייט פון א פאסיווער צושויערן און קאמענטאטארן, איז זי אויף דעם געביט געווארן אקטיוו און איניציאטאריש. אלץ וואס איז ווען איבערגעחזרט און איבערגעקייעט געווען מכוח דעם „יודעא־באלשעוויזם", וועגן דעם, אז באלשעוויזם איז אידענטיש מיט יודאיזם, א סימן: אלע באלשעוויסטישע פירער, פון לענינען און ווייטער, זיינען אידן... — די גאנצע תורה, וואס היטלער האט זי שפעטער איבערגענומען פאר זיינער — פלעגט איבערגעגעבן ווערן אין „לא פרענסא", מיט דער מארקע פון „ניו יארק טיימס", דער ארגאן פון

ראָקפעלערס „סטאַנדאַרט אויל”, די וואָס איז אַמשטאַרקסטן פאַראינ־טערעסירט געווען אין פאַרטרייבן דעם רוסישן נאַפט, וואָס האָט גע־וואָלט פאַרבייטן דעם איריקן. דעמאָלט גרינדעט „לאַ פּרענסאַ” אָדער זי העלפט גרינדן, אָפּגעבנדיק דערויף איר אַקטן־סאַלאָן, אַ ריי „נאַ־ציאָנאַליסטישע” פאַריינען צו הילף דער הייליקער מיסיע פון קאַמף מיט דעם יודעאָ־באָלשעוויזם און זי איז אויך די ערשטע וואָס הויבט אויף אַן אַלאַרם וועגן קאָמוניזם אין די אידישע שולן; אַן אַלאַרם, וואָס ברענגט אַלס רעזולטאַט די שליסונג פון אייניקע אידישע שולן.
די היינט נאָך עקזיסטירנדיקע „אַנאַ” און „אַדונאַ”, צוויי „נאַציאָנאַ־ליסטישע” אָרגאַניזאַציעס, וואָס פאַרקלעפּן פון צייט צו צייט די ווענט פון דער הויפּט־שטאָט און פון די פּראָווינץ־שטעט מיט שאַרפע אַנטי־סעמיטישע אַפישן, זיינען אַ שאַפונג פון יענעם ערשטן פאַשיסטישן עטאַפּ אין אַרגענטינע. דעמאָלט באַווייזט זיך אויך אין די שוי־פענצ־טער פון די ביכער־געשעפטן פאָרדס „אינטערנאַציאָנאַלער איד” און די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון”, וועלכע ווערן שפּעטער די אומבאַ־דינגטע ביילאַגע אָדער זיי פאַרנעמען אַ ספּעציעלן אָרט אינעם טעקסט פון די ספּעציפיש־אַנטיסעמיטשע אויסגאַבעס, וואָס הויבן דאָ אָן צו דערשיינען צוליב שאַנטאַזש־צילן. אַנטיסעמיטיזם ווערט דעמאָלט אין אַרגענטינע אחוץ אַ מיטל פון אויסלענדישער עקאָנאָמישער פּאָליטיק, אויך אַ פּרנסה־קוואַל פאַר אַרבעטלאָזע זשורנאַליסטן אָדער פאַר זשור־נאַליסטן, וואָס אַרבעטן אין געוויסע צייטונגען „אויף אייגענעם חשבון”.

די נאָרמאַליזירונג פונעם לאַנד, ווי מען האָט אָנגערופן די נייע ווענדונג אין דער פּאָליטיק פון דער פּי־אָליגאַרכיע, צוריקצוקערן זיך צו דער ענגלישער העגעמאָניע, מיט דער הילף פון אַ געוויילטער רע־גירונג און צו פאַרבעסערן די באַציאונגען מיט די שכנהשע רעגירונ־גען, האָט די פּאָליטישע לאַגע אינעווייניק אין לאַנד צום גוטן נישט געענדערט; פאַרקערט, זי האָט זיך פאַרערגערט. כדי צו פאַרזיכערן דעם נצחון פון די אויפשטענדלערישע פּאַרטייען (די קאָנסערוואַטאָרי־שע אָדער נאַציאָנאַל־דעמאָקראַטישע, ווי זי האָט זיך אַ נאָמען געגעבן; די אַנטיפּערסאָנאַליסטישע ראַדיקאַלן, וואָס דאָס מיינט די רעכטערע, און די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן, פּשוטע קאַריעריסטן, וואָס האָבן דערזען אַ מעגלעכקייט אַריינצוקריגן זיך אויף רעגירונג־פּאָסטנס),

האָט מען געמוזט אונטערדריקן די אָפּאָזיטאָרישע פּאַרטייען, דער עיקר די צאָלרייכע ראַדיקאַלע פּאַרטיי, וואָס דער שטאַטס־קלאַפּ האָט אַראָפּגעזעצט פון דער מאַכט און וואָס האָט נאָך די אומגליקלעכע פּרוואוון פונעם גענעראַל אוריבורו, צוריקבאַקומען איר אָנזען און איז געוואָרן די האָפענונג פונעם פאָלק, אַ באַווייז האָט מען געהאַט, אַז ווען אוריבורוס רעגירונג האָט דערלויבט דורכצופירן פּראָווינץ־וואַלן מיט דעם אָנטייל פון דער ראַדיקאַלער פּאַרטיי אין דער פּראָווינץ בוענאָס אייִרעס, איז די דאָזיקע פּאַרטיי אַרויס מיט אַ נצחון און די אוריבורו־רעגירונג האָט געמוזט די וואַלן פּסלענען. כדי צו באַרעכטיקן די אונטערדריקונג פון דער דאָזיקער בירגערלעכער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וואָס האָט אין אירע גוטע צייטן אַליין אונטערדריקט דעם קאָמוניזם און איר פּרעזידענט איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער טרויעריק באַרימטער „טראַגישער וואָך” יאַנואַר 1919, האָט מען געזוכט זי צו אידענטיפיצירן מיט דער קאָמוניסטישער און די קאָמוניסטישע האָט מען פאַרבאָטן. יעדע פּראָגרעסיווע געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָט מען דעריבער פאַרשריגן פאַר אַ קאָמוניסטישער, מען האָט איינגעפירט אַ ספּעציעלע פּאָליציי־סעקציע צום קאַמף קעגן קאָמוניזם, וואָס האָט אים געזוכט ווי מען פלעגט אַמאָל זוכן חטאים אין שטאָט בשעת אַ מגפה, דער עיקר צווישן אידן. צוליב דעם האָט מען אויך איבערגעלאָזט עקזיסטירן אַלע פריער געשאַפענע ציווילע לעגיאָנען און „נאַציאָנאַליסטישע” אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פון זייער זייט געזוכט צו באַרעכטיקן זייער עקזיסטענץ מיט אַנטיסעמיטישער טעטיקייט, אין שטאָט ווי אין די פּראָווינצן. די וואַל־פּראָפּאַגאַנדע אין געוויסע פּראָווינצן, באַזונדערס דאָרט וואו עס געפינען זיך די אידישע קאָלאָניעס, איז געפירט געוואָרן פון דער רעגירונגס פּאַרטיי — וועלכע איז דאָרט געווען אין דער מינדערהייט — אויף אַן אַנטיסעמיטישן באָדן. ביז דער אַנטיסעמיטיזם איז ביי אַ טייל רעגירונגסלייט געוואָרן פון אַ פּאָליטישן מיטל אַ פּאָליטישע מאַניע; דער עיקר איז דער אַנטיסעמיטיזם אַריין אין דער פּאָסט־פאַרוואַלטונג, אינעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט און אין אוניווערזיטעט.

ווען די היטלער־רעגירונג אין דייטשלאַנד האָט אין 1933 אָדער 1934 געגרינדעט אין אַרגענטינע איר פּראָפּאַגאַנדע־אַגענטור, האָט זי

שוין דאָ געהאט אַ באַארבעטן געביט, „נאַציאָנאַליסטיש־אַנטיסעמיטי־שע אָרגאַניזאַציעס", זשורנאַליסטישע אויסגאַבעס און רעגירונגס־אינס־טיטוציעס, גרייטע אויפצונעמען די אומזיניקסטע פּלאַפּלערייען און פאַרלוימדונגען. געפעלט האָט בלויז די אָרגאַניזירונג פון ארגענטינישע „שטורמער־טרופּן", וואָס זאָלן ברענגען דעם אַנטיסעמיטיזם פון רייד צו מעשים. און דאָס האָט די אַגענטור גענומען דורכפירן. אין אַ פריי־מאָרגן זיינען די פראָנטן פון די אידישע סינאַגאָגעס דערשינען פאַר־פלעקטע מיט סמאָלע; אַ צווייטן מאָל, בעת די סינאַגאָגעס זיינען פול געווען מיט דאַוונער, האָבן דאָרט אויפגעריסן אונטערגעלייגטע פעטאַר־דעס; אין „די פרעסע" האָט מען מיט שטיינער אויסגעבראָכן די שויבן; אינעם טעאַטער „קאָמיקאָ", וואו מען האָט אויפגעפירט אַ פּיע־סע מיט דעם נאָמען „ראָסן" פון דעם אַנטינאַציסטישן דייטשן שריפט־שטעלער ברוקנער, אַ פול באַזוכטן מיט מענער, פרויען און קינדער, האָט מען אונטערגעלייגט צינדער־באָמבעס, וואָס מען האָט בלויז צופעליק באַמערקט באַצייטנס און אַזוי ארום אויסגעמיטן אַ שרעקלעך אומ־גליק; אין אַ פאָר שפּיטאָלן זיינען סטודענטישע „שטורמער" איבער־געפאַלן זייערע אידישע קאָלעגן פראַקטיקאַנטן; אין אוניווערזיטעט האָבן אַנטיסעמיטישע סטודענטן פאַרפירט געשלעגן מיט די אידישע און האָבן אָנגעשטעקט מיט זייער ענטוזיאַזם אויך אַ פאָר פּראָפעסאָרן; איינער פון זיי איז מיט אַ מחנה סטודענטן געלאָפן ווי אַ ווילדער פאַרביי דעם מעדיצינישן פאַקולטעט און געשריגן „מועראַן לאָס כו־דיאָס". בכלל האָט זיך אויף דער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין לאַנד גענומען פילן די דייטשע אָרגאַניזאַטאָרישע האַנט: פון די סטאַנדאַרי־זירטע אַרטיקלען פאַרפאַסטע אין דייטשלאַנד, אין אַ שפּאַניש, אויף וועלכן עס ליגט דער דייטשער שטעמפּל, וואָס באַווייזן זיך איינציי־טיק אין צענדליקער אויסגאַבעס פון שטאָט און פּראָווינץ, ביז דער באַשטעלונג פון אַנטיסעמיטישע ראָמאַנען ביי אַן אַרגענטינישן ראָמאַ־ניסט מיט אַ נאָמען, ווי די ראָמאַנען „קאַהאַל" און „אָראָ" (גאָלד), פון הוגאָ וואַסט, אויפן גרונט פון די „פּראָטאָקאָלן פון די זקני ציון" און ביז אָרגאַניזירן באָיקאָטן אויף אידישע קראָמען אין די פּראָווינץ־שטעטלעך.

אויך די ראָסן־טעאַריע האָט דאָ געפונען אירע נאָכמאַכער. עס

פעלן נישט אין ערגעץ קיין פארשער פון א געווסן מין, וואס ביי אידן פלעגן זיי זיצן אין די בתי־מדרשים ביי דער הרובע און אויסגעפינען די עשרת השבטים אין ענגלאנד אדער אין יאפאן. די ארגענטינער ראסן־טעארעטיקער האבן אויסגעפונען, אז די אמעריקאנער שטאמען פון בראמא, וועלכער איז דער פאטער פון די אריער און די אידן שטאמען פון אבראהאם, דעם פאטער פון די סעמיטן, איז דעריבער... דעריבער דארפן די אמעריקאנער צוריקגיין צו זייער אפשטאם און אויסראטן די אידישע לערע, וואס נעמט אריין דעם אידנטום צוזאמען מיט דעם קריסטנטום און דעם מארקסיזם מיט דעם קאמוניזם...

די אידענטיפיצירונג פון אידן מיט קאמוניסטן, ווי עס איז צו זען פון דער קורצער געשיכטע, הויבט זיך אן ביי אונדז באלד נאך דער אקטאבער איבערקערעניש פון 1917, אריבערגעטראגן אהער פון די צארישע און „סאמאסטינע" פאגראם־מאכער, וועלכע האבן אקטואירט אונטערן לאזונג „בעי זשידאוו ספאסאי ראסיו" און פון דער אינטער־ווענציאניסטישער אייראפע, וועלכע האט דעם לאזונג געמאכט פאר אירן און האט אים אפילו געכשרט אין די אויגן פון די אידישע אינ־טערווענציאניסטן, וועלכע האבן דאס ארויסגעזאגט אין דער בארימ־טער פראקלאמאציע, וואס האט אויפגעפאדערט אנצונעמען מיט ליבע די פאגראמען פון די אינטערווענץ־גענעראלן, וואס ציען זיך פון צפון און פון דרום, פון מזרח און פון מערב צו ראטעווען רוסלאנד פון די באלשעוויקעס. עס האבן אים אהער אריבערגעבראכט סיי די טעלעג־ראפן אגענטורן, סיי די ווייסע עמיגראציע, און דאס האט זיך אויס־געגאסן אין דער „טראגישער וואך" פון 1919. שפעטער איז די אידענ־טיפיצירונג געקומען, ווי מיר האבן שוין אנגעמערקט, מיט דער אינ־טערווענץ פון ראקפעלער און פארד אין ארגענטינע דורך זייער „ניו יארק טיימס" אין „לא פרענסא", און דער לאזונג ווערט דא פארוואנדלט אין: „מאטא און כודיא אי האגא פאטריא", מיט וועלכן עס זיינען פארשריבן ווענט איבערן גאנצן לאנד און עס ווערן פארפלייצט מיט אים די גאסן דורך לענגערע אדער קורצערע פלוגבלעטלעך. און אט די אידענטיפיצירונג פון אידן מיט קאמוניסטן ווערט שוין ממילא איבער־געטראגן אויף אידיש מיט קאמוניזם. די ספעציעלע פאליציי קעגן קא־מוניזם פאלט איבער אידישע שולן (זע דאס קאפיטל וועגן די וועלטלע־

בע שולן), דער פּאַליצמייסטער שטעלט צו אַ באַריכט צום אינערן־מי־ניסטער וועגן אידן און קאָמוניסטן און דער פאַשיסטישער סענאַטאָר סאַנטשעז סאָראָנדאָ באַנוצט זיך מיט דעם באַריכט אין סענאַט צו אַן אַנטיסעמיטישן אָנפאַל, ספּעציעל אויף אידישע שולן. נאָכדעם קומט שוין אַ פאַרבאָט צו ריידן אידיש אויף זיצונגען און פאַרזאַמלונגען. און עס אַנטשטייט די געפאַר דער פאַרבאָט זאָל זיך אויסברייטערן אויף די אידישע צייטונגען, ווי דאָס איז פּראָיעקטירט געווען אינעם שכנות־דיקן אורוגווייער פאַרלאַמענט דורך דער דאָרטיקער רעגירונג.

שפּעטער קומט צו אַ נייער פאַקטאָר פון סימפּאַטיע מיט דעם פאַשיזם און נאַציזם, אין דער געשטאַלט פון דעם שפּאַנישן גענעראַלן־אויפשטאַנד, וואָס האָט פאַקטיש אויף איר זייט די אַרגענטינישע רע־גירונג ווי בכלל די שיכטן, וואָס שטיצן די רעגירונג. אונדזערע אַר־גענטינישע רעפּובליקאַנער פון דער רעכטער זייט, שוין צוזאַמען מיט די אומאָפּהענגיקע סאָציאַליסטן, ווייזט זיך אַרויס, זיינען הייסע שפּאַ־נישע מאָנאַרכיסטן אָדער וויניקסטנס „רעקעטעס" און „פאַלאַנכיסטן" און דערפאַר אַליין דאַנקבאַר און סימפּאַטיש צו די נאַצישע און פאַ־שיסטישע אַוויאַטאָרס, וואָס צעשיסן דאָס שפּאַנישע רעפּובליקאַנישע פאָלק. און אַז מען זאָגט סימפּאַטיע צום נאַציזם און פאַשיזם, מיינט עס שוין אויך אַנטיפּאַטיע און שנאה צו אידן, וואָרום אַז די ליבע נאַצים שלאָגן אידן, זיינען זיי מסתמא גערעכט, ווי גערעכט זיי זיינען בשעת זיי וואַרפן באָמבעס איבער די שפּאַנישע אומבאַשיצטע שטעט. צו די פריערדיקע „נאַציאָנאַליסטישע" אָרגאַניזאַציעס און כוליגאַני־שע באַנדעס אָנגעפירטע פון די היטלער־אַגענטן, קומען צו די אַרגענ־טינישע „פאַלאַנכיסטן", און אַלע צוזאַמען בילדן זיי אַ טעראָר־מחנה פון עטלעכע טויזנט מאַן, וואָס זיינען גרייט ביי אַ געלעגנהייט אַרויס־צולאָזן זיך אין גאַס און טעראָריזירן די אידישע באַפעלקערונג.

צום היי־יאָריקן 1טן מאַי האָט דער דאָזיקער קאָנגלאָמעראַט פון אַרגענטינישע „נאַציאָנאַליסטן", איטאַליענישע פאַשיסטן, דייטשע נאַ־ציסטן און שפּאַנישע פאַלאַנכיסטן, אָרגאַניזירט אַ מאַניפעסטאַציע, וואָס איז געגאַנגען גרוי און ברוין און שוואַרץ באַהעמדלט מיט מי־ליטערישן מאַרש אונטער אַרגענטינישע פאָנען (אַנדערע פאָנען אויסער אַרגענטינישע האָט די רעגירונג פאַרבאָטן צו טראָגן, וואָס דאָס ווערט

באטראכט אלס סימן צו בעסערן) מיט א כסדרדיקן רעפריין: „ארכעג־טינאס סי — כודיאס נא” (ארגענטינער יא — אידן נישט). עטלעכע טעג נאכאנאנד פאר דעם 1טן מאי איז אומגעפארן איבער די שטאָטישע גאסן א פראפאגאנדע־וואגן, וואס האט פון הויכריידער פראָקלאמירט די אנטיסעמיטישע לאזונגען פון דער מאניפעסטאציע. די ווענדונגען צו דער מאכט מצד די אידישע ארגאניזאציעס קעגן די פראָוואקאציעס, זיינען נישט גענומען געוואָרן אין אכט.

מען מוז פונדעסטוועגן מודה זיין, אז אין די לעצטע פאר חדשים איז די אטמאספער, אלנפאלס וואס שייך אין די אפיציעלע קרייזן, עט־וואס אויסגעלייטערט. דער קורס פון דער נייער רעגירונג, די רעגירונג פון דר. ר. ארטיז, איז א מער דעמאקראטישער, אין אנקלאנג מיט זיינע פארשפרעכנס ערב זיין דערוויילונג. אויך בנוגע אידן האט דער דר. ר. ארטיז אין א דערקלערונג פאר „די פרעסע” פארזיכערט זיין קעגנערשאפט צום אנטיסעמיטיזם ווי בכלל צו יעדן ראסן־אונטערשיד. מיר גלויבן דעריבער, אז עס וועלן זיך מער נישט איבערחזרן די פאר יאר ווען די אידישע שולן זיינען געשטאנען אונטער דער אויפזיכט פון דער ספעציעלער פאליציי־סעקציע קעגן קאמוניזם, ווען די פאליציי האט געקענט איבערפאלן און שליסן די אידישע פאלקס־שולן און פארבאטן צו ריידן אידיש אויף פארזאמלונגען.

ווי אזוי האבן די אידן רעאגירט אויף דער אנטיסעמיטישער באַוועגונג?

אחוץ די קאמענטארן אין דער טעגלעכער אידישער פרעסע קעגן די אנטיסעמיטישע אויסערונגען אין דער אלגעמיינער פרעסע און פון די מאכט־ארגאנען, איז ביז אינמיטן 1933, געזעלשאפטלעך נישט רע־אגירט געוואָרן. דעם 20טן אויגוסט פון יענעם יאר האט א מאניפעס־טאציע פונעם „ציווילן לעגיאן” געזאלט זיך לאזן איבער דער גאס קאריענטעס מיט פאגראם־כוונות און אפגעהאלטן האט דאס די וואָרע־נונג פון „די פרעסע”, אז די אידישע יוגנט איז גרייט אויפצונעמען דעם קאמף, און די אידישע יוגנט פון די ספארט־פאריינען „מכבי” און „הכוח” איז באמת גרייט געווען דערצו. אין „די פרעסע” האבן מיר געוואוסט, אז נישט דאס איז דער וועג פון קאמף קעגן אנטי־סעמיטיזם, אז דער קאמף מוז זיין א געזעלשאפטלעכער. עקזיס־

טירט האט שוין דעמאלט א קאמיטעט אויסגעוויילט פון פעריציק אי־דישע אינסטיטוציעס, געגרינדעט נאך א גראנדיעזן אידישן פראטעסט־מיטינג, אפגעהאלטן אין לונא פארק דעם 26טן מאַרץ יענעם יאר, קעגן דעם היטלעריסטישן טעראר אויף די אידן אין דייטשלאנד; יענער קא־מיטעט אבער, וואס האט זיך גערופן „קאמיטעט קעגן די רדיפות אויף די אידן אין דייטשלאנד", האט נישט געהאט אין זיין אויפגאבע און האט נישט געוואלט האבן, דעם קאמף קעגן דעם אנטיסעמיטיזם אין ארגענטינע. זיין אויפגאבע איז געווען צו העלפן די דייטשע אידן און צוליב דעם צוועק האט ער דורכגעפירט א זאמלונג פאר... קרן היסוד, זיין אויפגאבע איז אויך געווען צו פראקלאמירן א באיקאט אויף די דייטשע סחורות לויטן מוסטער פון דער באיקאט־באוועגונג קעגן דייטש־לאנד אין די פאראייניקטע שטאטן; אבער דאס, האט ער דערקלערט, איז „פארבאטן לויטן געזעץ" און געמוזט האט ער דאס שטילערהייט דורך צירקולארן צו די סוחרים, וואס טייל פון זיי האבן זיך אויסגעקויפט מיט גרעסערע סומעס. קורץ, דאס איז געווען א קאמיטעט וואס זיין ארבעט איז געווען צו דערשטיקן דעם אויפברויז קעגן דעם היטלעריזם אנשטאט אים אויסצונוצן פאר געזעלשאפטלעכן קאמף קעגן אים. און ווען די אפטע אויפפאדערונגען צו דעם קאמיטעט ער זאל אויפנעמען דעם קאמף קעגן דעם ארטיקן אנטיסעמיטיזם האבן נישט געהאלפן, איז געקומען די איניציאטיוו צו גרינדן א „פאלקס קאמיטעט", וואס זאל דעם קאמף אויפנעמען און ארויספירן אויף א געזעלשאפטלעכן וועג.

דעם 11־טן סעפטעמבער 1933 איז דער קאמיטעט געגרינדעט געווארן דורך פארשטייער פון א גרעסערער צאל אינסטיטוציעס פון דער הויפט־שטאט און פון די פראווינצן. די הויפט־ארבעט פון דעם קאמיטעט ווערט געוועגדט אויפצוקלערן פון איין זייט די אידישע בא־פעלקערונג דעם וועזן פונעם אנטיסעמיטיזם און ווי אזוי מען דארף אים באקעמפן, זיך שטיצנדיק אויף די פאלקס־מאסן און פראגרעסיווע כוחות פונעם לאנד און פון דער צווייטער זייט אויפצוקלערן די פראג־רעסיווע כוחות פונעם לאנד וועגן זייער פליכט צו באקעמפן דעם אנ־טיסעמיטיזם און זיי אריינציען אין דעם קאמף, וואס דער קאמיטעט פירט אן איבערן גאנצן לאנד. אויך דעם באיקאט אויף די דייטשע

סחורות האָט דער „פאָלקס קאָמיטעט" געפירט מיט א דאָפּלטן צוועק: העלפן שאַפן דעם דרוק אויף דער נאַצי־ווירטשאַפט און אויסנוצן די באָיקאָט־פּראָפּאַגאַנדע אַלס מיטל צו מאָביליזירן די מאַסן צום קאַמף קעגן היטלעריזם. צו דעם צוועק, האָט דער „פאָלקס קאָמיטעט" ארויס־געגעבן אַן אויסגאַבע אין אידיש און אין שפּאַניש „אויף דער וואַך", „ען גואַרדיאַ" און „אַלערטאַ" און האָט זיי צעשפּרייט אין פיל טויזנ־טער עקזעמפּליאַרן, האָט ארויסגעגעבן 5000 עקזעמפּליאַרן פון דעם „ברוינעם בוך" וועגן דער רייכסטאַג־שריפה, „היטלערס פּלאַן" פון העברי אין אידיש און שפּאַניש, „ראַסן" פון באַלק אין שפּאַניש, „דער שאַנד־פלעק" אין אידיש, „פאַר דער מענטשלעכער פאַרברידערונג קעגן ראַסן־האַס" אין שפּאַניש. די פּראָפּאַגאַנדע פונעם קאָמיטעט אין שפּאַ־ניש איז ספּעציעל פאַרשפּרייט געוואָרן אין די ארבעט־צענטערן ביי די פאַבריקן, אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אין די ביבליאָטעקן און פּאָליטישע צענטערס און איבער דער פּראָווינץ. ער האָט איינגעאָרדנט עפנטלעכע אַקטן מיט אידישע און שפּאַנישע רעדנער אין דער הויפּט־שטאָט און איבערן גאַנצן לאַנד און עס איז אים געלונגען צוציען צו זיך אין א גאַנצער ריי שטעט די פּראָגרעסיווע אינטעליגענץ פון דער סאָציאַליסטישער, ראַדיקאַלער און אפילו רעכטערע פּאַרטייען.

אין 1934 ווערט דער קאָמיטעט אויף א צוזאַמענפאָר פון 94 דעלעגאַטן, וואָס האָבן פאַרטראָטן 60 אינסטיטוציעס, פאַרוואַנדלט אין אַן אָרגאַניזאַציע מיט דעם נאָמען „פאָלקס אָרגאַניזאַציע קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם". דער צווייטער קאָנגרעס פון דער אָרגאַניזאַציע, שוין א צעצווייגטע מיט א צאָלרייכער מיטגלידערשאַפט איבערן גאַנצן לאַנד, פאַרופן אין מאַי 1933, צו וועלכן עס זיינען געקומען 72 דע־לעגאַטן פון דער פּראָווינץ, איז פון דער פּאָליציי געשטערט געוואָרן מיט דעם מאָטיוו, אַז דאָס איז א קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציע. דאָס באַווייזט ווי ווייט די אַרגענטינישע מאַכט איז געווען אונטערן איינ־פלוס פון דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע אָדער פאַרכאַפּט פון דער מאַניע צו אידענטיפיצירן אידן מיט קאָמוניסטן און אידיש מיט קאָמוניזם. די פאָלקס אָרגאַניזאַציע האָט אויף דעם פאַרבאָט ווי אויף דעם פאַרבאָט צו ריידן אידיש אויף זיצונגען און פאַרזאַמלונגען, וואָס איז נאָכגעטון געוואָרן אויך אין א טייל פּראָווינץ־ישובים, רעאַגירט מיט ווענדונגען

צום אינערן־מיניסטער. מען האָט אָבער נישט געקענט דערוואַרטן קיין ענדערונג צום גוטן, אַזוי לאַנג עס האָט אָנגעהאַלטן דער קורס פון דער פריערדיקער רעגירונג צו האַלטן דאָס לאַנד אונטער דער מורא פאַר קאָמוניזם כּדי צו באַרעכטיקן אירע זינד קעגן דער דעמאָקראַטיע און קעגן דער קאָנסטיטוציע פונעם לאַנד.

אויפן קרעדיט פון דער פאָלקס אָרגאַניזאַציע קעגן אַנטיסעמיטיזם דאַרף פאַרשריבן ווערן די גרינדונג פון דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט קעגן ראַסיזם און אַנטיסעמיטיזם, וואָס אין זיין שפּיץ שטייען אַזעלכע אַר־גענטינער פּערזענלעכקייטן, ווי דר. טראַיסע, מאַריאַ בראַוואָ, דע לאַ טאָרע, אַנאַסטאַסי, גיליאַט מוניאָס א. א. אינטעלעקטואַלן, פּאַרלאַמענ־טאַריער און פּאָליטיקער, וואָס שליסן אייַן דעם קאַמף קעגן אַנטיסע־מיטיזם אין דער אַלגעמיינער פּאָליטישער און קולטור־באַוועגונג פונעם לאַנד.

אויך דער „קאָמיטעט קעגן די רדיפות אויף אידן אין דייטשלאַנד" האָט געהאַט זיין עוואָלוציע. אונטערן דרוק פון דער פאַרשטאַרקטער אַנטיסעמיטישער באַוועגונג אין לאַנד און דער עיקר כּדי אויסצונוצן די געלעגנהייט אויף צו שאַפן די אַזוי געגאַרטע אידישע רעפּרעזענטאַנץ, וואָס דער שטרעבן צו איר גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך דער געשיכטע פונעם אידישן ישוב אין לאַנד ביי די ציוניסטן און קאָנ־גרעגאַציע־אידן, האָט דער דאָזיקער קאָמיטעט זיך רעאָרגאַניזירט, זיך אַ נאָמען געגעבן „דאַיאַ" (אידישע דעלעגאַציעס אין אַרגענטינע) און אַריינגענומען אַלס ציל: די פאַרופונג פון אַ קאָנגרעס, וואָס זאָל שאַפן די אידישע פאַרטרעטערשאַפט פאַר דרויסן און פאַר אינעווייניק, כּלפּי פּנים און כּלפּי חוץ, ווי עס האָבן געזאָגט די ציוניסטן, וואָס באַהערשן די דאָזיקע אינסטיטוציע; דאָס הייסט, קאָנצענטרירן די אידישע גע־זעלשאַפטלעכע אינטערעסן אין איינע הענט און ריידן אין זייער נאָ־מען ביי דער רעגירונגס־מאַכט און פאַר דער אַלגעמיינער אידישער וועלט.

דאָס לעצטע איז געווען דרינגלעך, מחמת עס האָט זיך אונטער־געריקט דער אַלוועלטלעכער אידישער קאָנגרעס פון אויגוסט 1936 אין גענף און מען האָט געמוזט שיקן אַהין אַ ציוניסטישע פאַרטרעטער־שאַפט. אַזוי איז עס אויך געווען. די דאָזיקע אינסטיטוציע האָט אפילו

איינגעאָרדנט וואָלן, וואָס האָבן געבראַכט שיר נישט אַ מיליאָן שטי־מען (פון די 350 טויזנט נפשות אין וועלכע דער גאַנצער אידישער ישוב אין לאַנד ווערט געשאַצט) פאַר די דרייערליי ציוניסטישע קאַנדידאַטן, וואָס זי האָט ארויסגעשטעלט. די דעלעגאַטן זיינען געפאָרן צום קאָנ־גרעס, וואָס איז פאַרופן געוואָרן צוליבן קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמי־טיזם, און האָבן דאָרט פאַרזיכערט, אַז אין אַרגענטינע איז קיין אַנ־טיסעמיטיזם נישטאָ. די דעלעגאַטן זיינען אויף יענעם קאָנגרעס אגב, געווען אויף זייער פּלאַץ, מחמת געווען איז ער אַ קאָנגרעס נישט קעגן אַנטיסעמיטיזם נאָר קעגן די געזעלשאַפטלעכע פאָרמען, מיט וועלכע עס ווערט באַקעמפט דער אַנטיסעמיטיזם דורך די פּראָגרעסיווע און אָרגאַניזירטע אידישע מאַסן און האָט באַקומען אפילו אין דער ביר־גערלעכער אידישער פּרעסע דעם נאָמען „קאָנגרעס פון רחמנות"'

כדי דערפאָלגרייכער צו מאַכן דעם קאַמף קעגן דעם אַנטיסעמי־טיזם, האָט די פאָלקס אָרגאַניזאַציע קעגן פאַשיזם און אַנטיסעמיטיזם פאָרגעשלאָגן דער „דאַיא" אָנצופירן דעם קאַמף געמיינזאַם, כדי צו אָרגאַניזירן און אייניקן אַלע אידישע כוחות צו דעם דאָזיקן קאַמף. לאַנג האָבן זיך געפירט די פאַרהאַנדלונגען, די פאָלקס אָרגאַניזאַציע האָט אַלס באַדינג פון דער „דאַיא" אָראָפּגענומען דאָס וואָרט פאַשיזם פון איר נאָמען, אָבער די פאַרהאַנדלונגען האָבן צו גאָרנישט געפירט. דער באַגריף פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם און דעם קאַמף קעגן אים, איז געווען אַזאַ, וואָס דערלאָזט נישט צו עפנטלעכן אַרויסטריט און צו רעכטלעך־געזעלשאַפטלעכן קאַמף.

אין די לעצטע חדשים, אַלס ענטפער אויף דער היטלעריזירונג פון עסטרייך און די פאַרפאָלגונגען אויף די עסטרייכישע אידן, האָט די „דאַיא" אונטערגענומען אַ זאַמלונג פון אַ מיליאָן פעזעס און, ווידער אויפן ערשטן פּלאַן פאַרן „קרן היסוד". פון דער אַנדערער זייט, האַלט עס איצט ערב אַ דעלעגאַטן קאָנפערענץ פון 31 מלוכות, פאַרופן אין דער פראַנצויזישער שטאָט עוויאַן, אויף דער איניציאַטיוו פון פרענק־לין רוזוועלט וועגן פאַרלייכטערן די איבערוואַנדערונג פון די עסטריי־כישע פּליטים, צו וועלכן עס וועט זיך נויטיקן די געזעלשאַפטלעכע הילף, באַזונדערס, ווען די אַרגענטינישע רעגירונג האָט זיך אָפּגערופן

פריינטלעך אויף דער איניציאַטיוו און ווען אַרגענטינע איז דאָס פּאַ־סיקסטע לאַנד פאַר אידישער איינוואַנדערונג.

אויפן ערשטן פּלאַן, ווי עס איז צו זען, האָט דאָ געליטן פון דער פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישער כוואַליע, וואָס האָט פאַרפּלייצט אַרגענ־טינע, ווי די וועלט בכלל, די פּראָגרעסיווע וועלטלעכע אידישע קולטור. אין די יאָרן פון פאַרגאַנגענעם צענדליק האָט אין אַרגענטינע זיך צע־בליט אַ פאַרצווייגטע אידישע פּראָגרעסיווע קולטור־אַרבעט: אַרבע־טער־קלובן, קולטור־צענטערן, ביבליאָטעקן, וועלטלעכע שולן האָבן זיך געגרינדעט אין יעדן ווינקל פון דער הויפּטשטאָט, אין די פּראָווינץ־שטעט, אין די שטעטלעך און קאָלאָניעס, היינט איז פון זיי אַ העלפט נישט געבליבן. אין דער הויפּט־שטאָט זיינען דערשינען ליטעראַרישע אויסגאַבעס, נישט פון לאַנגן דויער, אָבער אַן אַ ליטעראַרישער אויס־גאַבע איז מען זיך נישט באַגאַנגען; האָט זיך אָפּגעשטעלט דער זשור־נאַל „אַרגענטינא”, האָט אָנגעהויבן דערשיינען „זעגלען”, „דרום־אַמע־ריקע”, „אויפגאַנג”, ניי־וועלט”, „ניילאַנד”, „אויפסניי”, אין גאַנג”, איצט איז קיין איינער נישטאָ פון זיי, ווי עס וואָלטן אויסגעטריקנט די קוואַלן פון אידישן ליטעראַרישן שאַפן אין אַרגענטינע. די דאָזיקע דערשיינונג, אגב, איז נישט בלויז קיין אַרגענטינישע, זי איז פאַראַן אומעטום וואו די פאַשיסטישע רעאַקציע האָט זיך באַמעכטיקט. דאָס אידישע קולטור־לעבן, ווי די אידישע ליטעראַרישע שאַפונג איז אַ פּראָדוקט פון געזעלשאַפטלעכן אויפשוואונג, אָן דעם וואַרימען גע־זעלשאַפטלעכן אָטעם געדייען זיי נישט, און דער פאַשיזם גליווערט אָט דעם אָטעם, טויט אָפּ יעדע געזעלשאַפטלעכע באַוועגונג צוזאַמען מיט דער קולטור און מיט דער ליטעראַטור.

כדי קעגנצואווירקן דער טויטנדיקער ווירקונג פון דער רעאַקציע אויפן אידישן קולטור־לעבן אומעטום וואו אידן וואוינען, איז פאַר־גאַנגענעם יאָר אין חודש סעפּטעמבער אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן אַל־וועלטלעכער אידישער קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז אין וועלכן עס האָבן אנטיילגענומען אידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס און קולטור־טוער

פון 23 לענדער, צווישן זיי עטלעכע און צוואנציג אידישע קולטור־אינסטיטוציעס פון ארגענטינע. דער קאנגרעס האט געשאפן אן אל־וועלטלעכן אידישן קולטור־פארבאנד (איקוף), וואס האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו באפעסטיקן און צו פארטיידיקן די ביז איצט געשא־פענע אידישע קולטור־פאזיציעס אין די פארשידענע לענדער און דורך דער קאארדינירונג פון די קולטור־כוחות מעגלעך מאכן דעם ווייטער־דיקן וואוקס און פארשפרייטונג פון דער אידישער קולטור אויף די גע־ביטן פון ליטעראטור, דערציאונג, וויסנשאפטלעכע אויסבילדונג, פלאס־טישע קונסטן און טעאטער. די פארופונג פון א קולטור־צוזאמענפאר אין ארגענטינע צוליב דער גרינדונג פון א אידישן קולטור־פארבאנד, וואס זאל קאארדינירן די אויסגערעכנטע קולטור־טעטיקייט, שטייט איצט אויפן טאג־ארדענונג פון אונדזער קולטור־געזעלשאפטלעכקייט.

אויף דער אידישער אין ארגענטינע געבוירענע יוגנט, וועלכע מען קען שוין, אגב, איצט נישט באטראכטן אלס איינהייטלעכע סאציאלע קאטעגאריע, ווי מיר האבן דאס געטון פון אנהויב, האט דער אנטיסעמי־טיזם געווירקט פארשידן. בכלל האט ער אויף זיי געווירקט ראדיקאלי־זירנדיק, ער האט זיי געשמיסן צום סאציאליזם, אין זיינע פארשידענע שאטירונגען; וואס שייך אבער זייער באציאונג צום אידישן לעבן אין דער רעפובליק, געפינען מיר זיי נאך נישט אויף דער געהעריקער קול־טור־פאזיציע, מיט די אידישע מאסן, מיט זייערע סאציאלע און קול־טור־אינטערעסן. א קליינער טייל בלויז פון דער הי געבוירענער יוגנט האט זיך צו דעם מאסן־לעבן אויף אידיש דערנעענטערט, באזונדערס די וואס האבן באזוכט א אידיש־וועלטלעכע שול; די איבעריקע, ווער פרעמד ציוניסטיש, ווער פרעמד סאציאליסטיש, זיינען נאך אלץ אר־גאניזירט אין יוגנט־קלובן און ספארט־קלובן מיט העברעישע נעמען אדער מיט נעמען פון אידישע וועלט־גאונים, וואס מען צאלט מיט זיי צינז דער אידישקייט, ווי די טאטעס זייערע צאלן דאס מיט א חזן אויף ימים נוראים אדער מיט א נדבה אויף א ציוניסטישן פאנד, באטש עקאנאמיש און געזעלשאפטלעך געפינען זיי זיך שוין כמעט

אינגאנצן אינעם אידישן קרייז צוגלייך מיט זייערע טאטעס. נאך ווערט דער חוב צו אידישער קולטור געצאלט אין די דאזיקע קלובן מיט א רעפעראט איבער אלטער אידישקייט, דער ביבלישער, דער שפאנישער, אבער פאראן שוין אזעלכע, וואס ארדענען איין אידישע קורסן, א כאר פון אידישע פאלקס־לידער, נעמען אמאל אויף א אידישן טעאטער־גאסט און העלפן ארויסגעבן איבערזעצונגען פון דער מאדערנער אידישער ליטעראטור. עס דערמאנט זיך דא, אז י. ל. פרץ האט אין די ניינציקער יארן פון פארגאנגענעם יארהונדערט אגיטירט פאר לערנען אידישע געשיכטע: אונדזערע איצטיגע ארגענטינישע דורות, דאכט זיך אונדז, האדעוועט מען שוין צופיל, ריכטיקער, בלויז מיט אידישער געשיכטע; מען אגיטירט זיי נישט זיי זאלן לערנען די אידישע קעגנווארט, און דער עיקר — זיי זאלן זיך צו איר באהעפטן.

צום סוף מוז נאך געזאגט ווערן עטוואס וועגן דעם אידישן לעבן אין דער פראווינץ. דאס אידישע לעבן אין די פראווינץ־ישובים האט זיך אין יעדן פון זיי זיין באזונדער געשיכטע, זיין באזונדערן כאראקטער און זיין באזונדערן ריטם. פארשטעלן זיי, ווען אפילו בלויז סקיצעמעסיק, איז די ארבעט פון דער ארטיקער אידישער אינטעליגענץ. אנהויבן דערפון זיינען שוין געמאכט געווארן אין זכרונות פון עלטערע תושבים, ווי אין דעם וואונדערלעכן ווערק פון מ. ל. אלפערסאן: 30 יאר קאלאניע מאוריציא, אין די זכרונות פון דעם מאזעסווילער קאלאניסט נח קאצאוויטש, אין דעם האלב־בעלעטריסטישן ווערק פון דר. ע. לייבאוו „אייזיקס חלום", און ברוך הויכמאנס פארצייכענונגען וועגן קאלאניסטישע קאמפּס־מעטאדן און ווי דאס טוט איצט מיכל הכהן סיני, ווי מיר ווערן געוואויר, אין זיינע זכרונות וועגן מאזעסוויל. דאס ווערט אויך געטון טיילווייז און דארף געטון ווערן אין די ביולעטינען און אלמאנאכן, וואס די ארטיקע אידישע אינסטיטוציעס גיבן ארויס צו זייערע יובילײ־פייערונגען. פאראן אבער איין אלגעמיינער שטריך וואס כאראקטעריזירט זיי אלעמען, אלנפאלס ביז דער לעצטער צייט: קולטורעל און געזעלשאפטלעך לעבן זיי מיט די איני־

ציאַטיוועס און אויפטואונגען פון דער הויפּט־שטאָט, זיי וואַרטן אויף זייערע דירעקטיוון און שליסן זיך אָן צו זייער טעטיקייט; זיי בילדן די סוב־קאָמיטעטן פון אַלע שטאָטישע קאָמיטעטן און אינסטיטוציעס, זיי זיינען דאָס הינטערלאַנד פון דעם אידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־פראָנט, וואָס איז אויפגעשטעלט אין דער הויפּט־שטאָט. די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק איז אָבער אָנגעגעבן אין שייכות מיט אַ נייער דערשיינונג. אידישע פּראָווינץ־ישובים הויבן אָן אַרויסקומען מיט איניציאַטיוועס פון אַלגעמיינער אידיש־אַרגענטינישער באַדייטונג. אַזאַ איז די איניציאַטיוו פאַר אַ אידישער אויסשטעלונג פון ענטרע ריאָסער קאָלאָניעס און די איניציאַטיוו פאַר אַ אידישן קולטור־צוזאַמענפאָר, וואָס קומט פון קאָרדאָבער ביבליאָטעק „אידישע יוגנט״. דאָס איז אַ באַווייז פון זייער איינגעזעסנקייט און רייפן אידיש־געזעלשאַפטלעכן און אידיש־קולטורעלן באַוואוסטזיין און גיט אונדז מוט און גלויבן אין אונזער ווייטערדיקן זיכערן קיום און וואוקס אין דער ברייטער און צוקונפט־רייכער אַרגענטינישער רעפּובליק.

דער וועג צו דער אידישער קהלה אין בוענאָס איירעס

איינער פון אונדזערע אידיש־אַרגענטינישע דיכטער אין שפּאַניש, וואָס האָט זיך צוגעאייגנט היינעס דינעם שמייכל בנוגע אידישקייט, אין וועלכן מען קען נישט אָנטאַפּן די גרעניץ צווישן פּיעטעט און איראָניע, האָט אויף איינער אַ פּאָעטישער שילדערונג זיינער פונעם אידישן בית־עולם אין ליניערס, אויפגעשריבן אַלס מאָטאָ: אידישע נאַציאָנאַלע היים.

אויב דאָס מיינט נישט דעם דיכטערס קאָנצעפּט, אַז דאָ, אויף דעם בית־עולם, קומט צו אייביקער רו דאָס גאַנצע אידישע לעבן, נישט איבערלאָזנדיק קיין שפּור נאָך זיך, איז עס אַ שווערער אורטייל, אַ לאַפּידאַרער, איבער דעם ציוניזם, ווי איבער יעדער אַנדערער אידישער באַוועגונג, פּאָליטישער אָדער קולטורעלער, פון די בוענאָס איירעסער אידן, וואָס האָבן די גרעסטע זאָרג זייערע, זייער גאַנצן אידישן וועזן אַריינגעטון אין אָט דעם גן־עדן פון טויט, אין אָט דער אידישער מלוכה פון אָרימע און רייכע, נאַקעטע און באַבלימטע מצבות, און אַרום אָט דער זאָרג, געשאַפן זייער גרעסטע און שטאַרקסטע אידישע אינסטיטוציע, די מוטער־אינסטיטוציע, ווי מען רופט זי אויפן שפּאַנישן שטייגער, פון דער אידישער געמיינשאַפט — די חברה קדישא.

נאַטירלעך, איז עס היפּש איבערגעטריבן, ווי יעדע דיכטונג, וואָס איר טבע איז צו פּאַראַלגעמיינערן און צו דערפירן די זאַכן צו זייער קולמינאַנטן פּונקט. זייט ביי זייט מיט דעם בית־עולם און דער חברה קדישא, האָבן די בוענאָס איירעסער אידן אויפגעבויט אַ שפּיטאָל, וואָס האַלט זיך אין איין פאַרגרעסערן, אַ ביקור חולים, אַ ליגע קעגן טובערקולאָזיס מיט אַ סאַנאַטאָריע, יתומים־הייזער און אַ מושב זקנים, נישט

רעכענענדיק די טעמפלען און שילן אין צענטער שטאט און אין פארשידענע געגנטן. זיי האבן אויפגעשטעלט האנדלס־קאאפעראטיוועס און בענק מיט אייגענע בנינים, צייטונגען אידישע זיינען פאראן און זשורנאלן, מיט וועלכע די בוענאס איירעסער אידן פילן זיך ענג פארבונדן, אויף אזא אדער אנדער אופן און פייערן זייערע דאטומס ווי פון עטוואס אייגנס. פאראן קולטור און ספארט אינסטיטוציעס, אין אייגענע בנינים אדער אין אויסזיכט אזעלכע צו האבן. פאראן אידיש טעאטער, א שול־וועזן, א רעליגיעזער און א וועלטלעכער, וואס בויט איצט זייגע בנינים, לאנדסמאנשאפטן און פאליטישע ארגאניזאציעס.

און באהויכט איז דאס אלץ, אויך נאטירלעך, נישט מיט דעם ווילן צו פירן דאס אידישע לעבן צו זיין אייביקער רו אויפן בית־עולם, נאר צו פאראייביקן דאס אידישע לעבן אויף דער ארגענטינישער ערד און טעטיק דערביי זיינען מערסטנס אידן מיט... צוקונפט־אידעאלן, אידישע און אוניווערסאלע, ציוניסטישע נישט אויסגעשלאסן, אדער ציוניסטישע איבערהויפט. און אט דאס טעטיקע אידישע אינסטיטוציאנעלע לעבן האט געשאפן א רירעוודיקע אידישע געזעלשאפטלעכקייט, א סאציעטערישקייט, וואס מען קען פארגלייכן צו א מין גייסטיקן בינשטאק, און דאס אלץ האט שוין אפילו א רעפרעזענטאנץ אן אלגעמיינע אין דער געשטאלט פון „דאיא״, וואס רעדט אינעם נאמען פון אט דער אידישער געזעלשאפטלעכקייט, ווען עס איז נויטיק זי צו פארטיידיקן אדער מאניפעסטירן איר ווילן דא אין לאנד אדער ארויסזאגן זיך אין אלגעמיין אידישע ענינים.

אינעם גרונט אבער, איז עס אמת, אז דער בית־עולם, דער פארלאנג פון אידן צו קומען צו קבר ישראל, איז פון אנהויב אן געשטעלט געווארן אינעם צענטער פון דעם אידישן געמיינדע־לעבן אין בוענאס איירעס און די חברה קדישא איז א דאנק דעם די מוטער־אינסטיטוציע אונדזערע. מען דארף נאר צוגעבן איין קלייניקייט, וואס דער דיכטער האט דאס נישט באמערקט, אין זיין דראנג צו דערפירן דאס אויסערלעכע בילד צו זיין קולמינאנטער אידייע. ער האט נישט געמערקט, אז אין דער ראשטשינע מיט וועלכער עס איז פארקנאטן געווארן די חברה קדישא, איז אריינגעלייגט געווארן אזא מין הייוון, וואס יערט אינעווייניק אין איר און האלט זי אין איין טראנספארמירן, אזוי

אז איצט, נאָך פופציק יאָר עקזיסטענץ, שטייט זי שוין אויפן וועג צו ווערן די בוענאָס איירעסער אידישע קהילה.

די דעמאָקראַטיע, וואָס איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין איר גרינ־דונג, אין אירע סטאַטוטן, זיינען עס אָט די הייוון. וואָס אַ יאָר איז געוואַקסן די צאָל מיטגלידער פון דער חברה, וואָס אַ יאָר, אָדער וואָס אַ פּאָר יאָר, האָט זיך געענדערט דער באַשטאַנד פון די וואָס זיינען געוויילט געוואָרן אויף אָנצופירן מיט איר און דערמיט אויך די באַ־ציאונג צו אירע אויפגאַבן. מען קען איצט אָנווייזן אויף אַ גאַנצער ריי מעטאַמאָרפאָזן, וואָס די חברה קדישא האָט דורכגעמאַכט זינט איר גרינדונג:

אַלס ערשטע ווילן מיר אָנווייזן אויף דעם עטאַפּ ווען זי איז אַרי־בער פון די אַזוי גערופענע „קאַפּעליושן" צו די „היטלען"; פון די גרויסע אידישע געשעפטסלייט מיט אָדער אָן ציוניסטישער באַפאַר־בונג, נאָר מיט אַ דורכוים גביריש־פילאַנטראָפּישער באַציאונג, וואָס האָבן זי געהאַלטן אָפּגעשלאָסן פאַר זיך אַלס העכסטן שטאַפּל אויפן לייטער פון דער אידישער סאָציאַלער יעראַרכיע, צו די פּשוטערע אידן. די פּשוטע אידן האָבן אין איר אפשר פאַרשטאַרקט דעם טראַדיציאָנעלן „נושאי המטה"־גייסט, וואָס איז באַשטאַנען אין דינגען זיך איבער דעם קבורה־געלט, ווי די בני חת מיט אברהם אבינו, זיי האָבן אָבער די ערשטע אַרויפגעפירט די חברה אויף דעם וועג פון מוטואַליטעט, דער־מיט וואָס זיי האָבן איינגעפירט אויסצוצאָלן דער אלמנה נאָכן טויט פון איר מאַן אַ געוויסע סומע. געווען איז עס נאַטירלעך, אויך אָן אויס־דרוק דערפון, וואָס די צאָל מיטגלידער אירע האָט זיך פאַרגרעסערט און דערמיט אויך אירע סטאַבילע הכנסות.

די הילפס־אַרבעט פאַר די מלחמה געליטענע, וואָס האָט בעת דעם ערשטן וועלט־קריג פאַרכאַפּט אַלע אַרגענטינער אידן, האָט אַריינגע־בראַכט אין דער חברה קדישא אַ נייעם טאָן: אַ אידיש נאַציאָנאַלן. די חברה קדישא האָט גענומען עפענען איר קאַסע פאַר נאַציאָנאַלע אידי־שע צוועקן. אָנגעהויבן האָט זיך דאָס מיט הילף פאַר די אידן פון יענער זייט ים און איבערגעגאַנגען איז עס צו נאַציאָנאַל פאָנד, צו קרן היסוד און באַין ברירה אויך צו „ציטשא" און „איוואָ", וואָס האָבן גענומען שיקן אַהער זייערע שליחים און איר ביישטייער האָט אַפילו נישט

געפּעלט צום „געזערד", ווען איר שליח איז אַהער געקומען אָדער ווען דאָ זיינען געמאַכט געוואָרן קאַמפּיינען פאַר דער אידישער איבערוואַנדערונג אויף ערד אינעם ראַטנפאַרבאַנד. דערפון איז געדרונגען, אַז אין דער פאַרוואַלטונג פון דער חברה קדישא זיינען אריינגעקומען מענטשן מיט אַט די מאָדערנע אידייען, אַלנפאַלס אַזעלכע, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט פון זיי און האָבן פאַרשטאַנען, אַז דערמיט דריקן זיי אויס די שטימונגען און דעם ווילן פון דער מערהייט מיטגלידער אירע.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך פאַרשטאַרקט דער מוטואַליסטישער כאַראַקטער פון דער חברה קדישא, אונטער דער ווירקונג פון די מאָדערנע טעאָריעס פון סאָציאַלער הילף: הילף דורך אַרבעט, רעקאָנסטרוקטיווע הילף, און עס איז געקומען די רעפאָרם פון אירע סטאַטוטן, לויט וועלכע זי פיגורירט דורכויס אַלס געזעלשאַפט פאַר קעגנזייטיקער הילף. מיר לאָזן דאָ דורך די פּרואוון, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן וועגן שאַפן דאָ אַ אידישע רעפּרעזענטאַנץ, אָדער אַן אַליאַנץ מיט רעפּרעזענטאַטיווע צילן, וואָס האָבן געזאָלט האָבן די חברה קדישא אַלס באַזע. די פּרואוון האָבן זיך נישט אָנגעקלעפּט, זיכער אַלס פּריצייטיקע, אָבער אַ הוץ דעם באַגער נאָכצומאַכן די אייראָפּעיִשע אידישע קהילות, האָבן זיי אויך געהאַט אַלס גרונט אַט די הייוון, וואָס יערן אינעם אַרגענטינישן אידישן לעבן, און זיינען פון זייער זייט אַ פּראָדוקט פון דער צייט און פון דעם אָרט, ווען און וואו דאָס האָט זיך אָנגעהויבן.

די צוויי פריער אָנגעוויזענע הויפּט־שטריכן פון דער חברה קדישא, די נאַציאָנאַל־אידישקייט און מוטואַליסטישקייט, איז צו פאַרדאַנקען געווען צוויי עלעמענטן, וואָס האָבן זי גענומען אַלס אָביעקט פון זייער געזעלשאַפטלעכן אינטערעס: די ציוניסטן און די קווענטעניקעס. די לעצטע זיינען אפילו נישט קיין אידעאָלאָגישער קאָנטראַסט צו די ערשטע, אָבער אַ סאָציאַלער קאָנטראַסט זיינען זיי, דערמיט וואָס זיי שטעלן מיט זיך פאַר עקאָנאָמיש אַ שיכט, וואָס זוכט זיין וועג צו געזעלשאַפטלעכער ווירקונג, בעת די ערשטע האָבן אים שוין דערגרייכט אויף דעם אידעאָלאָגישן וועג און דער רעזולטאַט איז געקומען פון דער נישט ווילנדיקער קאָמבינאַציע צווישן די צוויי געזעלשאַפטלעכע כוחות.

ווייניקער ווי אַלע אַנדערע שיכטן אין דער אַרגענטינישער אי־

דישער געזעלשאפט, האָבן אין אַכט גענומען דעם דעמאָקראַטישן כוח פון דער חברה קדישא, די אידישע אַרבעטער און די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן גערעדט אין זייער נאָמען און אָנגעפירט מיט זייערע געזעלשאַפטלעכע און קולטור־אינסטיטוציעס. געשטאַנען איז צווישן זיי און דער חברה קדישא ווי אַ וואַנט, ערשטנס דער רעליגיעזער כאַראַקטער אירער, וואָס ווערט אין איר שטרענג אָפּגעהיט און דער עיקר דאָס וואָס זי איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַן אינסטיטוציע, וואָס אירע אויפגאַבן האָבן גאָרנישט וואָס צו טון מיט די צילן פון דער אַרבעטערשאַפט און נישט מיט זייערע אינסטיטוציעס, די מוטואַלע און קולטורעלע, ביבליאָטעקן, שולן, קלובן אא"וו.

ערשט, אָבער, ווען ביי דער חברה קדישא איז געגרינדעט געוואָרן דער „ועד החינוך", דער אַזוי גערופענער דעפּאַרטאַמענט פאַר אידישער דערציאונג, פאַר וועלכן ער האָט גענומען באַשטימען באַדייטנדיקע סומעס און אַפילו געפאָדערט צוליב אָט דער סובסידיע, העכערן דעם מיטגליד־אָפּצאָל, און האָט איבער דעם „חינוך" געשטעלט משגיחים אויף רעליגיעזער, ציוניסטישער און העברעיסטישער כשרות, האָבן זיך די וועלטלעכע שול־טוער גענומען אַרומקוקן אויף דער עולה, וואָס ווערט קעגן זיי באַגאַנגען מצד דער חברה קדישא און אויך אויף דער עולה, וואָס זיי אַליין זיינען באַגאַנגען קעגן זיך, איבערלאָזנדיק זי אין דורכויס רעליגיעזע און ציוניסטישע הענט אָדער אין די הענט פון גאַנץ וועלטלעכע מענטשן, נאָר מיט אַ גלייכגילטיקער באַציאונג צום אידישן שולוועזן, וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרוויגן מיט דעם פאַלשן אַרגומענט, אַז די חברה קדישא איז אַ רעליגיעזער אַנשטאַלט.

די אויפקלערונג וועגן דעם, אַז דאָס מקבר זיין לויט דעם אידישן ריטואַל מתים, וואָס זייערע קרובים ווילן זיי האָבן אויף דעם אידישן בית־עולם, מאַכט נאָך נישט די חברה קדישא פאַר אַ רעליגיעזער אינסטיטוציע אין אירע פונקציעס פאַר לעבעדיקע אידן און אַוודאי נישט פאַר אַ ציוניסטישער און העברעיסטישער, האָט געווירקט און מיר זעען ווי ס'האָט זיך געענדערט דער באַשטאַנד פון אירע מיטגלידער, טראָץ דער גלייכגילטיקייט וואָס האָט צו איר געהערשט ביי די אַרבעטערשיכטן און טראָץ דעם ווילקיר־מיטל, וואָס אירע פירער האָבן אָנגענומען, אָפּזאָגנדיק זיך אָנצונעמען פאַר מיטגלידער אידן, וואָס קענען

נישט צושטעלן קיין כתובה אַלס באַווייז, אַז זיי האָבן חתונה געהאַט כדת משה וישראל. דער געענדערטער באַשטאַנד פון דער אידישער באַפעלקערונג אין בוענאָס איירעס און אויך אין די שכנהשע פראָווינץ־ישובים, וואָס געפינען זיך אין דער יוריסדיקציע פון דער חברה קדישא, וואָס שייך זייער באַציאונג צום אידישן שול־וועזן, האָט זיך באַזונדער אַרויסגעוויזן ביי דער בויאונג פון די מאָדערנע בנינים פאַר די וועלטלעכע אידישע שולן. און אָט די פאַקטן האָבן עס געווירקט, פון איין זייט, צו פאַראינטערעסירן די וועלטלעכע אידן מיט דער פירונג פון דער חברה קדישא און פון דער אַנדערער זייט געווירקט אויף דער פירונג פון דער חברה נאָכצוגעבן די גערעכטע פאָדערונגען פון דעם וועלטלעכן שול־וועזן.

מיט אָט דער אויסברייטערונג פון דער חברה קדישא־טעטיקייט אויף דעם געביט פון דער אידישער דערציאונג און מיט אָט דעם אויפגעוועקטן אינטערעס צו איר מצד די שיכטן אין דער אידישער באַפעלקערונג, וואָס האָבן זי ביז נישט לאַנג געהאַלטן מחוץ זייער ווירקונגס־קרייז, איז די חברה אַריינגעטראָטן אין אַ נייעם עטאַפ פון איר אַנטוויקלונג, וואָס עפענט פאַר איר נייע פערספעקטיוון און נייע האָריזאָנטן, איבערהויפט אויף דעם קולטור־געביט. מיט אָט דער אויסברייטערונג איז פאַרבונדן דער פאַקט, וואָס די חברה קדישא איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם הויפט־פאַטראָניזירער פון דעם אַרגענטינישן „איוואָ“־אָפטייל און ביים בויען איר נייעם בנין, האָט זי אינזינען געהאַט צו באַשטימען אַ גאַנצן שטאָק פאַר דעם „איוואָ“ און דער „צענטראַלער ביבליאָטעק“, וואָס געפינט זיך ביים „איוואָ“. מיט אָט דער אויסברייטערונג, וועט זיכער אויך אויסגעברייטערט און רעפאָרמירט ווערן דער לערער־סעמינאַר, וואָס פונקציאָנירט ביים „ועד החינוך“ לויט די באַגריפן פון זיין ערשטער סטאַדיע, אַזוי אַז ער זאָל קענען צושטעלן לערער פאַר אַלע שולן, וואָס זיינען אין אָט דעם דערציאונגס־דעפאַרטאַמענט ביי דער חברה קדישא אָנגעשלאָסן. אויך אידיש טעאַטער ווענדט, אין קריזיס־צייט די אויגן צו דער חברה קדישא.

און עס איז קיין חידוש נישט, וואָס די אַלטע שטרעבונג צו מאַכן פון אָט דער אידישער מוטער־אינסטיטוציע די צוקונפטיקע אידישע קהילה פון בוענאָס איירעס, האָט באַקומען נייע פליגל. שוין רופט מען

זי די אידישע קהילה אונטערוועגס און שוין איז אפילו געמאכט געוואָרן אַ פּרואוו צו קאָאָרדינירן איר טעטיקייט אין דער הויפּט־שטאָט מיט דער טעטיקייט פון די קהילה־מעסיקע אינסטיטוציעס אין די פּראָווינץ־שטעט.

וואָס זיינען באמת די אויסזיכטן פון דער חברה קדישא פון בועמאס איירעס? ענטפערן דערויף קען מען נאָר, ווען מען נעמט אויס דעם תנאַי, אַז דאָס דאָזיקע ווערן זאָל נישט זיין קיין געקינצלטער, קיין אָנגענומענער לויט אַ באַשלוס, נאָר זאָל אַרויסקומען ווי אַ נויטווענדיקייט און ווי אַן אומאויפהערלעכע אויסברייטערונג פון אירע פונקציעס. אויפן ערשטן פּלאַן וועלן דאָס מוזן זיין די קולטור־פונקציעס, וואָס אויף דעם געביט וועט זי נישט באַגעגענען קיין קאָנקורענץ און בלויז מיטאַרבעט, אויב, נאַטירליך, זי וועט גיין אויף דעם וועג פון טאָלעראַנץ צו אַלע ריכטונגען אין דער אידישער קולטור. שווערער וועט דאָס זיין אויף דעם מוטואַליסטישן געביט, אויף וועלכן זי וועט זיך אָנטרעפן מיט דער עקזיסטענץ פון גרויסע און פעסטע אינסטיטוציעס פון סאָציאַלער הילף, וועלכע וועלן נישט אַזוי לייכט מסכים זיין אויפצוגעבן זייער פולע זעלבסטשטענדיקייט און ווערן אויטאָנאָמע טיילן פון אַ אידישער קהילה.

אָבער, ווי מיר האָבן שוין געזען, בייטן זיך די צייטן און מיט זיי די אומשטענדן און די באַגריפן. די זעלבע הייוון פון דער דעמאָקראַטיע, וואָס האָבן אויפגעטוירן און געשאַפן די עטאַפּן און די מעטאַמאָרפאָזעס פון דער חברה קדישא, ווירקן אויך אין די אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס. שוין איצט שטייען ביי זייער אָנפירונג מענטשן פון דער נייערער אידישער געזעלשאַפטלעכקייט און אונדזער צייט, וואו באַקאַנט, גייט זי מיט אַ סך שנעלערע טריט ווי די פריערדיקע צייטן.

(איקוף — 1946).

Se terminó de imprimir
el día 30 de Setiembre
de 1946 en los Talleres
Gráficos de Julio Kauf-
man Junín 344, Buenos
Aires - Rep. Argentina